STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03343

ZAMLUNG

Shabsa Rapoport

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שבתי ראַפּאָפּאָרט

זאַמלונג

טאָראָנטאָ • קאַנאַדע

תשט״ו — 1955

שבתי ראַפּאָפּאָרט

ז אַ מ ל ו נ ג

תשט״ו — 1955

טאָראָנטאָ • קאַנאַדע

געדרוקט אין דער
פּאָמער פּאָבלישינג און פּרינטינג קאָ.
206 ספּעדיינע עוועניו — טאָראָנטאָ, קאַנאַדע

36

אינהאַלט:

זייט

שבתי ראַפּאָפּאָרט (בילד) — — — 7

שבתי ראַפּאָפּאָרט ביאָגראַפיע — — — — — — — 9

אבל כבד ודברים אחדים אחרי מטתו של בני שבתי הכהן ז״ל הרב ר׳ טוביה גוטמאַן ראַפּאָפּאָרט ז״ל — — — 11

הרב ר׳ טוביה גוטמאַן ראַפּאָפּאָרט ז״ל (בילד) — — — 13

הרב ר׳ יעקב ווייזנפעלד ז״ל (בילד) — — — 19

מיין טאַטע רבקה ראַפּאָפּאָרט — — — — 27

שבתי און רבקה ראַפּאָפּאָרט (בילד) — — — — 31

זייט

שבתי, פייגל, רבקה און יהודית ראַפּאָפּאָרט (בילד) — — — — — 37

אַ פּאָר ווערטער וועגן שבתי ראַפּאָפּאָרט, ה. לייוויק — 39

מיין באַקאַנטשאַפט מיט שבתי ראַפּאָפּאָרט, נ. כאַנין — 43

צום אָנדענק פון מיין תלמיד, ח. ש. קאַזשדאַן — — — 49

שבתי — דער מענטש און חבר, פּ. ל. גאָלדמאַן — — — 55

אַ ליבער פריינט, אַ גוטער חבר, מענדל פעדערמאַן — — — 61

שבתי ראַפּאָפּאָרט — דער לערער, דער חבר, פאָלק זאָלף — — — — — 65

אויפן קבר פון שבתי ראַפּאָפּאָרט (בילד) — — — — 73

שבתי ראַפּאָפּאָרט „זאַמלונג״

זייט

מענדעלע און דער מענטש פון פאָלק — — — — — — — 77

מענדעלע מוכר ספרים — — — — 85

שלום עליכמס סינטעטישע געשטאַלטן — — — 89

י. ל. פּרץ — — — — — — — — 97

דרייסיקסטער פּרץ־יאָרצייט און איצטיקער פאָלקס־טרויער — 101

שמעון דובנאָוו — — — — — — 105

ש. אנסקי — — — — — — — — 111

יהואש — — — — — — — — — 114

פּרץ הירשביין — — — — — — 117

מאַני לייב — — — — — — — 121

לייב מלאך — — — — — — — 125

ה. לייוויק זיין ראָל אין אונדזער לעבן — — — — — — 131

דורכן מדבר פון פאַרצווייפלונג און בטחון (ה. לייוויק) — — — 137

מהר״ם פון רוטענבערג — — — — 143

זייט

יידן פייערן לייוויקס יובילײ — 151

זלמן שניאור — — — — — — — 157

אין זכות פון אונדזער וואָרט — 163

פירער און פערזענלעכקייט — — 167

דער וואָס האָט געזוכט אמת — 170

פּראָבלעמען פון דער יידישער שול אין אַמעריקע — — — — 174

שבתי ראַפּאָפּאָרט מיט קינדער פון פּרוזשאַנער שול (בילד) — 185

די יידישע שול — די קרוין פון אונדזער קולטור רענעסאַנס — 187

אַ פאַרייניקטער פראָנט פאַר דער יידישער שול — — — — 190

איבער די וואָלקנס — — — — — — 196

תל־אביבער טיפן און סצענעס — 201

ליכט און שאָטן — — — — — — — 206

צוריק אָן עם הספר — — — — — 211

רו און קולטור — — — — — — — 215

כאַראַקטער — — — — — — — — 220

שבתי ראַפּאָפּאָרט

שבתי ראַפּאָפּאָרט איז געבוירן געוואָרן אין אַפּט, פּוילן, דעם 28־טן אָקטאָבער, 1898 — ח׳ מרחשון, תרנ״ט, ביי אַ יחוסדיקער משפּחה פון דורות רבנים. זיין משפּחה האָט שפּעטער געוואוינט אין זאַקליקאָוו, ביים זיידן דעם דאָרטיקן רב. שפּעטער האָט די משפּחה זיך באַזעצט אין לובלין.

שבתי פאַרלאָזט די היים, ווען ער איז נאָך גאָר יונג און טרעט אריין אין א יידיש־פּוילישער גימנאזיע אין לובלין, וואו ער האָט געפונען אַ נייע ברויזנדיקע יידישע סביבה און ער איז געוואָרן א טוער אין דעם קרייז.

שבתי פאָרט קיין ווין, עסטרייך, וואו ער שטודירט אין חיות־רבנים סעמינאר.

שבתי איז געווען דער רעדאַקטאָר פון דער גימנאַזיע־צייטונג. נאָכן ענדיקן גימינאזיע פארט שבתי אַוועק קייןווארשע, טרעט אַריין אין יידישן לערער סעמינאר. אין סעמינאר האָט ער אַ סך געאַרבעט, געלייענט געלערנט, געפאָרשט און געזוכט. אַ נייע וועלט האָט זיך פאר אים געעפנט. ער האָט דערפילט, אַז אויפן געביט פון דערציאונג וועט ער געפינען — זיך.

זיין ערשטע שול איז געווען אין לונע, אַ שטעטל לעבן גראָד־נע. פון לונע קומט ער אָן אין דער פּרוזשאַנער יידישער פאָלק־שול. זיין לערערישע אַרבעט האָט געבראַכט אַ סך נייע אויפ־טאָן, וואָס האָבן אים געשאַפן דעם נאָמען פאַר איינעם פון די בעס־טע און פּעאיקסטע לערער אין דער ציש״א, אין פּוילן.

1929 — שבתי פאָרט מיט זיין משפּחה קיין קאַנאַדע. ער באַ־זעצט זיך אין טאָראָנטע. פון טאָראָנטע פאָרט ער פאַרנעמען אַ לערער שטעלע אין פּרץ־שול אין וויניפּעג. נאָך פיר יאָר לערנען אין וויניפּעג, ווערט ער פאַרוואלטער פון דער י. ל. פּרץ שול אין קאַלגארי.

זייענדיק פאר א סך יארן פּריציפּאל פון דער פּרץ שול אין קאַלגארי, קומט ער צוריק קיין טאָראָנטע. ער ווערט לערער אין דער באָראָכאָוו שול, פאַרבאנד פאָלק שול און ביזן סוף פון זיינע טעג, פּרינציפּאל פון די אַרבעטער רינג פּרץ שולן.

שבתי איז געווען פון די בעסטע לערער, אַ גוטער פאַרוואַל־

טער. אַ מענטש מיט גרויס וויסן. אַ גוטער רעדנער און א גרויסער פאַרערער און ליבהאָבער פֿון אלץ, וואס איז שיין אינעם לעבן.

ער איז געווען דער גרינדער און פאָרזיצער פֿון דעם לערער־פאַריין אין טאָראָנטע.

ער האָט זיך קיינמאָל נישט באַנוגנט. נישט געבליבן שטיין. תמיד געוואלט גיין ווייטער און העכער.

אין וויניפּעג שטודירט אין דאָרטיקן אוניווערזיטעט, געווען פֿון די בעסטע סטודענטן.

פון זיין פֿריסטער יוגנט געווען אַ מיטגליד פֿון דער לינקער פועלי ציון פּארטיי, געווען אקטיוו. זיין פּארטייאיש־געזעלשאפֿט־לעך־קולטורעלע ארבעטן זענען ביי אים תמיד געווען פֿארבונדן מיט זיינע בענקשאַפֿטן און זוכענישן אין דער וועלט פֿון יידישער דערציאונג.

דעם 10טן יאנואר. 1951 — ד׳ שבט, תשי״א, אין אָוונט, אין מיטן אַ לעקציע וועגן דער וויכטיקייט אויסצובריייטערן די יידי־שע שולן, זיי פּארגרעסערן, פּארטיפן — איז שבתי ראַפּאָפּאָרט געשטאָרבן, איבערלאָזנדיק פאַריתומט, זיין פרוי פֿייגל, צוויי טעכ־טער: רבקה און יהודית.

ער איז געבראכט געווארן צו קבורה אויפֿן בית עלמין פֿון אנשי אפּט, אין טאָראָנטע, קאַנאַדע.

אבל כבד ודברים אחדים
אחרי מטתו של בני
שבתי הכהן ע״ה



הרב ר׳ טוביה גוטמאַן

ראַפּאָפּאָרט ז״ל

בלב נשבר ונדכה, קרוע ומורתח, מיט אַ צעבראָכן האַרץ, טיף באַצערט און פאַרוויטיקט, נעם איך מיין פעדער אין האַנט אַנצושרייבן עטלעכע ווערטער לכבוד דעם זכר און אָנדענק פון מיין פאַרשטאָרבענעם זון שבתי ע״ה, וועלכער איז נפטר געוואָרן אין סאַמע בליענדיקער יוגנט, נקטף בדמי ימיו ר״ל.

איך ווייס, אַז עס וועט מיר נישט לייכט אָנקומען אָנצושרייבן אַפילו בלויז עטלעכע געציילטע בלעטלעך וועגן דעם גרויסן אומגליק, ווייל מ׳דאַרף באמת האָבן אַן אייזערן האַרץ, און נערוון פון שטאָל, בכדי אומשטאַנד צו זיין אויסצודריקן מיט ווערטער דאָס, וואָס עס פילט אַן „אב שכול״, אַן אומגליקלעכער פאָטער, ווען ער דאַרף רעדן אָדער שרייבן וועגן טויט פון אַ יונג פאַרשטאָרבן קינד. אָבער וואָס קאָן מען העלפן? ס׳איז אַן אייביקע טראַגעדיע, און — שוין מיט טויזנטער יאָרן צוריק האָט שלמה המלך אין זיין באַקאַנטן „קהלת״ געשריבן, אַז „לכל זמן״, אויף אַלעמען איז דאָ אַ צייט, און ער זאָגט דאָרטן ווייטער (קהלת ג.): „עת ספוד״, ס׳איז דאָ אַזאַ צייט, וואָס מען מוז קלאָגן, נישטאָ קיין ברירה, ס׳איז אַ מצווה און אַ הייליקע פליכט, וואָס רופט זיך „כבוד המתים״, אַ כבוד פאַר מתים, אַ מת דאַרף מען נאָכזאָגן עטלעכע לויב־ווערטער, און דאָס איז דאָך שוין זיין לעצטער כבוד.

אָט דאָס גרויזאַמע און אכזריותדיק וואָרט „טויט״ האָט אויך געשאַפן — אַלס באַגלייטער — דאָס וואָרט „הספד״.

דאָס ערשטע מאָל געפינען מיר דאָס וואָרט „הספד״ אין דער תורה, ביי אברהם אבינו: „ויבא אברהם לספוד ולבכותה״, אברהם אבינו האָט מספיד געווען זיין ווייב שרה און איר באַוויינט.

אַזוי שלענגלט זיך דורך, ווי אַ רויטער בלוטיקער פאָדעם, דאָס טרויעריקע וואָרט: „הספד״, דורך דעם תנ״ך, גאַנצע זעקס און פערציק מאָל.

ס׳איז כדאי צו באַמערקן, אַז אינעם גאַנצן תנ״ך געפינען מיר נישט אַפילו איין־איינציק מאָל, אַז אַ פאָטער האָט געזאָלט מספיד זיין אַן אייגן קינד.

ס׳זעט אויס, אַז די פאַרפאַסער פון תנ״ך האָבן געהאַט איינזען און רחמנות אויף די עלטערן, וועלכע, צו זייער גרויסן צער

און אומגליק, האָבן זיי „דערלעבט" דעם טויט פון זייערס אַ קינד, און בשעת מעשה געטראַכט, צו וואָס דאָס דערלעבט...

יאָ, מיר געפינען טאַקע אין מאָל אין דער תורה, ווי אַ פאָ־טער האָט געהאַט דעם אומגליק צו „דערלעבן" דעם טויט פון זיינע קינדער: אהרן הכהן (משה רבינוס ברודער) האָט געטראָפן אַ גרויס אומגליק, זיינע צוויי זין זענען פאַרברענט געוואָרן.

נו, איז טאַקע כדאי צו וויסן, וואָס אַזוינס דער אומגליקלעכער טאַטע, אהרן, האָט דעמאָלט, אין זיין הספד, געזאָגט וועגן זיינע פאַרברענטע קינדער. שטייט גאָר דאָרט (ויקרא י"ג): „וידום אהרן", אהרן האָט לגמרי גאָר נישט געזאָגט... ער האָט בלויז שטיל גע־שוויגן... זייטיקע מענטשן האָבן געוויינט, געקלאָגט אויף דעם שרעקלעכן אומגליק, אבער אהרן, דער אייגענער פאָטער האָט בלויז נאָר געשוויגן...

יאָ, דאָס איז אַ שוויגן, וואָס רעדט אָן ווערטער... וויינט אָן טרערן... דאָס איז אַ שוויגן אין שווערע ביטערע מינוטן, ווען דאָס האַרץ איז פאַרקלעמט, און דאָס מויל איז פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער... דאָס איז אַ מין שווייגן, וואָס שטורעמט וועלטן, און שפאַלט הימלען... אַ שווייגן, וואָס דריקט אויס אַ שטילן, און צו־גלייך מעכטיקן פראָטעסט קעגן די אומפאַרשטענדלעכע וועגן פון דער הימלישער השגחה... און דאָס איז ענדלעך אויך אַ מין שוויגן, וואָס אין מינוטן פון פאַרלוירנקייט, פאַרייניקט עס דעם אומגליק־לעכן מיט אַלע אומגליקלעכע און באַצערטע זינט דעם וועלט־באַ־שאַף...

און איך האָלט דעריבער פאַר נייטיק דאָ צו דערקלערן, אַז מיין שרייבן וועגן מיין יונג פאַרשטאָרבענעם זון, שבתי ע"ה, טראָגט כלל נישט קיין כאַראַקטער פון אַ הספד, אינעם געוויינט־לעכן זין פון וואָרט. ווייל דער אמת איז, אַז אַזאַ אַרט מענטש ווי שבתי ע"ה איז געווען, נייטיקט זיך כלל נישט אין הספדים, ערשט לאחר פטירתו, ווייל נאָך בחייו, ביי זיין לעבן, האָט „ער זעלבסט", מינדלעך און שריפטלעך, שוין דערקלערט ווער ער איז.

זיינע גאַנץ אָפטע ליטעראַרישע שמועסן, זיינע אַרטיקלען אין פאַרשידענע פעריאָדישע שריפטן, זענען כמעט תמיד געווען גע־

ווידמעט געזעלשאַפטלעכע און דערציעריש פּראָבלעמען, און האָבן שוין ממילא כאַראַקטעריזירט און אָפּגעשפּיגלט זיין גייסטיקן מהות, זיין קוק־ווינקל אויף וועלט און מענטש בכלל, און אויפן חינוך פונעם יונגן דור בפרט.

ביי געלעגנהייטן (און אין שייכות מיט מיין איצטיקן שרייבן) טראַכט איך, אַז עס איז כדאי דאָ צו ציטירן עטלעכע שטעלעס פון אונזערע קלאַסיקער, די חכמי התלמוד און זייער מיינונג וועגן ענין הספדים און מצבות, און אָט וואָס זיי זאָגן: „אין עושי נפשות (מצבות) לצדיקים, דבריהם הן זכרונן" (ירושלמי שקלים פ"ב ה"ה) און דער טייטש דערפון איז אַזוי: ס'זענען פאַראַן לייטישע מענטשן, וועלכע נייטיקן זיך לגמרי נישט אין א מצבה, ווייל וואָס איז דען אייגנטלעך אַ מצבה? בלויז אַ קאַלטער שטומער שטיין... און וואָס איז אַזוינס א „סתם הספד"? סתם רייד אָן אינהאַלט... דאָגעגן מענטשן, האָבן געמאַכט וועלכן ס'איז בייטראַג צו יידישער טראַ־דיציע, צו יידישער ליטעראַטור, צום יידישן לשון, צום יידישן המשך, אָט די אויסדערוויילטע, די „יחידי סגולה", זיי שטעלן זיך זעלבסט ביים לעבן אַ מצבה. אַ מצבה, וואָס טראָגט דעם כאַראַקטער פון אייביקייט פאַר דורי דורות.

און אָט איז נאָך אַ שטעלע אין תלמוד: „כל תלמוד חכם שאומרים דבר שמועה מפיו בעולם הזה שפתותיו דובבות בקבר" (יבמות צ"ז), אויף יידיש לשון מיינט עס אַזוי: „יעדן תלמוד חכם ווּעמען, נאָך זיין פּטירה, זאָגן אַמאָל מענטשן נאָך זיינס א דבר תורה, שיינעם שמועס, זיינס אַ גוט וואָרט, אָדער וועלכן ס'איז אײדעלעם געדאַנק, באַוועגן זיך זיינע ליפּן אין קבר, גלייך ער וואָלט געלעבט און הנאה געהאַט.

פאַרשטענדלעך, אַז דער זאַץ איז געשריבן אַלעגאָריש, אָבער דער מיין דערפון איז, אַז אַמתדיקע פאַרדינסטפולע מענטשן שטאַרבן לגמרי נישט, מענטשן, וועלכע שטייען אויף דער וואַך פון יידישע אינטערעסן; מענטשן, וועלכע זענען „שומרים" פון דער יידישער גאָלדענער קייט, זי זאָל נישט פאַרלוירן גיין; מענטשן, וועלכע קעמפן קעגן דער שפּראַכלעכער אַסימילאַציע פון אונדזערע יונגע דורות, אָט־די מענטשן זענען זוכה צו אומשטערבלעכקייט... זיי לעבן

אין די גייסטיקע וועלטן, זייערע נשמות שוועבן אַרום אין די הימלי־שע ספערן צוזאַמען מיט אונדזערע גרויסע יידישע גייסטער, אַט־די הימלישע שומרי ה׳ פונעם „נצח ישראל״, און אַלע צוזאַמען שעפּ־טשען אונדזער אוראַלטע תפילה: „שומר ישראל — שמור שארית ישראל״.

ווי שוין דערמאָנט איז מיין איצטיקע איינלייטונג צום דאָזיקן בוך (וועלכער איז געווידמעט דעם אָנדענק פון מיין זון שבתי ע״ה), כלל נישט „הספדיש״, נאָר „ביאָגראַפיש־אויפקלערעריש״.

שבתי ע״ה איז געווען, אַזוי צו זאָגן, אַ מין גייסטיקע „מזיגה״, אַ סינטעז פון צוויי גאַנץ באַזונדערע און סתירותדיקע כאַראַקטער־שטריכן אין זיין וועלט־באַנעם.

ער איז געווען, אַזוי צו זאָגן, א „שבתי שבנגלה״ און אויך אַ „שבתי שבנסתר״.

דער „שבתי שבנגלה״ איז יעדן איינציקן געווען גענוג באַ־קאַנט, דאַקעגן דער „שבתי שבנסתר״ איז ביז איצט נאָך נישט גע־קומען לידי התגלות.

מיט מיינע איצטיקע עטלעכע „ביאָגראַפיש־משפחהדיקע״ נאָ־טיצן בין איך אויסן אָנצואוואַרפן עטלעכע ליכטשטראַלן אויף שבתיס „פנימיות״, אויף זיין חלק הנסתר, אויף זיין „לפני ולפנים״. אַט־די דאָזיקע ביאָגראַפישע נאָטיצן מיינע — טראַכט איך — וועלן אפשר דינען אלס אַ גייסטיקער „עקס־ריי״ און וועלן אַרויסברענגען אַט־דאָס, וואָס ס׳איז פאַרגעקומען אין די טיפע־טיפעניש פון זיין האַרץ, אַט־דעם שטורעם, גייסטיקן קאַמף און נשמה־געראַנגל, פון וועלכן ער האָט זיך נישט געקענט באַפרייען ביז זיינע לעצטע מינוטן.

שבתי און זיין משפחה־אָפּשטאַם

אויף שבתיס מצבה זענען אויסגעקריצט די פאָלגנדיקע באַ־שיידענע ווערטער: „ער האָט געהאַט אין זיך אַ העלן אָפּשיין פון אַ דור״ [אַ שורה פון ה. לייוויקס אַ ליד]. און אַט־די דאָזיקע עט־לעכע ווערטער געהערן כלל נישט צו דעם סאָרט גוזמהדיקע און איבערגעטריבענע שבחים, וואָס מענטשן קריצן געווינטלעך אויס

הרב ר׳ יעקב וויזנפעלד ז״ל

אויף מצבות. די דאָזיקע לעצטע שורה אויף שבתיס מצבה איז ביז גאָר תמציתדיק און איז כמעט דער קווינטעסענץ פון אלע אַנדערע דאָרט אויסגעקריצט באַשיידענע שבחים. די דאָזיקע לעצטע שורה איז, אַ חוץ דעם אַלעמען, אָבער אויך אַ קאָמענטאַר, אַ דערקלע־רונג, אַ פּירוש, אויף דעם גאַנצן מהות פון שבתיס גייסטיקע פּער־זענלעכקייט, א קורצער פּירוש, אָבער אַזעלכער, וואָס זאָגט זייער אַ סך, אַ מין „מיעוט המחזיק את המרובה".

שבתיס אָפּשטאַם, איז דער שלשלת היוחסין פון משפחת ראַ־פּאָפּאָרט, אַ משפחה, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַזוי צו זאָגן, דעם יידישן „אַדעל־קלאַס", וואָס ציט זיך איבער דורות און תקופות, און מיר געפינען זייער צושטייער אויף גאַנץ פאַרשידענע גע־ביטן. די ראַפּאָפּאָרט משפחה צייכנט זיך אויס מיט איר צאָלרייכע גייסטיקע ריזן, וועלכע האָבן געגעבן זייער בייטראָג צו פאַר־שידענע צווייגן פון חכמת ישראל, אָנהייבנדיק פון באַקאַנטן גרויסן גאון, דער ש"ך ז"ל, וועלכער איז ביז היינט־צו־טאָג דער גרעס־טער אויטאָריטעט אין דער הלכה־וועלט, ביז דעם באַרימטן פאָר־שער פון הכמת ישראל, שלמה יהודה ראַפּאָפּאָרט [שי"ר], וואָס דער היסטאָריקער גרעץ באַטיטלט אים: „דער פאָטער פון דער מאָדערנער חכמת ישראל פאָרשונג".

מיין פאַרשטאָרבענער זון שבתי ע"ה, איז געשיכטלעך געווען שוין דער צוועלפטער דור אין דער ראַפּאָפּאָרט משפחה. שוין ווייט, זייער ווייט פונעם ערשטן שורש. „דור הולך ודור בא" [קהלת א.]. זייער פיל צייטן, תקופות, עפּאָכעס האָבן זיך געביטן זייט דעם אורשפּרינג פון משפחת ראַפּאָפּאָרט. און יעדע תקופה, יעדער דור מיט זיין „שינוי ערכין", מיט זיין „איבערשאַצונג" פון גייסטיקע ווערטן. אָבער ס'איז אַ פאקט, אַז גייסטיקע ווערטן ענדערן זיך, און ווען עס קומען נייע צייטן, און נייע באַגריפן זענען זיי טאַקע „פושטים צורה ולובשים צורה חדשה", אָבער בעצם, אין זייער גייסטיקן מהות, זענען זיי נצחיותדיק, זיי באַזיצן מיסטישע „קרני אור", אַ מין „קאָסמישע שטראַלן", וועלכע רייסן זיך דורך, דורך טויזנט־יאָריקע „צינורין", געהיימע קאַנאַלן און טונעלן און באַשיינען די קינדער פון זייערע משפחהדיקע דורות, מיט אַ

„העלן אָפשיין" פון אַ גלאָררייכן דור. און מערקווירדיק, אונדזערע חז"ל האָבן דעם דאָזיקן גאַנצן ענין אויסגעדרוקט אין אַ גאָר קורצן, אָבער זייער טרעפלעכן זאָץ: „התורה מחזרת על אכסניה שלה" [ב"מ, פ"ה].

ווער און וואָס זענען געווען שבתים זיידע-באָבע ?
/ מיין שווער און שוויגער ז"ל /

ס'איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, אַז איך בין דאָ כלל נישט אויסן צו באַשרייבן די געשיכטע פון שבתים זיידע-באָבע, און אַ פשיטא, אַז מיין כוונה איז געוויס נישט אָנצושרייבן דאָ עפּעס אַ יחוס בריוו. אַזוי ווי אָבער שבתי ע"ה האָט אין זייער הויז פאַרברענגט אַלע זיי־נע קינדער־יאָרן, און אין זייער שטוב, אין זייער סביבה דער־צויגן געוואָרן, און די השפעה פון זייער דערציאונג האָט געהאַט אַ גאָר גרויסע ווירקונג אויף זיין גאַנצן לעבן, אויף זיין גאַנצן מצב הרוח והלך נפש, מוז איך דאָ געבן עכ"פ אַ קורצע שילדערונג — ווער און וואָס זיי זענען געווען.

איך זאָג אַ קורצע שילדערונג, ווייל סיי דער זיידע, סיי די באָבע זענען ביידע געווען ממש לעגענדאַרישע פערזענלעכקייטן, וועגן וועלכע ס'וואָלט זיך לייכט געלאָזט אָנשרייבן אַ גאַנץ דיקן בוך, אָבער ווי געזאָגט שרייב איך וועגן שבתים זיידע-באָבע בלויז נאָר אגב אורחא, און מיין כוונה איז צו געבן אַ שילדערונג פון שבתים כאַראַקטער־שטריכן, וועלכע זענען געווען א פועל יוצא פון זיין דערציאונג, ביי אָט די זיידע־באָבע.

שבתים זיידע אַלס סוחר

שבתים זיידע (מיין שווער ז"ל), האָט געוואוינט אין אָפּט (דעמאָלט ראַדאמער גובערניע), אָבער געשמט כמעט אויף גאַנץ פוילן, אַלס א גביר אדיר, און אַ גדול בתורה. ער האָט געהאַט אַ הורטאָווע געשעפט פון שניט־סחורה, און געליזט געלט פון

סוחרים פון דער גאנצער ראדאמער גובערניע. ס׳איז רעכט געווען צו לייזן אַ טאָג צען־פופצן טויזנט רובל, און אַמאָל גאַנצע צוואַנציק טויזנט. מיין שווער אַליין (שבתיס זיידע) איז אַריינגעקומען אין זיין געשעפט בלויז עטלעכע שעה אין טאָג, און די גאנצע איבעריקע צייט האָט ער עוסק געווען בתורה וחסידות, און די געשעפטן זענען אָנגעפירט געווארן דורך אַן אָנגעשטעלטן מענטשן, וועלכער איז געווען דער גאנצער געשעפטס פירער און נאָך עטלעכע משרתים. אויך מיין שוויגער ע״ה (שבתיס באָבע) און מיין זעליקע פרוי האָבן מיטגעהאָלפן אין געשעפט. מיין שווער איז געווען ממש א צדיק יסוד עולם, אָבער נישט בלויז אַ צדיק אין פעלק... בלויז צו גאָט, נאָר אַ צדיק מיט אהבת ישראל, מיט גרויס צדקה און מעשים טובים, מיין שווערס הויז איז געווען ממש אַן אינסטיטוציע פון „הכנסת כלה״, וואו עפעס אַן אָרעם מיידל, אַ יתומה ר״ל, האָט שוין מיין שווער געגעבן אַ נדן, און געזען צו מאַכן פאַר איר אַ חתונה בכבוד. מיין שוויגער ע״ה האָט מען גערופן „אסתרל די צדקת״, און מיט איר גוט הארץ פאר צדקה, איז זי נאָך איבערגעגאנגען מיין שווער.

מיין שווער ווערט אויס סוחר און נעמט אָן אַ רבנות שטעלע

זעלטן־ווען טרעפט, אַז תורה וגדולה במקום אחד זאָל קענען אויף לאנג אָנהאַלטן, און דאָס זעלביקע איז פארגעקומען ביי מיין שווער ז״ל. ער אַליין, זייענדיק מיינסטנס פארנומען בעיקר אין תורה וחסידות, האָט ער נישט געווידמעט די געהעריקע השגחה, וואָס אַזאַ גרויס געשעפט פאָדערט פון איר אייגנטימער, און האָט זיך פאַרלאָזט בלויז נאר אויף זיינע אָנגעשטעלטע געשעפט־פירער צו וועלכע ער האָט געהאט גרויס צוטרוי, אָבער ביסלעכווייז האָט זיך אָנגעהויבן מערקן, אַז דאס געשעפט ווערט וואס אמאָל שוואַכער, און הויבט אָן גיין מטה, מטה. דורכפירנדיק, דורך א ספעציעלן בוכהאַלטער, אַ גרונטלעכן קאָנטראָל אין די געשעפט ביכער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין געשעפט זענען פאָרגעקומען כסדרדיקע

סיסטעמאטישע גנבות פון סחורה און געלטער, דורך פעלשונג פון די ביכער. מיין שווער ז״ל — ווי אַ גרויסער ערלעכער ייד — האָט כלל נישט געטראכט צו פֿארפירן פּראצעסן מיט די אָנגעשטעל־טע, ער האָט אָבער גלייך פעסט באַשלאָסן ליקווידירן ס׳געשעפֿט. באַלד ווי ס׳איז מפורסם געוואָרן, אַז ר׳ יעקב וויזנפעלד ווערט אויס סוחר, האָט מען אים גלייך אָנגעהויבן פּאָרלייגן פֿאַרשידענע רבנות שטעלעס, לכתחלה האָט ער מסרב געווען, נישט געוואָלט זיין קיין רב, אָבער ענדלעך — לויט דער עצה פֿון זיין רבין — (דער גאון גדול דער כענטשינער רבי, מיינס אַ פֿע־טער פֿון דער מאמעס צד) — האָט ער אָנגענומען דעם משרת הרבנות אין שטעטל זאקליקאָוו (זייער א חשובע רבנות, ווייל דאָרט איז געווען אַ רב אַ גאר גרויסער מקובל, וועלכער האָט אַרויס־געגעבן עטלעכע קבלה ספרים), מיין שווער איז אַריינגעפארן קיין זאקליקאָוו מיט דער באגלייטונג פֿון ידיד נפש, דער אָזשעראָווער צדיק, ר׳ אריה יהודה זלה״ה. דאָס גאנצע שטעטל איז זיי אנטקעגן געפארן, און מיט גרויס פּאראד און כבוד זיי אַריינגעפירט אין שטאָט.

נאָכן ערשטן קבלת פנים, האָט זיך מיין שווער ז״ל מיחד געווען אין א חדר מיוחד מיטן אָזשעראָווער צדיק ז״ל, און מיין שווער האָט זיך צעוויינט, זאָגנדיק: „ווי איז מיר, אַז אויף מיינע עלטערע יארן בין איך נענש געוואָרן צו זיין אַ רב.... נעמען אויף זיך אזא אחריות פֿון פסקנען שאלות, און מ׳איז דאָך נאָר אַ מענטש, און מען קאָן אמאָל, חלילה, נכשל ווערן אין א פסק הלכה״. דער אָזשעראָווער צדיק און גאון איז זייער גערירט געווארן פֿון מיין שווערס טרערן און געזאָגט: „ידידי זאקליקאָווער רב (ער האָט אים שוין מער נישט גערופן ביים נאָמען, ר׳ יעקב), גיט מיר אייער האנט״ (דער שווער האָט אים דערלאנגט זיין האנט, און דער צדיק האָט גענומען דעם שווערס האנט אין זיין האנט אריין, און גע־זאָגט דערביי) „אויב איר האָט אזוי מורא פֿאר חלילה נכשל ווערן אין א דין, זאג איך אייך, אז אלץ וואס איר וועט חלילה נכשל ווערן נעם איך עס אויף מיר״.

דער פּראָבלעם שבתי

צוליב דעם, וואס כמה וכמה גדולי ישראל זענען שטאַרק מקפּיד, אַז אַ פֿאָטער זאָל נישט מספּיד זיין זיינס אַן אייגן קינד, נישט מינדלעך און נישט שריפטלעך און איך טראַכט, אַז דער רוב לייענערס וועלן דאָס טאַקע נאר אזוי און נישט אַנדערש אויסטייטשן, און אַזאַ „אויסטייטשונג״ וואָלט מיר פאַרשאַפט גרויס צער, האָב איך שוין פֿריער אָנגעדייט, אַז מיין שרייבן איז רק נאָר ביאָגראַפיש־אויפקלערעריש.

איך מיין דערמיט צו זאָגן אָט־וואָס: שבתי איז געווען אַ לערער, לערעריי איז געווען זיין פּרנסה, דאָס איז געווען זיין „מקצוע״, פון וועלכער ער האָט געצויגן זיין חיונה, און לכאורה, אויבנאויפיק, אַ לערער מיט אַלע לערערס גלייך, דאָך יעדער איינציקער וועלכער האָט געהאט מיט שבתין וועלכער ס'איז „מגע־ומשא״ האָט גלייך דערפילט, אז שבתי האָט אין זיך עפּעס „אנדערשקייט״, עפּעס „אייגנאַרטיקייט״, אַז ער באַלאַנגט נישט צו דעם חוג פון „כמה לערערס איכא בשוקא״. אין וואס איז אייגטלעך באשטאַנען זיין „אַנדערשקייט״? פון וואַנען האָט גע־שטאַמט זיין גאַנץ אייגנאַרטיקער, בדחילו ורחימודיקער, צוגאַנג צו חינוך, וועלכן ער האָט באַטראכט נישט פאר קיין געוויינטלעכע פּראָפעסיע, נאָר פֿאַר אַן עבודת הקודש, פאַר אַ מין הייליקע מיסיע? וועגן דעם האָט קיינער נישט געטראַכט, אַפילו שבתי אליין האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעגעבן וועגן דעם א דין וחשבון, ווייל דאס איז כלל נישט געווען ביי אים אַן אויסגעפּלאנטער פּראגראם, אַן איבערגעטראכטע שיטה אין חינוך, די איינציקע סיבה פֿון שבתיס אייגאַרטיקייט איז אָבער געווען בלויז אַ טיף־פּסיכאָלאָגישע דאָס איז געווען די שטימע פון בלוט... וואָס א מענטשלעך אויער קאָן נישט דערהערן, און א מענטשלעך האַרץ קאָן נישט דערפֿילן, ווייל זי געפינט זיך טיף, טיף אונטערן באוואוסטזיין, — שבתיס משפחה אָפּשטאַם, זיינע עלטערן זיינע זיידע־באָבע, זיין יוגנט און זיין

דערציאונג, בלויז דאס קאָן זיין דער איינציקער שליסל צו שבתיס הארץ צו די מעמקי לבו וגנזי נשמתו.

בשעת הרב ר׳ טוביה גוטמאַן־ראַפּאַפּאָרט ז״ל האָט אָנגע־הויבן שרייבן פאַרן בוך וועגן זיין זון, שבתי, איז ער געווען גע־זונט, איז פּלוצלונג קראַנק געוואָרן און — ער האָט געשריבן די בלעטלעך אין שפּיטאָל, ער האָט זיך געאיילט, געוואָלט שנעלער פאַרענדיקן — אַזוי לאַנג ווי ער איז געווען ביים באַוואוסטזיין האָט ער אַלץ געשריבן, שורות, ווערטער, ווי ער וואָלט געפילט, אַז דאס זענען זיינע לעצטע ווערטער. ער האָט נישט פאַרענדיקט. דער טויט איז געקומען און איבערגעריסן דאָס לעבן פון דעם איין־און־אַכציק יאָריקן טאַטן, וואָס האָט געשריבן אין זיינע לעצטע שעהן וועגן זיין יונג־פאַרשטאָרבענעם זון, זיין ליבלינג, און חבר. מאָנ־טיק אינדערפרי, יום ב׳, כ״ד אייר, פרשת במדבר, תשט״ו, דעם 16־טן מאי, 1955, איז אויך דער טאַטע נפטר געוואָרן און מיר דרוקן די בלעטלעך נישט פאַרענדיקט.



מיין טאַטע —

פון רבקה ראַפּאָפּאָרט

פינף יאָר כמעט איז שוין אַריבער זינט מיין טאַטע איז געשטאָרבן און איצט, ווען איך שרייב וועגן אים — קוקט זיין בילד אַראָפּ אויף מיר פון וואַנט און זיינע לייכטנדיקע אויגן דריבּגען מיר דורך מיט זייער טיפן טרויער.

פינף יאָר שוין אַריבערגעלאָפן, אָבער דער גייסט פון מיין טאַטן לעבט און האַלט אָן אין זיין הויז, אין אונדזער קליינער משפחה און אין מיר — זיין טאָכטער, — ווייל שבתי ראַפּאַפּאָרט איז נישט געווען קיין געוויינטלעכער מענטש און שבתי ראַפּאַפּאָרט איז נישט געווען קיין געוויינטלעכער טאַטע.

אָט דאָס פנים, וואָס קוקט אַראָפּ אויף מיר פון דער פאָטאָגראַפיע, — ווער קאָן פאַרגעסן אַזאַ פנים? וועלכער תלמיד אָדער דערוואַקסענער, נאָך דער ערשטער באַגעגעניש מיט אים, אַפילו פון עטלעכע מינוט — האָט געקאָנט אים פאַרלאָזן נישט זייענדיק צוגעצויגן פון זיין אויסערגעוויינטלעכער פערזענלעכקייט, נישט זייענדיק טיף גערירט פון דעם וואַרעמען האַלב שמייכלענדיקן און האַלב טרויעריקן גלאַנץ פון זיינע אויגן.

אין דעם פנים און אין די עטוואָס אָריענטאַלישע שטריכן און קלוגע טיפע אויגן, אין די ווינקלען פון די ברעמען — אין אַלץ וואָרצלט עפּעס אַ טיפע אומרואיקייט, וועלכע איז געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אים.

איך פיל אין די אַלע שטריכן אַ מאָדנע צוציאונגס קראַפט. פאַר אַ לאַנגער צייט נאָך מיין טאַטנס טויט פלעג איך ביינאַכט, ווען אין הויז איז שוין געווען פינצטער און אַלע זענען שוין געשלאָפן, צוגיין צו זיין בילד און שטיין און קוקן, לאַנג קוקן אויף זיין פנים.

כ'פלעג קומען ווי אַ טאָכטער קומט צו איר טאַטן מיט אַ האָפענונג צו קריגן דערמוטיקונג, אינספּיראַציע און אויך טרייסט און — איך פלעג עס ביי אים געפינען.

די דעראינערונגען מיינע שטראָמען אויף צוריק, צו מיין נישט זייער ווייטער קינדהייט, איך זע פון דערווייטנס ווי מיין טאַטע קומט אָן פון גאַס, ווי אָפט, אַלס קינד, פלעג איך אַזוי שטיין אין דרויסן און וואַרטן אויף אים און קוקן מיט קינדערישער שטאָלץ און פרייד ווי ער דערנענטערט זיך צו מיר. זיין איינגעהאַלטענעם שנעל־ריטמישן טראָט פלעג איך מיט זיכערקייט דערהערן פון וויט־וויט. זיין ברייטער שפּאַן איז געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אים.

און אַלע מאָל, ווען נאָר איך האָב געהאַט אַ געלעגנהייט צו גיין מיט אים צוזאַמען אַהיים פון שולע, איז עס געווען פאַר מיר אַ גרויסע איבערלעבונג. כ׳פלעג אַריינקומען אין שטוב שטענדיק מיט פרייד און דערהויבונג פון די אַלע טשיקאַווע פאַר מיר אַנט־דעקונגען, וועלכע דער שפּאַציר פלעגט מיר געבן. ווייל שפּאַצירנ־דיק איבער די האַלב־טונקלווערנדיקע גאַסן פלעגט דער טאַטע מיר לערנען אויף אַ שפּילעוודיקן אופן העברעאישע ווערטער, מיר פלעגן רעדן וועגן דער רייזע קיין ישראל, וואָס מיר וועלן מכתמא אַמאָל מאַכן, אָדער אַמאָל פלעגן מיר גייענדיק אַהיים שטיל צו־זינגען צום טאַקט פון אונדזערע טריט, אַזוי זענען מיר געגאַנגען אַהיים — ער מיט זיינע ברייטע שפּאַנען, דער קערפּער פאָרויס, צוואָויגנדיק זיך אַביסל, איך מיט מיינע קליינע טריטלעך, נאָכלויפנ־דיק נאָך אים מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם און זינגנדיק אַ לידל צום טאַקט.

אין שולע פלעגן מיינע קלאַס־חברים מיר פרעגן: „זאָג, ווי איז עס, ווי פילט זיך עס צו זיין חבר ראַפּאַפּאָרטס טאָכטער?״ זיי־ער אָפּט איז עס געווען נישט צו לייכט. ער האָט פון מיר דער־וואַרט און געפאָדערט צוויי מאָל אָדער פינף מאָל אַזוי פיל ווי פון אַן אַנדער קינד. דאָך — זייענדיק זיינע אַ תלמידה פלעג איך מיטגעריסן ווערן מיט דעם גייסט, וואָס האָט געהערשט אין זיינע קלאַסן, האָב איך, נישט ווילענדיק, נאָכגעגעבן אַלע זיינע פאָדערו־נגען, וואָס ער האָט געשטעלט צו אונדז אלס לערער. מיר פלעגן אין קלאַס מיטגעריסן ווערן און באַאיינפלוסט ווערן פון זיין גייסט־רייכקייט, פון זיין פערזענלעכקייט, וואס פלעגט ווירקן אויף אונדז, זיינע תלמידים, ווי אַ כישוף.

מיר האָבן געלערנט, אַ סך געלערנט — אָבער דאָס איז נישט געווען דער געוויינטלעכער, געצוואונגענער יאָך פון לערנען, מיר פלעגן אַריינקומען אין קלאַס מיט אַ ציטערדיקער דערוואַרטונג, מיט אַ שפּאַנונג — וואָס פאַראַ מיסטעריע וועט חבר ראַפּאַפּאָרט היינט פאַר אונדז אויפוויקלען? וואָס פאַראַ נייע געפילן וועלן אין אונדז היינט אויפגעוועקט ווערן? ווייל אין שול ווי אין דער היים האָט ער אַלעמאָל געשטרעבט צום העכסטן אידעאַל פון אַ לערער — און ער האָט עס שטענדיק דערגרייכט.

אַ תלמיד פלעגט פאַרלאָזן זיינע קלאַסן נישט נאָר אָנגעזאַפּט מיט וויסן און פאַקטן וועלכע ווערן אַ סך מאָל פאַרגעסן — נאָר מיט אַ שטימונג פון טיפער גייסטיקייט, מיט אַ בענקשאַפט און

שטרעבונג צו עפּעס העכערס, מיט אַ זוכעניש צו עפּעס וואָס איז בעסער, דערהויבענער, — דאָס ווערט קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

בענקשאַפט — דאָס וואָרט אַנטהאַלט אין זיך אַזוי פיל פון דעם, וואָס מיין טאַטע האָט אונדז איבערגעלאָזט. בענקשאַפט און שטרעבונג. — דאָס לעבן איז קיין מאָל נישט געשטאַנען אויף איין פּלאַץ, נישט געווען גרוי, אונדזער הויז איז געווען אַ פּלאַץ, וואו דעריינערונגען פון דער נאָענטער און וויטער פאַרגאַנגענהייט זענען געווען אַן אַנווייז אויף דער צוקונפט און די געגנוואַרט האָט דורכגעשטראַמט פאַר אונדז ווי אַ כישוף, אָדער אַ שיינער חלום.

כאָטש מיין יונגערע שוועסטער יהודית און איך זענען געבוירן געוואָרן אין קאַנאַדע — איז די וועלט פונוואַנען אונדזערע עלטערן זענען געקומען נישט געווען פרעמד פאַר אונדז. עס איז געווען אַזאַ אומפאַרמיידלעכער טייל פון אונדזער טעגלעכן לעבן, ווי אונדזער „פּאַבליק סקול", אָדער אין די טעגלעכע דערשיינונגען. עס איז געווען עפּעס וואָס האָט געמאַכט אונדז פילן, אַז מיר לעבן מיט זייער לעבן, עס איז געווען נאַטירלעך, מיר האָבן נישט געפילט, אַז מיר זענען אַן אויסנאַם, מיר זענען אַנדערש.

אין שטוב האָבן מיר גערעדט שטענדיק יידיש, און אויב אַמאָל, אַריינלויפנדיק פון גאַס אָדער פון סקול, האָבן מיר זיך געווענדט אין ענגליש, פלעגט מיין טאַטע מיט אַן אָנשטעל פון ערנסטקייט און באַהאַלטענעם גוטמוטיקן הומאָר אין זיינע אויגן אַ זאָג טאָן: — „וואָס האָסטו געזאָגט, כ'בעט דיר זאָג מיר נאָך אַמאָל, דאַכט זיך, אַז איך האָב דיר נישט גוט געהערט". מיר פלעגן דערפילן דעם איידעלעם פאַרוואורף אין דער באַמערקונג און גלייך אַריבער אויף יידיש, וואָס איז געווען באמת אַזוי נאַטירלעך פאַר אונדז.

דער טאַטע פלעגט אונדז דערציילן ווי זיין זיידע אין דער אַלטער היים פלעגט רעדן שבת נאר לשון קודש, העבעראיש. ביידע, איך און יהודית, האָבן באשלאָסן אויך אַזוי צו טאָן, נאר פאַרשטייט זיך מיט וויניק דערפאָלג. אָבער ביסלעכווייז מיט מער און מער זיכערקייט, וועלכע פלעגט דערמוטיקט ווערן דורכן טאַטנס שטילן און שארפן הומאָר און ענטוזיאזם פאַר אונדזערע דערגרייכונגען.

איצט, ווען מיר זיצן פרייטיק צו נאכט ביים טיש שטייט אונדזער טאַטנס שטול אויף זיין שטענדיקן פּלאַץ, נאָר — ליידיק. ווען איך און יהודית שטעלן זיך אויף צו מאַכן קידוש מיט דעם

ניגון, וואס אונדזער טאַטע האָט אונדז געלערנט, הערן מיר אויך זיין האַרציקע און שטאַרקע שטימע, וואָס פּלעגט אַזוי האַרמאָניש אַריינפלעכטן זיך מיט אונדזערע יונגינקע שטימעלעך און זינגען צוזאמען. דעמאָלט האָבן מיר עס געהערט מיט אונדזערע אויערן — היינט הערן מיר נאָך אַלץ אָבער — נאָר מיט אונדזערע הערצער און געפילן.

דעם ערשטן פרייטיק נאָך דעם ווי מיין טאַטע איז געשטאָרבן, ווען איך און יהודית האָבן זיך אָוועקגעשטעלט צום ערשטן מאָל מאַכן קידוש אָן אים — האָבן מיר דעמאָלט, ביי יענעם מאָמענט, ביידע דערפילט די גאנצע גרויזאמקייט פון אונדזער פאַרלוסט. וועלן מיר בכוח זיין אָנצוגיין וויטער? וועלן מיר קאָנען אָנהאַלטן זיין שבת יומטובדיקייט, וואָס האָט געמיינט אַזוי פיל אין זיין לעבן? וועלן מיר בכלל קענען אָנגיין ווייטער לויט זיין אָנגעצייכנטן וועג אָן זיין האַנט, וואָס זאָל אונדז פירן, אָן זיין שמייכל, וואָס זאָל אונדז דערמוטיקן?

פאר מיין טאַטן איז לעבן געווען אַ יום־טוב. און ער האָט אָפּ־געהיט די טאָג־טעגלעכע יומטובדיקייט מיט דעם גאנצן ברען און ליידנשאַפטלעכן ענטוזיאזם פון אַמאָליקע חסידים פון וועלכע ער האָט געשטאַמט פון לאנגע דורות. ער האָט אויך נישט פארגעסן איבערצוגעבן און איינוואַרצלען אין אונדז, זיינע קינדער, און אויך אין זיינע תלמידים, דאָס אייביקע פּייערל פון אמתער יידישקייט, וואָס האָט געטליעט אין אים, פון ערלעכער צוגעבונדקייט צו זיין פאָלק בכלל און צום יידישן מענטש בפרט.

מיר פלעגן זיצן אַלע אַרום טיש, שבת נאָכן עסן, ווי מיר, די קינדער פלעגן עס וואַרטן אויף דעם שבת. מיין טאַטע איז נישט געווען קיין פרומער ייד; ער איז נישט געווען קיין ייד פון כשרות און קאָפּל. זיין יידישקייט איז געווען דער טיפער גלויבן אין ייד און מענטש, אין דער ירושה און טראַדיציע, וואָס מיר האָבן אי־בערגענומען פון דורות יידן פאַר אונדז, און די ירושה האָט ער געוואָלט מיט זיין הייסער התלהבות אָנהאַלטן און איבערגעבן צו אונדז, קינדער, אויף ווייטער.

נאָכן עסן פלעגן מיר זינגען. מיר פלעגן זיך קוים דערוואַרטן אַרויסצונעמען די העבראַיִשע און יידישע לידער־ביכלעך, דעם סידור און מיר פלעגן אָנהייבן זינגען — ער מיט זיין זאַפטיקער, האַרציקער שטימע, די מאַמע און מיר קינדער נאָך אים: צור משלו און שיר המעלות, אשת חיל און ואולי — פאַר אים זענען

דאָס נישט געווען קיין באַזונדערע לידער. די פֿאַרגאַנגענהייט האָט זיך אַריינגעשלאָסן אין דער צוקונפֿט, אין א המשכדיקער גאָלדע־נער קייט פֿון דורות.

פסח ביינאַכט ביים סדר. איך קוק זיך אום אויף צוריק און זע אונדזערע סדרים־נעכט מיט א טיפֿן געפֿיל פֿון פאַרלוסט, פֿון עפּעס, וואָס וועט זיך שוין קיינמאָל צוריק נישט אומקערן, ווייל ווי טיף מיין טאַטע האָט נישט געזוכט איינצוואָרצלען אין אונדז די טראַדיציעס, וועלן מיר דאָך, נישט איך און נישט מיין שוועסטער יהודית, קענען איבערגעבן אונדזערע ווייטערדיקע דורות דאָס געפֿיל, וואָס מיר האָבן געהאַט זיצנדיק ביים סדר־טיש מיטן טאַטן און זיידן. זאָגן די הגדה, הערן זייערע מעשיות. איך געדענק נישט צי כ׳האָב אמאָל געהערט ביזן סוף, ווייל די מעשות פֿלעגן זיך ציען ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

שבתי און רבקה ראַפּאָפּאָרט

דאָס בילד איז גענומען געוואָרן עטלעכע וואָכן פאַר שבתי ראַפּאָפּאָרטס טויט

דער טאַטע פלעגט זיך זעצן לעבן זיידן און עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז נישט ער, נאָר אַ ישיבה בחור פון אַמאָליקע צייטן איז אַריין אין עקסטאַז פון זינגען און לערנען; אַז ער האָט זיך פאַרגעסן וואו ער איז און ווער ער איז. ער האָט מיר אויסגעקוקט ווי פון אַן אַנדער וועלט, אַ וועלט פון וועלכער מ'האָט מיר געגעבן אביסל צו פארזוכן און דאס איבעריקע האָב איך זיך אויסגעמאָלן אין מיין קינדערישער פאנטאזיע, אַ וועלט אין וועלכער מיין טאַטנס גלויבן און אידעאַלן זענען געבוירן געווארן, וואו זיין ברוינזנדיקער, שטענדיק זוכנדיקער כאַראַקטער האָט זיך אויסגעפארעמט, אַ וועלט, וועלכע ער האָט טיילווייז פארלאָזט לאנג צוריק און אַ וועלט וועלכע איז שוין אונדז קינדער פארלוירן אויף שטענדיק.

ווען מיין טאַטע האָט געלעבט זענען די שבתדיקע פרימאָרגנס געווען ביי אונדז אין שטוב אַנדערש ווי פרימאָרגנס פון דער וואָך.

ווען מיר פלעגן זיך אויפוועקן פלעגן מיר געפינען דעם טאַטן און דער מאַמען זיצן אין פראָנט־צימער ביים לייענען דעם תנ"ך. אָדער פרקי אבות. דאָס איז געווען דער איינציקער פרימאָרגן, וואָס זיי האָבן ביידע געהאט צייט פאַר דעם. מיר פלעגן זיך אָוועקזעצן אויף זייערע קני און הערן. וואָס פאַרא רואיקייט, זיכערקייט און תענוג מיר האָבן יענע פרימאָרגנס דורכגעלעבט, און די איינגענעמע דערוואַרטונג פון טאָג. אונדזערע קינדערישע געמיטער זענען געווען איינגעוויגט אין אזא זיסער שטילער רואיקייט פון דערוואַרטונג, זיכערער איינגענעמער דערוואַרטונג. מיר האָבן געוואוסט אז אויב ס'איז א שיינער טאָג וועט מען גיין אין פארק, זיצן אויף דער גראָז, לייענען, אדער דער טאַטע וועט עפעס שוין צוטראכטן עס זאָל זיין אַנדערש. שבת, פלעגט דער טאַטע זאָגן, דאַרף זיין אַנדערש, און בעסער, רואיקער ווי די איבעריקע טעג פון דער וואָך, רוען האָט נישט געמיינט זיך פוילן, טאָן גאָרנישט. צי ס'איז געווען פארברענגען אין דעם קרייז פון אונדזער משפחה, אדער מיט זיינע באַקאַנטע חברים, אַלעמאָל איז עס געווען מיט גייסטיקע זאַכן, ווי א רבי מיט תלמידים.

שבת, יום־טוב — דאָס איז צו וואס זיין נשמה האָט אַלעמאָל געשטרעבט, אוועקלויפן פון וואָכעדיקייט, אפילו אין מיטן דער וואָך, אין טומל פון שטענדיקער פארנומענקייט, שול, מיטינגען, רעפעראַטן, לעקציעס — האָט ער געזוכט אָוועקרייסן זיך פון טאָג־טעגלעכקייט, אויפהייבן זיך העכער פון דער גרויערווירקלעכקייט. נישט וויכטיק אין וואָס עס האָט זיך אויסגעדריקט, צי אין בייטן

דעם אַנצוג, צי דעם קראַוואַט, צי פירן אונדז צו אַ גוטער מואווי, צי אַ שפּאַציר אין גאַס, — ער האָט אונדז אַלעמען אין שטוב מיטגעריסן מיט זיין וואָכעדיקער יום־טובדיקייט. עס איז אַלע טאָג געווען א יום־טוב ביי אים און ביי אונדז אויך. מיר האָבן אַלע טאָג דערוואַרט די יום־טובדיקייט מיטן טאַטנס קומען אַהיים.

איך פלעג ליב האָבן צו גיין מיטן טאַטן אין די מסחר־גאַסן, מיר פלעגן אַריינגיין אין אַ 15־סענט סטאָר און מיט אַ קינדערישן פאַרגעניגן פלעגט ער אויסזוכן אַ נייעם סאָרט מעסער צו שיילן קאַרטאָפל, אַ קונציק זאַלצמעסטעלע, אדער גאר א גאָלד־פישעלע און ברענגען עס אהיים צו דער מאַמען. מיר פלעגן אַלע לאַכן קוקנדיק אויף דער פרייד, וואָס ער האָט געהאט פון די קליינע זאַכעלעך.

עס פלעגט טרעפן, אַז כ׳פלעג קומען אַהיים פון סקול, מיטאָג־צייט, און טרעפן מיין טאַטן אָנגעטאָן אין אָוועראָלס, מיר פלעגן שוין גלייך דערקענען די צערעמאָניע — ער האָט געאַרבעט, פיזיש געפּראַצעוועט, ס׳איז ביי אים דאָס אויך געווען אַ יום־טובדיקייט. געהאַט באַגייסטערונג פאַר דעם, ער האָט ווי געזוכט אויסצולאָדן זיין שטענדיק אַקטיוון גייסט און זאָרגן. ער האָט געהאט אן אינער־לעכע סאַטיספאַקציע פון פיזישער אַרבעט. ער איז געווען שטאָלץ מיט דעם אויסגערייניקטן קעלער, די אָפּגעשוירענע גראָז, מיטן גאָרטן, וואָס מיר פלעגן העלפן דעם פאַרמער באַאַרבעטן, ווען מיר פלעגן זומער וואוינען אין דאָרף.

מענטשן האָבן אים ליב געהאַט, מענטשן האָבן אים פאַר־געטערט. נישט דווקא פאַר זיין אינטעליגענץ, זיין וויסן, זיין חכמה. ניין — נישט פאַר דעם אַליין. עפּעס פאַר אנדערע אומזעבאַרע קוואַליטעטן פון זיין שטאַרקער פּערזענלעכקייט, עפּעס וואָס האָט אַזוי כאַראַקטעריזירט זיין האַלב־אומעטיק און גלייכצייטיק פריינט־לעך לעבנסלוסטיקן קוק פון זיינע טיפע אויגן.

מענטשן האָבן אים ליב געהאַט און ער האָט ליב געהאט מענטשן. צי ס׳איז געווען דזשאַן דער גוי פון שכנישן האַרדוועאר־סטאָר, צי ס׳איז דער שוסטער, וועלכן מיר פלעגן פאַרבייגיין אַלע טאָג און אָפטמאָל פלעגט ער זיך אָפּשטעלן רעדן מיט אים, צי ס׳איז געווען דער „דזשעניטאָר" פון דער שולע — אַלע מענטשן, וואָס האָבן נאָר געהאט אַ קאָנטאַקט מיטן טאַטן זענען געווען זיינע פריינט און ער זייער פריינט.

ער האָט תמיד געזוכט און זיך געוואָלט דערגרונטעווען צו די טיפֿענישן פֿון דער מענטשלעכער נשמה, געזוכט דאָס פּינטעלע מענטש. ער האָט געוואוסט, אַז דאָס אויסערלעכע איז נישט דער עיקר, האָט ער תמיד געגראָבן טיפֿער און טיפֿער. ער האָט ליב געהאַט צו זוכן. אפֿשר דערפֿאַר איז די וועלט אים אַזוי ליב געווען. ער האָט געמאַכט מיט איר א שטילן בונד, ער האָט אין זיין נאַטירלעכן אָפּטימיזם נאָך זייער אַ סך דערוואַרט פֿון איר.

ער האָט אונדז אין שטוב צוגעוואוינט צו פֿילן, אַז מיר לעבן נישט פֿאַר זיך אַליין, אָדער מיט זיך אַליין, מיר, קינדער, האָבן זיך געפֿילט אַזוי נאָענט צו די יידן אין אייראָפּע, אין ישראל, אין די סלאָמס פֿון ניו־יאָרק, אין מאַראָקאָ. איך געדענק: כ'פֿלעג אויסשניידן בילדער פֿון יידישע צייטונגען פֿאַר אַן אַלבאָם אַזאַ, וואָס דער טאַטע האָט פֿאַר מיר אָנגעפֿירט און צוגעהאָלפֿן מיר אין דער דאָזיקער אַלבאָם־אַרבעט. אַזאַ מין „סקרעפּ־בוך”. ס'איז געווען אַ מאָדנער סאָרט „סקרעפּ־בוך” פֿאַר אַ קינד צו פֿירן — בילדער פֿון דער באַלאַגערונג פֿון ירושלים, פֿון דוב גרונערס הענגען, פֿון בערגען בעלזען, פֿון דער שיף „עקזאָדוס” און נאָך אַזעלכע.

איבער אַלץ און מער פֿון אַלץ איז דער טאַטע מיינער געווען אַ לערער, אָבער קיינמאָל נישט אַ לערער אין ספּאָנטאַנאַשן זין פֿון דעם וואָרט, זיין גאַנץ לעבן איז געווען לערנען יענעם, עס איז נישט געווען ווי אַ פֿאַך, ווי אַ קוואַל פֿאַר פּרנסה — לערנען איז געווען פֿאַר אים אַלץ. ער האָט געלערנט, ווייל ער האָט געפֿילט אַ פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט לגבי זיין פֿאָלק, ווי א ייד, זיין פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט צו דער וועלט, ווי אַ סאָציאַליסט, ווי א מענטש, וואָס וויל איבערגעבן די ווייטערדיקע דורות אַלע אוצרות, וואָס האָבן זיך אָנגעקליבן ביז איצט; ער האָט געלערנט, ווייל דאָס איז געווען אין זיין נאַטור, אין זיין כאַראַקטער, ווייל ער האָט נישט געקענט טאָן קיין זאַך נישט לערנענדיק און אויסלערנענדיק. ער האָט געלערנט אין געשיכטע־קלאַס, וואו מיר פֿלעגן זיצן און הערן פֿאַרצויבערט און פֿלעגן אַרויסגיין אָנגעפֿילט מיט חלומות פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט, צי אין שטוב, ווען מיר פֿלעגן זיצן אין אָוונט אַרום טיש און שמועסן, אין קעמפּ, וואו מיר פֿלעגן זיך אַרומזעצן א חברה אַרום אים און אָנלאָדן אונדזערע מוחות מיט געדאַנקען און די הערצער מיט בענקשאַפֿט.

ער איז קיינמאָל נישט געווען באַפֿרידיקט, ער האָט זיך אַליין שטענדיק געלערנט, און געוואָלט וויסן מער און מער. ווי אָפֿט איז

ער מסתמא געווען אנטמוטיקט, ווען ער פלעגט ווען איבערגעבן אונדזערע אמעריקאנער קינדער און אויך דערוואַקסענע דעם גייסט, די באַוואוסטזיניקייט, די רעאַלקייט, וועלכע איז אומגעקומען צו־זאמען מיט זעקס מיליאן יידן אין איראפע. די אויפגאבע איז געווען א שווערע, אבער אויב אימיצער האָט דא געקענט עפּעס דערגרייכן איז עס געווען — מיין טאַטע.

* * *

ווידער אמאָל ווענד איך מיינע אויגן צום בילד פון מיין טאַטן, איך קוק אויפן בילד און איך דערמאָן זיך די ווערטער, וועלכע מיין טאַטע פלעגט אָפּט איבערחזרן צו אונדז: „אַ מענטש מוז לערנען עפּעס אַלע טאָג, מען טאָר קיין מאָל נישט זיין באַפרידיקט מיט די לאָרבער־קראַנצן, וואס מ'האָט שוין דערגרייכט".

וואַקסנדיק און ווערנדיק עלטער, הייבן מיר אָן, מיין שוועסטער יהודית און איך, צו פארשטיין, וואָס די ווערטער האָבן געמיינט. אָט־די דערינערונגען, אָט די ווערטער זיינע וועלן בלייבן פאר אונדז ווי אַ הייליקער ירושה־בוים וואָס וועט וואַקסן, זיך צעבליען און קיינמאָל נישט פאַרוועלקט ווערן.



שבתי, פייגל, רבקה און יהודית ראַפּאָפּאָרט

אַ פּאָר ווערטער וועגן
שבתי ראַפּאָפּאָרט ע״ה

• פֿון ה. לייוויק

נאָר אַ וואוילע זאַך טוען די טאָראָנטער חברים פֿון שבתי ראַפּאַפּאָרט ע״ה, וואָס זיי גיבן אַרויס אין בוכפֿאָרם די אַרטיקלען פונעם פֿאַרשטאָרבענעם לערער און שרייבער. זיי באַווייזן מיט דעם אַ ברידערלעכע באַציאונג צו אַ חבר, נישט נאָר דערפֿאַר אַליין, ווייל ער איז זיי געווען נאָענט אידייאיש, נאָר דער עיקרשט דערפאר, ווייל ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ טיף שעפערישער נשמה. אַ טיף יידישער מענטש. נאָענטע אידייאישקייט איז געוויס פֿאַר זיך אַליין אויך אַ וויכטיקער סטימול וואָס מען דאַרף עס נישט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט. אָבער דאָס אַליין וואָלט נישט געווען גענוג בנוגע שבתי ראַפּאַפּאָרט. דער צוגאַנג צו אים דאַרף זיין, און איז טאַקע, אין דעם פֿאַרנעם פון אַן אַלגעמיינערן כאַראַקטער, פֿון אַן אַלגעמיינערער מדרגה. און דאָס באַווייזן איצט ראַפּאַפּאָרטס חברים.

קומט זיי אַ סך לויב דערפאַר.

איך שרייב מיינע עטלעכע ווערטער אויפן סמך פון מיין פּערזענלעכער באַקאַנטשאַפֿט מיט שבתי ראַפּאַפּאָרט. אַ באַקאַנטשאַפט וואָס איז אַריבערגעגאַנגען ווייט איבער דער גרענעץ פֿון צופֿעליקייט, נישט געקוקט אויף דעם וואָס די עטלעכע מאָל, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו טרעפֿן זיך מיט אים און פֿאַרברענגען מיט אים, זענען אַרויסגעוואַקסן פון אָפּגעזונדערטע באַזוכן מיינע אין טאָראָנטע.

געבליבן איז מיר אַ נישטפֿאַרגייענדיקער איינדרוק פֿון זיין געשטאַלט און פון זיינע שטילע אידעלע באַנעמונגען. ער האָט געטראָגן אין זיך אַ פול האַרץ מיט חשיבות, מיט וואַרעמער ליבשאַפט צום יידישן וואָרט, צו דער יידישער ליטעראַטור, און אַוודאי און אַוודאי צו דער יידישער קינדער־שול. שרייבער און לערער זענען געווען אין אים איינס, אַ גאַנצקייט.

אין זיין לערער־ראָליע איז מיר אויסגעקומען צו זען אים, אויב איך געדענק ריכטיק, נאָר איין מאָל דוכט זיך. ס׳איז אָבער גענוג געווען נאָר איין מאָל אַפילו — צו דערפֿילן די ליבשאַפט פון די קינדער צו אים, די האַרמאָנישקייט צווישן יידישן לערער

און ידישן תלמיד, וואָס ראַפּאָפּאָרט האָט אויף זיין אופן געהאָט דערגרייכט.

אין זיין שרייבער רעאַליע האָב איך אים געזען, פאַרשטייט זיך, נישט איין מאָל. כ׳האָב געלייענט זיינע אַרטיקלען איבער אונדזער ליטעראַטור, איבער איינציקע שרייבער, איבער אַלגעמיינע ענינים, און כ׳האָב געהאַט אַ געפיל, אַז דער מענטש טראָגט טיף אין זיין האַרץ מערער ווי דאָס וואָס עס איז אים באַשערט געווען צו ברענגען צום אויסדרוק. איך האָב עס געפילט אין מיינע שמועסן מיט אים איין מאָל ביי אים אין שטוב, און מערער מאָל — אין שטוב פון אונדזער האַרציקן קאָלעגע און פריינט גרשון פּאָמעראַנץ.

ער האָט גערעדט און אַרגומענטירט שטיל און בנעימותדיק, אָבער אונטער דער שטילקייט האָסטו געפילט, ליגן אָנגעזאַמלט אַ סך ידישע טראַגישע געשרייען וואָס לאָזן זיך נישט אַרויסשרייען. ליגן זיי פאַרבאָרגן. פון צייט צו צייט גיבן זיי אַ לויכט־אויף אין די שוואַרצאַפּלען פון די אויגן, אין אַ ווינקל־שמייכל פון די ליפּן. גוטסקייט און האָפענונג זוכן איינצורואיקן די נישט־אַרויסגעשריגענע צערן. נישט אַלעמאָל גיט זיך עס איין. ווערט דער קול נאָך שטי־לער. די אַקסלען — ווי זיי וואָלטן געגעבן אַ זינק אַרונטער. אָבער באַלד קומט אַ שטראָם פון ידישן בטחון און הייבט די אַקסלען אויף צוריק.

שבתי ראַפּאָפּאָרט איז דורכויס געווען אַ מענטש פון טיפן ידישן בטחון. אין זיין האַרץ איז געוויס געווען מערער ווי דאָס, וואָס עס איז אים באַשערט געווען צו ברענגען צום אויסדרוק סיי ווי אַ לערער, סיי ווי אַ שרייבער. אָבער דאָס וואָס איז יאָ געקומען צום אויסדרוק איז געווען אמונהדיק, ריין און האַרציק־וואַרעם.

מיינע עטלעכע ווערטער זענען נישט אויסן, פאַרשטייט זיך, צו געבן אַן אָפּשאַצונג פון שבתי ראַפּאָפּאָרטס ליטעראַרישע אַר־בעטן. דאָס וועט געוויס געטאָן ווערן ווען דאָס בוך וועט דער־שיינען. זיי, מיינע עטלעכע ווערטער, זענען יאָ אויסן צו וואַרפן אַ ליכט־שטראַל אויף דער שיינער פערזאָן שבתי ראַפּאָפּאָרט, וואָס זי וועט זיך נאָך מער, ביז איך זיכער, אָפּשפּיגלען אין דער אויפ־זאַמלונג פון דער באַשיידענער, אָבער ווערטפולער, וואָרט־ירושה וואָס ווערט איבערגעגעבן דעם לייענער.

מיין באַקאַנטשאַפט מיט
שבתי ראַפּאָפּאָרט

• פון נ. כאַנין

אין מיין פיל פאַרצווייגטער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט איז מיר אויסגעקומען און עס קומט מיר אויס צו באַגעגענען זיך מיט זייער אַ סך מענטשן און איך פּרוביר יעדן מענטשן צו לערנען און פאַרשטיין. די „שוואַכקייט" קומט צו מיר נישט אויס נייגעריקייט, נאָר פשוט אויס ליבע צו מענטשן.

ווען איך באַגעגן זיך מיט אַ מענטשן וויל איך אַריינקוקן אין זיין האַרץ, אין זיין נשמה און נישט אַלע מאָל איז די אויפגאַבע אַ לייכטע. אַמאָל קען מען זיצן און רעדן מיט אַ מענטשן פאַר שעהן און עס זאָל זיין שווער צו דערגרונטעווען זיך וואָס פאַר אַ מענטשלעכע אייגנשאַפטן ער פאַרמאָגט. איר קענט צו זיין האַרץ נישט צוקומען, זי איז אַ פאַרשלאָסענע מיט אַ סך שלעסער. איר דאַרפט זיך מיט אַזאַ מענטשן באַגעגענען נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, זען אים ביי דער אַרבעט, זען אים אין אַקטיווּת לעבן כדי ער זאָל זיך פאַר אייך ענדלעך אַנטפּלעקן סיי מיט זיינע מעלות און סיי מיט זיינע חסרונות.

עס איז דאָ אַ צווייטער סאָרט מענטש. אין דער ערשטער באַ־רירונג מיט אים ווערט איר פון אים דערוואָרעמט און ווערט צו אים צוגעבונדן. זיינע אויגן און אַלע שטריכן פון זיין פּנים פאַר־מאָגן אין זיך שטריכן וועלכע זאָגן אויס די סודות פון זיין האַרץ און נשמה.

שבתי ראַפּאַפּאָרט האָט געהערט צו דער גרופּע וואָס וואו מען האָט אים באַגעגנט איז ער געוואָרן אַ נאָענטער און אַן איי־גענער.

איך געדענק זייער גוט מיין ערשטע באַגעגעניש מיט אים.

אָט זיץ איך אין אָפיס פון בילדונגס קאָמיטעט, פאַרטאָן אין מיינע פאַרצווייגטע אַקטיוויטעטן און עס גייט אַריין אַ יונגערמאַן וועגן וועלכן איך האָב קיין מאָל נישט געהערט, מיט אַ לאַכעדיקן, ליבלעכן פּנים און שטרעקט מיר אויס זיין האַנט מיט אַ ברייטן שלום עליכם און זאָגט, אַז ער וויל זיך מיט מיר דורכרעדן וועגן זיינעם אַ פּערזענלעכן ענין.

זיין ערשטער שלום עליכם, די וואַרעמקייט פון זיין האַנט, האָט מיך שוין צו אים צוגעבונדן. ער זעצט זיך אַוועק און פאַנגט

מיר אָן צו דערציילן וועגן וואָס ער איז מיך געקומען זען. און ער זאָגט:

ער איז אַ לערער; ער איז געווען אין פוילן פאַרבונדן מיט די „צישאָ״־שולן; איצט קומט ער פון קאַנאַדע, וואו ער איז געווען עט־לעכע יאָר אַ לערער, און ער האָט אַ גרויסן פאַרלאַנג צו באַזעצן זיך אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אים דוכט זיך זאָגט ער, אַז דאָס פעלד פאַר אַ לערער איז אין די פאַראייניקטע שטאַטן אַ גרעסערע, אַ ברייטערע. ער זאָגט ווייטער:

און אויב אַ לערער אין אַ שול פון די פאַראייניקטע שטאַטן, וויל ער אַרבעטן, אין דעם נעץ פון די ארבעטער־רינג שולן, וועלכע איז די גרעסטע און פאַרצווייגסטע יידישע שול אין לאנד.

וואָס לענגער ער האָט צו מיר גערעדט, אַלץ שטאַרקער האָב איך געפילט, אַז ער איז אַ לערער נישט צוליב „פּרנסה״, נאָר אַז דאָס איז זיין לעבנס באַרוף; אַז אויסער דעם וואָס ער האָט די אַרבעט אין שול ליב האָט ער זיין אַרבעט פאַרבונדן מיט אַ גרויסער קולטורעלער יידישער מיסיע, נישט נאָר פון דערציען אַ דור פון קינדער פאַר דער יידישער קולטור אין דער יידישער שפּראַך, נאָר ער האָט אויך אַן אינערלעכן באַרוף צו לערנען דער־וואַקסענע צו שטאַרקן דעם יידיש־קולטור־גייסטיקן לעבן.

ווען איינער וועלכן מען קען נישט קומט אַריין און דריקט אויס דעם פארלאנג צו ווערן א לערער אין א שול, איז דאס ערשטע וואס מען פאַרלאַנגט פון אים — און אזוי פלעג איך אויך טאָן — ער זאָל צייגן רעקאָמענדאַציעס פון שולן אין וועלכע ער האָט גע־לערנט; ער זאָל ברענגען רעקאָמענדאַציעס פון אָנגעזעענע פער־זענלעכקייטן פון דער יידיש־פעדאַגאָגישער וועלט און נאָך אזוינע זאַכן.

אָבער, מערקווירדיק, זיין וואַרעמקייט פון רעדן, און זיין אויפ־ריכטיקייט האָט מיך געמאַכט צו פאַרגעסן זיך אויף יעדער רוטין און איך האָב צו אים געזאָגט פריינט ראַפּאַפּאָרט, אויב איר באַ־שליסט צו בלייבן אין די שטאַטן, וועט איר זיין אַ לערער אין איי־נער פון אונדזערע שולן, און געדענקט, אַז אין יענער צייט איז קיין דוחק אין לערערס נישט געווען.

אונדזער ערשטע באַגעגעניש, אונדזער ערשטער געשפּרעך האָט גענומען א לאַנגע צייט פּשוט דערפֿאַר ווייל דער מענטש האָט מיך געוואַרעמט און עס איז געווען אזוי גוט מיט אים צו זיצן און רעדן.

פאר דעם קומענדיקן סעזאָן איז ער ביי אונדז געוואָרן א לע־רער אין ליך, מאַסאַטשוזעטס. צוליב לעגאַלע אורזאַכן האָט ער אין אַמעריקע נישט געקאָנט פּאַרבלייבן און ער איז געפאָרן צוריק קיין טאָראָנטע, וואו ער איז געווען פאר לאַנגע יאָרן דער פּרינ־ציפּאַל פֿון אונדזערע שולן.

שבתי ראַפּאָפּאָרט האָט געהערט צו יענע יידישע פאָלקס אינ־טעליגענטן, וועלכע האָבן פון פֿאָלק נישט געוואָלט אָפּגעריסן ווערן, נאָר לעבן צווישן זיי, און דערהויבן זיי גייסטיק.

שבתי ראַפּאָפּאָרט איז געווען א סאָציאַליסט; ער האָט גע־הערט צו דעם לינקן ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן פֿליגל. לויט זיין גאַנצן געבוי און גייסטיקן מעות האָט ער נישט געקאָנט זיין קיין שטרענגער פּאַרטיי מענטש. זיין האַרץ און זיין נשמה האָט ער נישט געקאָנט איינפּאַנצערן אין אַ פּאַרטיי פּראָגראַם. ביי אים איז סאָ־ציאַליזם און ציוניזם געווען אַ וועלט־באַנעם אַ פֿילאָזאָפיע לויט וועלכער ער האָט געלעבט און אונטער וועלכער ער האָט זיך אַנט־וויקלט.

איך האָב געזאָגט פֿריער, אַז שבתי ראַפּאָפּאָרט איז געווען אַ לערער ביי זיין באַרוף; ער האָט ליב געהאַט די שול, די קינדער, און די געגנשטאַנדן וועלכע ער האָט געלערנט. דערפֿאַר האָבן אים קינדער ליב געהאַט און די קינדער וועלכע זענען געגאַנגען צו שבתי ראַפּאָפּאָרט אין שול, זענען געגאַנגען מיט פֿרייד, ווייל זיי וועלן דאָרט באַגעגענען דעם לערער שבתין.

מיר וועלן שבתי ראַפּאָפּאָרטן געדענקען ווי איינעם פֿון די שענסטע פּערזענלעכקייטן צווישן דער יידישער פאָלקס אינטעלי־גענץ. ער איז פֿון אונדז צו פֿרי אַוועק.

◆

צום אָנדענק

פון מיין תלמיד

• פון ח. ש. קאַזדאַן

שבתי ראַפּאָפּאָרט האָט געענדיקט אין 1923 דעם וואַר־שעווער לערער־סעמינאַר פון דער צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַ־ניזאַציע (ציש״אָ). די וויטערדיקע זעקס יאָר איז ער געווען לערער אין דער ציש״אָ־שול אין פּרושאַני און נאָך ערגעץ. און סיי אין סע־מינאַר, סיי ביי דער אַרבעט אין דער וויטער פּראָווינץ־שול, איז שבתי געווען דער טיפּישער ציש״אָ־לערער, בויער פון דער נייער יידיש־וועלטלעכער שול און קולטור.

געקומען פון לובלין — אַ בחור פון אַ יאָר 21־22, שוין געהאַט פאַרענדיקט אַ פּויליש־יידישע מיטל־שול, ביים טאַטן דעם תלמיד־חכם און רב באַקומען יידישע בילדונג און דערציאונג, — איז ער אַריינגעפאַלן אין סעמינאַר אין אַ סביבה וועגן וועלכער ער האָט געטרוימט, פון וועלכער ער האָט דערוואַרט אַ סך ליכט און גלויבן, פאָלקסטימלעכקייט און אידעאַליזם. דאָס איז טאַקע געווען די אַטמאָספּערע אינעם וואַרשעווער סעמינאַר. תלמידים — שוין אויסגעקריסטאַליזירטע, דערוואַקסענע מענטשן, מיט כאַראַקטער, מיט אידעאַלן, מיט פאַרשטענדעניש פאַרן יידישן לעבן, מיט ביל־דונג און אָנגעלייענטקייט. דער סעמינאַר — אַ לאַבאָראַטאָריע פון יידישער שפּראַך, ליטעראַטור, געשיכטע און קולטור; אַ לאַבאָראַטאָ־ריע פון פּעדאַגאָגיק, מעטאָדיק, קינדער־פּסיכאָלאָגיע. די אַטמאָס־פערע — גרויסער גלויבן אין שעפערישקייט פון יידישע פאָלקס־מאַסן, באַגייסטערונג פאַר דער יידישער שפּראַך און איר ליטעראַ־טור, ליבע צום יידישן קינד און שטרעבן אים צו דערציען צו אַ נייעם־באַנייטן לעבן; גלויבן אין סאָציאַליזם, אין פרייהייט פון גייסט, אין אינטערנאַציאָנאַליזם. די סביבה — חברשאַפט און צונויפגעבונדנקייט צווישן די עלטערע און פערציק תלמידים, אַ גרויסע זעלבסט־פאַרוואַלטנדיקע וואַרעמע משפחה אַריינגעפלאָכטן אין דער גאָלדענער קייט פון דער ציש״אָ־שול־באַוועגונג. און וואַרשע — אָנגעגליט מיט יידיש־פאָלקסטימלעכן עקסטאַז, מיט רעוואָלוציאָנערן גייסט פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט, אַ צענטער פון יידישער ליטעראַטור און יידישע ליטעראַטן, מיט אַ נייעם טיפּ יידישער אינטעליגענץ וואָס וואַרפט אָפּ אַסימילאַציע און שליסט זיך אָן אין דער ברויזנדיקער שול־ און קולטור־באַוועגונג, אין די גרויסע

קאַמפּן פון די ידישע אַרבעטער פאַר זייער נאַציאָנאַלער און סאָ־ציאַלער באַפרייאונג. וואַרשע דער צענטער פון דער נייער ידישער שול־באַוועגונג, דאָ איז געשאַפן געוואָרן די ציש"אָ, דאָ זענען געזעסן די ענטוזיאסטישע בויער פון דער נייער שול און אירע אנערקענטע אויטאָריטעטן.

האָבן זיך די יונגע סעמינאַריסטן אַדורכגעדרונגען מיט אָט דעם נייעם גייסט, אָנגעצונדן אין זייערע הערצער דעם פלאַם פון גלויבן אין דער נייער ידישער שול און אינעם ידישן קינד, געברענט מיט ליבשאַפט אַריינצוקומען וואָס גיכער אין די ווענט פון שול און אויספּרובירן די אייגענע פּעדאַגאָגישע כוחות.

שבתי איז געווען איינער פון זיי. איינער פון זיי, און דאָך — נישט איינער ווי אַלע. זיינע אויגן האָבן געלויכטן אַנדערש, זיין שמייכל איז געווען אַנדערש, זיין שטים און אויסשפּראַך — גאָר אַנדערש. אַ סך באַשיידנקייט, איינגעשלאָסנקייט, פאַרזיכטיקייט, און צווייפל אין אייגענע כוחות, קאָנצענטרירטקייט אין זיך. עפּעס אַ שולדיקייט אויסגעגאָסן אויף זיין פּנים. אַ שטענדיקע אומצופרידנ־קייט מיט זיך מיט חברים, מיט לערער. זיינע אויגן געווענדט צו עפּעס העכערס, וויטערס. נישט פאַרביסן פאַרטייאיש, הערט זיך צו צו יעגעמס מיינונג, אַבסערווירט און לייענט אַ סך, פאַרשט, זוכט אַ פאַרבינדונג צווישן אַמאָל און היינט צווישן טאַטנס היים און פאַרטייאישער „היים". זוכט אַ סינטעז צווישן ייד און וועלט. שאַצט אָפּ די תלמידים און לערער פון סעמינאַר — מיט זיין אייגענער מאָס. און געטרויט ער וועמען פון זיי — איז מיטן גאַנצן האַרצן, מיט ליבשאַפט און פרייד, מיט איבערגעגעבנקייט און אפילו הכנעה־דיקייט.

שבתי טרעט אַריבער די שוועל פון דער פאָלקשול, ער ווערט אַ זעלבשטענדיקער לערער. עס איז פאַר אים הייליקע עבודה. ער טראַכט אַדורך יעדן טראָט וואָס ער גייט מאַכן אין קלאַס. ער ווייסט נישט, אַז ער פאַרמאָגט אַ שטאַרק געווער אין דער שול־אַרבעט: זיין גוטמוטיקייט און שמייכל, זיין אויפריכטיקן און אָפּנהאַרציקן צו־גאַנג צו דער לערערשער און דערציערישער אַרבעט, זיין פּשוטן טאַלאַנט צו געווינען פריינטשאַפט ביי די קינדער. ער פאַרוואַרפט

מיך מיט בריוו: ער האָט ספקות בנוגע זיך און בנוגע זיין אַר־בעט ער האָט מורא פאַר דער גרויסער פֿאַראַנטוואָרטונג. אָפּטמאָל דוכט זיך, אָט־אָט נעמט ער און וואַרפט אַוועק די לערער־אַרבעט און קומט קיין וואַרשע — נאָך אַמאָל נעמען אַ לערער־קורס, אַליין דורכמאַכן אַ פּעדאַגאָגישן סעמינאַר, נאָך אַמאָל דורכדיסקוטירן אַלע פּראָבלעמען וואָס דריקן אים. און אָט — טאַקע באַוויזט ער זיך אין וואַרשע, אין לאָקאַל פון ציש"אָ. ניין, ער איז נישט גע־קומען אָפּזאָגן זיך פון דער אַרבעט. ער איז געקומען אָנלאָדן זיך מיט נאָך אַרבעט, נאָך אויפגאַבן און פֿאַרגעבונגען. ער איז געקומען זיך אָפּפרישן נאָך אַמאָל אַ קוק טאָן אויף זיינע געוועזענע לערער פון סעמינאַר — זיינע איצטיקע פריינט און קאָלעגן. ניין, שבתי האָט געענוג ברייטע פּליִיצעס, פעסטקייט און כאַראַקטער און געזעלשאַפט־לעכן מוט. אַזעלכער בלייבט געטריי — זיין אידעאַל אויף אײ־ביק. שבתי איז אין גאַנצן צונויפגעגאָסן מיט דער שול־אַרבעט מיט דער שול־באַוועגונג.

און ווען עס האַלט ביים אריבערפאָרן פון זיין משפחה קיין קאַנאַדע און ער דאַרף באַשליסן, צי ער פאָרט מיט, — חזרט זיך איבער דאָס זעלבע. ער קומט זיך שואל עצה זיין, ער רעדט און שרייבט אַ סך וועגן דעם, צי מעג ער, צי קען ער, צי דאַרף ער פאַרלאָזן פּוילן. די דעציזיע קומט אים אָן זייער שווער. און אַזאַ איינער ווי שבתי, ווען ער קומט שוין קיין קאַנאַדע, קען זיך נישט אַזוי לייכט צופּאַסן, איז ער ווידער באַהערשט פון ספקות און אומ־דעצידירטקייט: אפשר פאָרן צוריק קיין פּוילן? צוריק צום שורש פון דער וועלטלעכער שול? צוריק צום וויגעלע פון זיין פּעדאַגאָ־גישער אויסבילדונג, צוריק צו די וואָס האָבן אים געקרוינט פאַר א לערער פון דער יידיש־וועלטלעכער שול? און ער שרייבט וועגן דעם צענדליקער בריוו צו דער ציש"אָ. און עס דוכט זיך ווידער: אָט באַלד עפנט זיך די טיר, און עס קומט אַריין שבתי . . .

אָבער ניין, ער איז נישט געקומען. אים איז באַשערט געווען — נאָך 20 יאָר אַרבעט אין קאַנאַדער שול־וועזן — צו באַהעפטן זיך אויף אײביק מיט די קאַנאַדער ערד... אַ לערער פון פּוילן, אַ תלמיד פון וואַרשעווער סעמינאַר האָט געפונען אײביקע רו — אין טאָראָנטע... צו יונג, צו פרי... טראַגיש צו פרי...

שבתי, —

דער מענטש און חבר

• פֿון פּ. ל. גאָלדמאַן

עס זענען שוין אַדורך יאָרן זינט יענעם טרויעריקן טאָג, ווען עס איז אָנגעזאָגט געוואָרן דער פּלוצימדיקער טויט פון חבר שבתי ראַפּאָפּאָרט. אָבער, עס איז נאָך אַלץ שווער זיך אָנועקצווזעצן מיט אַ שרייבערישער געמיטלעכקייט און שרייבן וועגן שבתין. צו פיל זכרונות קאָנקורירן צווישן זיך פאַר דעם באַגרענעצטן פּלאַץ וואָס איך וויל דאָ פאַרנעמען. און פון די זכרונות שווימט אַרויס שבתיס ליכטיק געשטאַלט, וואָל לאָזט מיר איבער אומבאַ־האָלפן: ווי אַזוי גיט מען עס איבער?

עס זענען פאַראַן מענטשן, וואָס עס איז זיי לייכט אַרומצו־נעמען, ווען עס איז נישט שווער צו דעפינירן און כאַראַקטע־ריזירן. שבתי ראַפּאָפּאָרט האָט נישט באַלאַנגט אין דער דאָזיקער קאַטעגאָריע. און הגם מיר איז נישט אויסגעקומען צו לעבן מיט אים טאָג־טעגלעך, אין אינטימקייט, האָב איך אָבער אין אונד־זערע אָפטע באַגעגענישן אים געקאָנט לערנען, אויף וויפל אַ מענטש קאָן לערנען אַ צווייטן אין די ראַמען פון בלויז אָפטע באַ־געגענישן. און עס געדענקט זיך וועגן אים: אַ שלימותדיקער מענטש וואָס זוכט כסדר שלימות. אַ רואיק־אויסזעענדיקער מענטש, וואָס טראָגט אין זיך אַ טיפן אומרו. ווי אַזאַ איז ער געבליבן פאַרוואָרצלט אין מיין זכרון.

אין זיין כסדרדיקן זוכן שלימות און אין זיין טיפער אינער־לעכער אומרואיקייט האָט געוואָרצלט שבתיס שעפערישקייט. און שבתי איז געווען שעפעריש אויף אַלע געביטן פון זיין טעטיקייט און אַפילו אין זיין מענטשלעכער אויסלעבונג. לערער און שריי־בער, פאַרטיי־מענטש און געזעלשאַפטלעכער טוער, און אין פער־זענלעכער באַציאונג — אויף אַט די אַלע געביטן פון זיין לעבן האָט שבתי באַנוצט, און עס האָבן אויף זיי געווירקט, זיינע שע־פערישע אייגנשאַפטן. ער איז געווען א טאלאנטפולער שרייבער, כאָטש ער האָט נישט אָפט גענוג געשריבן. ער האָט געבראַכט צו זיין לערער פּראַפּעסיע זיין טיפע ליבע צום יידישן פאָלק, צו דער יידישער קולטור, צו אונדזער שפּראַך און צום יידישן קינד אין ווען ער האָט געוואָלט איינפלאַנצן די דאָזיקע ליבע. דאָס האָט אים געמאַכט נישט נאָר פאַר אַ גוטן לערער, ווי עס רעדט זיך

אַרויס די דאָזיקע כאַראַקטעריזאַציע, נאָר ווי אַ לערער מיט אַ מי־סיע אין דעם שענסטן זין פון וואָרט.

בכלל זענען נישט געווען פאַר שבתין קיינע ענינים, וואָס ער דאַרף זיך מיט זיי באַשעפטיקן סתם אַזוי. יעדער פּראָבלעם אין יידישן לעבן, צי עס איז געווען אַ פּאָליטישער, צי אַ קולטורעלער, האָט געפּאָדערט ביי אים, אַזוי האָט ער געפילט, אַן אינערלעכע באַציאונג, אַ מיטלעבונג מיט דעם פּראָבלעם. אַזאַ באַציאונג האָט ער אויך געפּאָדערט ביי אנדערע. און אַ יום־טוב איז עס געווען ביי אים, ווען ער האָט באַוויזן דאָס צו דערגרייכן ביי זיינע מיט־אַרבעטער, אין זיין סביבה.

שבתי איז בכלל געווען אַ יום־טובדיקער מענטש. עס גע־דענקט זיך זיין יום־טוב פון גרייטן זיך צו זיין נסיעה קיין ישראל. עס איז געווען קורץ נאָך מיין צוריקקומען פון מיין ערשטן באַ־זוך אין דער יידישער מדינה. איך בין דעמאָלט געקומען קיין טאָ־ראָנטע זיך צו טיילן מיט די חברים מיט מיין פריידי און מיינע אי־בערלעבונגען. שבתי האָט זיך נישט באַנוגנט מיט זיינע פראַגעס און מיט מיינע ענטפערס אויף דער באַריכט־פאַרזאַמלונג. אויסנוצנ־דיק דעם תירוץ, אַז ער וועט מיר באַגלייטן צו מיין האָטעל, איז ער מיט מיר אָפּגעזעסן אַ גאַנצע נאַכט ביז דעם פרימאָרגנליכט. ער האָט מיר באַוואָרפן מיט אומצאָליקע פראַגעס און אויסגעהערט פונקט אַזוי פיל מעשיות וועגן מיינע טעג אין מדינת ישראל. עס איז נישט געווען ביי אים סתם קיין נייגעריקייט. ער האָט שוין דעמאָלט, מיט חדשים פאַר זיין אָפּפאָרן קיין ישראל, געלעבט מיט דעם יום־טוב פון אַ באַזוך אין דער יידישער מדינה; ער איז שוין געווען אונטערוועגנס.

עס איז נאָך אַלץ שווער דאָס אַרויסצורעדן: דער גרויזאַמער טויט האָט איבערגעשניטן אַ פרוכטבאַר לעבן פון נאָך אַ יונגן מענטשן פול מיט חלומות און פון אַ פאַרווירקלעכער פון חלומות. ער האָט אונדז, זיינע חברים און פריינט, פונקט ווי זיין אייגענער משפחה, איבערגעלאָזט פאַריתומט מיט אַ געפיל פון האָבן געליטן

אַ גרויסן פֿארלוסט און מיט אַ ווייטיק איבער דעם פֿאַרלוסט וואָס יאָרן האָבן נאָך נישט געקאָנט און וועלן נישט קאָנען אָפּווישן.

איך בין באמת דאנקבאר די חברים און פֿריינט, וואָס האָבן מעגלעך געמאַכט דאס דערשיינען פון דעם בוך. זיינע געקליבענע שריפֿטן וועלן נישט נאר פארבלייבן ווי אַ געדענק־מאָנומענט נאָך אַ נאָענטן און טייערן מענטשן, נאָר שטעלן אויך מיט זיך פֿאָר אַ וויכטיקן צושטייער צו דער יידישער ליטעראַטור.

אַ ליבער פריינט

אַ גוטער חבר

• פון מענדל פעדערמאַן

דער טויט האָט אויף אַ גרויזאַמען אופן אַרויסגעריסן פון אונדזערע רייען אונדזער ליבן און טייערן חבר, שבתי ראַפּאַפּאָרט.

אַט־ערשט האָט ער דאָך געלעבט צווישן אונדז, זיך באַטייליקט אין אַלע אונדזערע אַרבעטן, געחלומט, געפּלאַנעוועט, געהאָפט. מיט אַ טאָג פריער, פאַר זיין טויט, האָט ער גערעדט מיט מיר וועגן איבערלאָזן אַלץ און אַלעמען און זיך באַזעצן אין ישראל. און היינט איז ער מער נישטאָ צווישן די לעבעדיקע.

שבתי ראַפּאַפּאָרט האָט געפירט אַ מוסטערהאַפטיק לעבן, וואָס דאַרף איצט, ווען ער איז שוין מער נישטאָ, אויפגעדעקט ווערן, בכדי אַלע זאָלן קאָנען באַנעמען, וואָס מיר, זיינע חברים און נאָענטע, דער גאַנצער יידישער קהל, האָט פאַרלוירן.

פון זיין פריסטער יוגנט איז ער געווען אַריינגעטאָן אינעם יידישן כלל־לעבן. ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער לינקער פועלי־ציון־באַוועגונג און דאָך איז ער געווען אייגנאַרטיק אין זיין קוק אויף דעם יידישן לעבן. ער איז געווען אַ לערער און אַ מדריך נישט נאָר פון יידישע קינדער נאָר אויך פון דערוואַקסענע. וואָס שייך זיין לערער־באַרוף, וואו נאָר ער האָט געלערנט, האָט ער אַריינגעפירט זיין שיטה. דאָס איז געווען זיין דרך אין פוילן און נאָכמער האָט ער דאָס דורכגעפירט אין קאַנאַדע וואו ער האָט געלעבט די לעצטע צוואַנציק יאָר. ער איז געווען אַ לערער אין דער באַראָן ב-אַרבאַנד פּאָלק שולן (טאָראָנטע); אין די י. ל. פרץ שולן (וויניפּעג), אין דער י. ל. פרץ שול (קאַלגארי) און ביז דעם לעצטן טאָג פון זיין לעבן דער פּרינציפּאַל פון די אַרבעטער רינג י. ל. פרץ שולן אין טאָראָנטע. אומעטום, אין אַלע טיפן שולן, האָט ער אַריינגעפירט זיין דרך, זיין קוק, זיין צוגאַנג אין דער וועלט פון יידישער דערציאונג.

דערציען יידישע קינדער איז געווען זיין העכסטער אידעאַל. ער האָט נישט געזשאַלעוועט קיין שעהן, קיין אַרבעט, קיין מי.

שבתי איז אויך געווען א געזעלשאַפטלעכער טוער. ער האָט אַ סך יאָרן פאַרנומען אַן אנגעזען אָרט אין דער פירערשאַפט פון דער לינקער פועלי־ציון־באַוועגונג. ער איז געשטאַנען אויף אַ פאַראַנט־וואָרטלעכן פּאָסטן וואָס האָט פון אים געפאָדערט שווערע אַרבעט.

זיין אַרבעט־טאָג האָט זיך געוויינטלעך געצויגן ביז האַלבער נאַכט. אַזוי נאַכט־איין נאַכט־אויס, אָפט מיט שבת און זונטיק אַלס צולאָג. ס'איז ממש געווען אומבאַגרייפלעך ווי אַזוי ער האָט זיך געקאָנט ספּראַווען מיט דעם אַלעם.

בשעת ער האָט געקראָגן אַ פּאָר וואָרנונג־סיגנאַלן אַז זיין האַרץ איז נישט „מיט אַלעמען", — האָבן מיר אים געבעטן צו ווערן שפּאָרעוודיקער און זיך נעמען מער רו. ער האָט לגמרי נישט גע־טראַכט וועגן רוען. ווען ער איז צוריקגעקומען פון זיין ישראל־רייזע האָט ער געהאַפּט, אַז ער וועט „ערשט איצט אָנהייבן לעבן". איז אָבער געקומען דער טויט און אַזוי אכזריותדיק צונישט געמאַכט שבתיס פּלענער און חלומות.

שבתי דער גוטער און ליבלעכער, איז אויך געווען אַן עקשנות־דיקער קעמפער און האָט זיך תמיד איינגעשטעלט פאַר זיינע פּרינ־ציפּן. דאָס האָט זיך זייער קלאָר ארויסגעוויזן בשעת ער האָט גע־לערנט אין די פאַרשידענע טיפּן שולן. אָבער ווי עקשנותדיק און פּרינציפּיעל ער איז געווען אין זיין פּראָפעסיע און אינעם ידישן כלל־לעבן, איז ער גלייכצייטיק געווען אַ האַרציקער חבר און אַ וואַרעמער מענטש. באַזונדערס האַרציק, וואָס איז דערגאַנגען ביז צאַרטקייט, איז ער געווען אין זיין הויז, צו זיין פרוי און קינדער. ער איז נישט נאָר געווען אַ לעבנס־באַגלייטער און אַ טאַטע, נאָר אַן אמתער פריינט און חבר זייערער.

שבתי איז געווען א תלמיד חכם, אַ סך געלערנט, געלייענט און איז תמיד געווען דאָרשטיק צו וויסן נאָכמער צו גיין ווייטער און העכער.

האָט דער ביטערער טויט אים פאַרשטעלט דעם וועג.

זאָלן די דאָזיקע עטלעכע ווערטער זיין דער אויסדרוק פון ליבע און פאַרערונג צו אונדזער שבתין פון אַלע זיינע חברים און נאָענטע, מיר וועלן אים תמיד געדענקען.

◆

שבתי ראַפּאָפּאָרט —

דער לערער, דער חבר

פון פאליק זאָלף

מיט אַן ערך פֿינף און צוואַנציק יאָר צוריק, איז א גרופּע שול־טוער און לערער פֿון דער וויניפּעגער י. ל. פּרץ שול געקומען צו דער באַן־סטאַנציע צו באַגעגענען דעם נייעם לערער — שבתי ראַפּאָפּאָרט, וועגן וועלכן מ׳האָט געהאַט געשריבן צו אונדז פֿון פּוילן, אַז נישט קוקנדיק, וואָס ער איז פֿאַרהעלטנישמעסיק נאָך גאַנץ יונג, איז ער שוין דאָרטן פֿאַררעכנט אַלס איינער פֿון די אָנגעזעענסטע לערער אין די ציש״אָ־שולן.

ס׳איז אונדז אַנטקעגן געקומען עפּעס אַן אומבאַקאַנטער מענטש, פֿון מיטעלן וואוקס מיט אַ גרויסן צעשויבערטן שוואַרצן קאָפּ־האָר, מיט אַ הויכן שטערן, מיט שאַרפֿע געזיכט־שטריכן און מיט נאָך שאַרפֿערע, טיף־דורכדרינגלעכע אויגן. דער דאָזיקער פֿרעמדער, מיט אַן אָנגעפּאַקטן לעדערנעם פּאָרטפֿעל אונטערן אָרעם, האָט געמאַכט אַ טראָט נעענטער צו אונדז און מיט אַ שטיל בנעימותדיק קול אַ זאָג געטאָן: — ווי איך פֿאַרשטיי, זייט איר געקומען באַגעגענען דעם לערער ראַפּאָפּאָרט.

פֿון דעמאָלט אָן האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער לאַנג־יאָריקע פֿריינטשאַפֿט.

* * *

כידוע, קומט אָן שווער יעדן נייעם אימיגראַנט ביז וואַנען ער הייבט אָן שלאָגן וואָרצלען אין דער נייער ערד. שבתי ראַפּאָפּאָרטן איז דער דאָזיקער פּראָצעס אָנגעקומען נאָך שווערער און נאָך מער פּיינלעכער. ער, אַ מענטש פֿון אַ שטאַרקן סענסיטיוון כאַראַקטער, וואָס יעדער אומבייט פֿון אָרט און סביבה, האָט איבער־געלאָזט אויף אים אַ שווערן איינדרוק, א פשיטא שוין, ווען דער גורל האָט אים געפֿירט אַזש אַהער. די פֿרעמדקייט האָט אים גע־שראָקן. ער איז, די ערשטע צייט, ממש פֿאַרצערט געוואָרן פֿון בענק־שאַפֿט צו דעם שפּרודלדיקן יידישן לעבן, וואָס ער האָט איבערגע־לאָזט אויף יענער זייט ים, אין פּוילן, וואו ער איז געווען איינער צווישן א מחנה יונגע לערער, אידעאַליסטן, וואָס האָבן געחלומט, אַז דורך דער נייער יידיש־וועלטלעכער שול, וועלן זיי דערציִען

אַ שענערן און בעסערן דור. ער האָט שטאַרק געצווייפלט צי ער וועט ווען עס איז קענען זיך איינפּלאַנצן אין דער נייער קאַנאַדער ערד.

אין די פּרייע, לערערישע „בין הזמנים" האָבן מיר בײדע אַ סך שפּאַצירט איבער די ברייטע וויניפּעגער גאַסן, געמאַכט אָפטע „אויספלוגן" איבער די שיינע וויניפּעגער פּאַרקן. ער האָט געשלונ־גען, מיט דורשטיקע אויגן, זיך אָפּגעשטעלט ביי יעדן היסטאָרישן דענקמאָל, אַרויסגעוויזן גרויס אינטערעס און באַהאַוונטקייט אין דער קאַנאַדער געשיכטע, ווי ער וואָלט גאָר נישט געווען קיין פרעמ־דער, נאָר ווי אַ יונגער קאַנאַדער שילער, וואס איז נאָר־וואָס אראָפּ פון שול־באַנק.

שבתי האָט שטאַרק ליב געהאט צו שפּאַצירן אין די נעכט, אָפט ביזן גרויען פרימאָרגן. מיר האָבן אַ סך גערעדט, אַ סך גע־שמועסט, בעסער געזאָגט: ער האָט גערעדט און איך האָב זיך צו־געהערט. ווייל א „שמועסער" איז ער געווען אַזאַ, וואָס צו אים איז קיין גלייכן נישט געווען. פשוט, ער האָט הנאה געהאט פון רעדן. און ווער רעדט נאָך ווען ער האָט געפונען צוטרוי צו זיין צוהערער, האָט ער ליב געהאט פאר יענעם אַראָפּרעדן זיך פון האַרץ, אַנטפּלעקן זיך פאַר אים מיט אַלע זיינע אינטימסטע אי־בערלעבונגען.

אין די דאָזיקע אָפטע נאַכטיקע שפּאַצירן, האָט ער מיר אַ סך דערציילט וועגן זיך, וועגן זיין יוגנט, זיין יחוסדיקן אָפּשטאַם, פון זיין טאַטן דעם למדן און דעם משכיל, ווי אַ בלאַט־גמרא, אַ פּרק „מורה נבוכים", מיט אַ שיר ביאַליק זענען געגאַנגען צוזאַמען. און — אויך פון זיינע יארן אין דער יידיש־רוסישער גימנאַזיע, וועגן דעם רבנישן חיות־סעמינאַר אין ווין. און — וועגן דעם יידישן לערער סעמינאַר אין וואַרשע. וועגן זיינע ערשטע לערערישע טריט, זיינע ספקות, זיינע שווערע ראַנגלענישן ביז ער האָט דער־גרייכט צו לערערישע פרייד און נחת.

ער האָט פאַר מיר אויך דערציילט, געשילדערט דעם פּיי־ערלעכן אָפּשייד־אָוונט, דעם באַנקעט. וואס זיין שול, אין דער

שטאָט פּרושאַני, האָט פאַר אים געמאַכט, ערב זיין אָפּפאָר פון פוילן.

* * *

דער נייער לערער, שבתי ראַפּאָפּאָרט, איז באַלד געוואָרן דער ליבלינג פון דער פאַרצווייגטער גויניפּעגער פרץ־שול־געזעלשאַפט. ביי יעדן שול־צוזאַמענקום, אָדער ווען מען האָט פאַרבראַכט אין א היימישער מסיבה איז שבתי באַלד געוואָרן דער צענטער. דער עולם האָט באַלד אָנגעשטעלט מויל און אויערן צו הערן, וואָס ער האָט צו זאָגן און — וואס צו זאָגן האָט שבתי שטענדיק געהאט אַ סך.

אַ זעלטענעם טאַלאַנט האָט שבתי געהאַט צו דערציילן אַ מעשה, איבערגעבן א סצענע, אַ בילד. דער צוהערער איז באַלד אַריינגעצויגן געווארן, ווי ער וואָלט אַליין איבערגעלעבט.

מיט זיינע לעקציעס און רעפעראטן האָט ער געהאַלטן גע־שפּאַנט דעם גרעסטן עולם. ווער רעדט נאָך, ווען אים איז אויס־געקומען זיך צו באטייליקן אין עפנטלעכער דעבאַטע, איז ער גע־ווען שאַרף.

אַ גאָר באַזונדערן טאַלאַנט האָט שבתי געהאט צו נגינה. ער האָט געזונגען מיט דביקות, מיט חסידישן ברען. בשעת חדווה פלעגט ער נישט איינמאָל זאָגן: „אין מיינע אָדערן רינט חסידיש בלוט".

* * *

מיט אַ גאָר באַזונדער ליבשאַפט האָבן זיך צוגעבונדן צו אים די יונגע לערער פון דער שול. זיי האָבן באַלד דערפילט, אַז מ׳קאָן פון אים אַ סך לערנען. ערשטנס, קומט ער דאָך פון פוילן, וואו די יידישע שול איז געווען די קרוין פון יידישן לעבן. צווייטנס, איז ער דאָך געווען אַ גראַדואַידטער פון יידישן לערער סעמינאַר אין

ווארשע, וואו זיינע לערער און מדריכים זענען געווען די באַ־וואוסטע פּעדאַגאָגן.

זיינע תלמידים פון דער עלעמענטאַר שול זענען געווען ממש פאַרליבט אין אים. זיין קלאַס־צימער איז שטענדיק געווען אַ מוס־טער פון פיזישער ריינקייט און פון גייסטיקער שלימות. ער האָט געלייגט זייער פיל אויפמערקזאַמקייט אויף דעם אויסערלעך־עס־טעטישן אויסזען פון זיינע תלמידים, אויף זייער הלבשה און אויף זייערע שול־מכשירים.

גרויס דערפאָלג האָט ער אויך געהאַט ביי זיינע עלטערע תלמידים פון דער מיטלשול און העכערע קורסן. נאָך יעדער לעק־ציע, צי דאָס איז געווען ליטעראַטור, געשיכטע, פלעגן די „מיטל־שולניקעס" אַזוי גיך אים נישט אָפּלאָזן, — ווייטער פאַרגעזעצט אַ שמועס.

שבתי האָט זיך נישט געשראָקן פאַר קיין אַרבעט. ער האָט אומעטום אין אַלע צייטן, צו יעדער אונטערנעמונג צו געלייגט אַ האַנט. איז עס געווען אויסשטעלונגען פון שול אַרבעטן, קורסן פאַר דערוואַקסענע, ער איז געווען אומעטום פון די פּלאַנירער און אַלץ געטאָן מיט איבערגעגעבנקייט.

זיין הויז אין וויניפּעג איז שטענדיק געווען אַ זאַמל־אָרט פאַר חברים, לערער און קולטור־טוער.

* * *

שבתי ראַפּאָפּאָרט, מיט אַלע זיינע פעאיקייטן און טאַלאַנטן, האָט אים אָבער געפעלט דער טאַלאַנט צו קענען ווערן אַ תושב פאַר אַ לאַנגע צייט. ס'האָט אים געצויגן צו נייע מקומות. ער פלעגט טענהן צו אונדז: „ווי קאָן אַ מענטש בלייבן זיצן אויף אַן אָרט, בעת די וועלט איז אַזוי גרויס און שיין?" ער פלעגט מיר נישט איינמאָל זאָגן: „ווי באַלד מ'איז שוין איינמאָל אויסגעריסן געוואָרן מיט די וואָרצלען פון דער אייגענער ערד, פון דער אייגענער היים,

וואו דאס וויגעלע איז געשטאַנען, איז שוין שווער צו געפֿינען פֿאַר זיך א מקום מנוחה".

נאָכן אָפּזיין פיר יאר אין וויניפעג, איז ער אַוועק אין וויטן מערב, אין קאלגארי, געווארן דער דירעקטאָר פון דער דאָרטיקער פרץ־שול.

ער איז געווען באגייסטערט פֿון דער ניי־אנטדעקטער וועלט, פֿון די בערג און וואסערן, פֿון די שיינקייטן, וואס דער קאנאדער מערב פֿארמאָגט, ער האָט נישט געהאט קיין ווערטער אויסצודריקן זיין התפעלות וועגן דער שיינקייט פֿון דער וועלט.

שבתי וואַנדערט ווידער, צוריק צום מזרח — טאָראָנטע. אַ גרויס קאפיטל יידישע קולטור־געשיכטע האָט שבתי אַריינגעשריבן מיט זיינע ארבעטן פאר דערציאונג, פאר יידיש לעבן בכלל.

דער גרויזאמער טויט האָט איבערגעריסן. נישטאָ שוין נאָך אַזא מענטש, אַזאַ לערער, אַזאַ ייד, אַזאַ חבר.

אויפֿן קבר פֿון שבתי ראַפּאָפּאָרט — דער קאָמיטעט, די אַרויסגעבער פֿון דעם בוך:
פֿייגל ראַפּאָפּאָרט, דר. לייוויק דזשעסל, ישראל זיסאַפּל, רבקה ראַפּאָפּאָרט, יהודית ראַפּאָפּאָרט, מענדל פֿעדערמאַן, פֿישל זילבערבערג, גרשון פּאָמעראַנץ, הערשל פּאָמעראַנץ, יחיאל גרין, יעקב גאָלדבאַך

די אַלע אַרטיקלען, וואָס ווערן דאָ ווייטער געדרוקט אין
בוך, האָט שבתי ראַפּאָפּאָרט ע״ה, פֿאַרעפֿנטלעכט
אין פֿארשידענע צייטשריפֿטן און זשורנאַלן.
צוליב דעם, וואָס עס פֿעלן די דאַטעס און
די נעמען פֿון די צייטשריפֿטן האָבן
מיר בלויז איינגעטיילט די אַרבעטן
לויטן פֿאָלגנדיקן סדר:
ל י ט ע ר אַ ט ו ר
ש ו ל
י ש ר א ל
א ל ג ע מ י י נ ע ע נ י נ י ם

מענדעלע און דער
מענטש פון פאָלק

ס׳איז גוט וואָס מ׳האָט זיך ביי אונדז ארומגעזען, אַז ס׳איז דאָ אַ געלעגנהייט נאכאַמאָל איבערצובלעטערן מענדעלען — די געלעגנהייט פֿון הונדערטסטן געבורטיאָר. ס׳איז געווען אַ גרויסע מורא, אַז אָט־אָט און מענדעלע וועט פֿאַרגעסן ווערן, אַז זיינע ווערק וועלן בלייבן ליגן אויף די ביבליאָטעק־פּאָליצעס, איינגעהילט אינעם זילבערנעם שטויב פֿון געשיכטלעכער גרויסקייט און ארכיווישער אָפּגעזונדערטקייט... ווען מענדעלע האָט אין 1909 געמאַכט זיין באַוואוסטע נסיעה איבער שטעט און שטעטלעך פון תחום, האָט אים די קולטורעלע יידישע באַפעלקערונג אויפגענומען ווי א פּרינץ, מיט גרויס כבוד און פֿרייד. ס׳איז נויטיק געווען מ׳זאָל אויסגעפינען אין די מעטריקעס עפּעס א געבורטס־דאַטע פאַר א פייערונג, ווייל ס׳האָט נאָך געלעבט דער לייענער און באַוואונדערער פֿון מענדעלעס ווערק, ס׳האָט נאָך געזשיפּיעט א שטיק פון דעם לעבן, וואָס מענדעלע האָט געשילדערט און ליטעראריש געפֿורעמט לזכרון פון די שפּעטערדיקע דורות. מ׳האָט דעמאָלט מענדעלען געטראָגן אויף די הענט, מ׳האָט געקליבן זיינע ווערק כדי זיי נאָכאמאָל ארויסצוגעבן. די פּרעסע איז פול געווען מיט ארטיקלען און אָפּרופן וועגן „דעם זיידן פון דער יידישער ליטעראטור". אַזוי אַרום איז שוין ממילא אלס פועל יוצא פֿון אַ נאטירלעכער פּאָלקס־באַוועגונג געפּייערט געוואָרן זיין 75־טער יובילײ.

אַנדערש אָבער איז די לאַגע איצט. פֿון אַלע פאַרשוינען, געשעענישן און משונהדיקע העלדן וואָס מענדעלע האָט אזוי מייסטעראַפּט געשילדערט איז קיין שריד ופליט נישט געבליבן. אַ מוראדיקער וויכער האָט א בלאָז געטאָן איבער דער וועלט אינעם לעצטן פערטל יאָרהונדערט: מלחמות און רעוואָלוציעס האָבן לחלוטין געביטן דעם פּרצוף פון קאבצאנסק, פון גלופּסק און טונעיאדעווקע; דאָס נייע לעבן האָט נייע העלדן. די יידישע ליטעראטור האָט פֿאַר זיך אַ נייעם לייענער, מיט אַן אנדער געשמאַק און דערציאונג. דאַרף מען שוין האָבן ספּעציעלע סטימולן, דערמאָנונגען און היסטאָרישע דאַטעס כדי נאכאַמאָל אויפצועפענען דאָס גרויסע, היסטאָרישע מענדעלע ווערק.

מ׳האָט ביי אונדז אפּטמאָל אָנגעוויזן אויף צוויי הויפּט־

שטריכן אין מענדעלעס שאַפֿן — אויף זיין פּובליציסטישער און קינסטלערישער זייט. מ'האָט דערביי געמאַכט דעם „באַטירלעכן" אויספיר, אַז בלייבן וועט מענדעלע דער קינסטלער און נישט מענדעלע דער לערער דער סאָציאַלער דענקער. לאַנגע יאָרן האָט מען דעריבער פֿאָרויסגעזוזן נאָר פאַר אַזעלכע ווערק ווי „פישקע דער קרומער", „מסעות בנימין השלישי", „דאָס ווינטשפינגערל" און „שלמה ר' חיימס", אָבער נישט פֿאַר דער „קליאַטשע", נישט פֿאַר דער „טאַקסע". דער אמת איז, אַז מענדעלעסביידע מינים שאַפֿונגען זענען „אַרויס פֿון דער מאָדע". נאָר — ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט קלינגען — אויב ס'איז נאָך דאָ וועלכע נישט איז מעגלעכקייט צו געפֿינען אַן אויער פאַר מענדעלען, איז עס גראָד מיט דער הילף פֿון די „פּובליציסטישע" ווערק מיט די רייד פֿון די „וועקערס", וועלכע האָבן גערופֿן צום קאַמף פאַר באַפרייאונג געוועקט צו צערייסן די קייטן, וואָס האָבן געפּײַנטעט הענט און פיס פֿון דעם אונטערדריקטן מענטש אין דער גרויער און אומגליקלעכער יידישער געטאָ.

דער איצטיקער לייענער פֿון דער יידישער ליטעראַטור איז שוין מער נישט דער שטעטלדיקער קרעמער, אָדער קעסט־יונגערמאַן וואָס האָט זיך צוגעכאַפּט צו מענדעלען פרייטיק־צונאַכטס נאָכן עסן, אָדער שבת נאָכן בייטאָגיקן שלאָף. יענער לייענער האָט געשעפּט נחת פֿון אַ לומדישן איינפֿאַל, פֿון אַ גראָטעסקער שילדערונג פֿון אַ „בילדל פֿון לעבן". דער איצטיקער יידיש־לייענער — ווי קליין זיין צאָל זאָל נישט זיין — איז דער יונגער, קעמפֿערישער עלעמענט אונדזערער. דאָס איז אַ נייער דור, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין קאַמף מיט אַ גרויזאַמער וועלט. אַ דור, וואָס האָט צוגעזען די גרעסטע קאַטאַסטראָפֿעס און איבערטרייסלונגען פֿון אונדזער צייט, אַ דור, וואָס האָט געזען דאָס פּרצוף פֿון דער וועלט אין מאָמענטן פֿון געפֿאַלנקייט און אויפשטייג — דאָס זענען שוין נישט מער קיין פּאָליטיקער פֿון הינטערן אויוון... פֿאַר דעם דור זענען גראָד מענדעלעס רייך־קינסטלערישע שילדערונגען פֿון שטעטלדיקן סדר להלוטין פרעמד נישט אַנציענדיק, נישט לויטן אינהאַלט און נישט לויטן געמיט. אונדזער איצטיקער לייענער איז

אָבער אימשטאַנד צו באַנעמען דאָס וואָרט פון — אויפשטורעמען, פון רייסן זיך פון דער יידישער געטאָ, גייסטיק און פיזיש. ווען „וועקער" שילערט — אין דער „טאַקסע" — די אָרעמקייט פון דער יידישער מאַסע שרייט דורך אים דער פאַרשטיקטער, אייביקער פראָטעסט פונעם פאָלקס־מענטש: „ניין, די גאַל ווערט צעזעצט, מען קאָן זיך שוין מער נישט מער איינהאַלטן! פאַרפלוכט זאָל זיין דער וואָס זעט אזעלכע עוולות און שוויגט! פאַרפלוכט זאָל זיין דער, וואָס פאַרשטאָפּט די אויערן נישט צו הערן די יללות און די קרעכצן פון די אומגליקלעכע און באַליידיקטע און נויטבאַדערפ־טיקע"... אָט אין די רייד, אין דער דאָזיקער „שטימע פון פאָלק" ליגט אַ שטיק אַקטועלקייט, אַ יונגער און קעמפערישער מענדעלע, וואָס קען זיך נאָך אויסטענהן מיט אַ היינטוועלטיקן יידישן אַרבעטס־מענטש.

עס זענען פאַראַן ליטעראַטור־קלאַסיקער, וואָס האָבן זיך זייער רום פאַרדינט בלויז מיט זייער פּיאָנערישקייט מיט דעם וואָס זיי האָבן געוואָגט צו מאַכן דעם ערשטן טריט, כאָטש קיין גרויסע קינסטלער זענען זיי קיינמאָל נישט געווען. מענדעלע איז אָבער חוץ פּיאָנער, אין פשוטן זין פון וואָרט, אויך געווען אַ פּיאָנער פון דער קינסטלערישער, מאָדערנער, יידישער ליטעראַטור. אָבער נישט בלויז צוליב דעם וועט ער אין דער יידישער ליטעראַטור־געשיכטע פאַרבלייבן אלס דער קלאַסיקער. דער רעוואָלוציאָנערער מאָמענט, דער קעמפערישער שטריך פון אַ סך פון זיינע שאַפונגען איז גע־ווען — און בלייבט ביז איצט — דעצידירנדיק אין אונדזער באַ־ציאונג צו מענדעלען; און אַ קלאַסיקער אָן אַ וואַרעמער באַציאונג פון פאָלק איז ווי אַ געניאַלער מוזיקער צווישן טויבע...

קודם כל זיין „מאַרקסיסטישע" אָפּשאַצונג פון יידישן לעבן, אַן אָפּשאַצונג, וואָס האָט אים אַזוי אַנזעעוודיק אַרויסגעהויבן איבער די קעפּ פון משכילישער בטלנישקייט. זיי, די משכילים, האָבן גע־טענהט, אַז די „פינצטערניש" פון די מאַסן איז שולדיק אין אַלע אונדזערע צרות, אַז מ׳דאַרף זיך אַנהויבן בילדן און אַלץ וועט שוין אים ירצה השם גוט זיין. אַנדערש קוקט אויף דעם מענדעלע. ער פאַרשטייט אַז קודם כל דאַרף דאָס פאָלק ברויט, אם אין קמח אין

תורה וועט אָבער נאָר זיין ברויט, וועט שוין ממילא די „פינצ־טערניש" פאַרשווינדן. „באַטראַכט זיך אדרבה אַליין, זאָגט דער אשמדאי צו ישראליקן באַטראַכט זיך אַליין אויב דו ביסט נישט ריין משוגע. פאַר דיר שטייט אַ פאַרמאַטערטע, אַ הונגעריקע קליאַ־טשע, וואָס זי באדאַרף נויטיק אין לעבן אַריין כאָטש א ביסל מנוחה, אַ מעסטל האָבער, אַ בינטל היי, ווילסטו איר גאָר באַווייזן אַ „ה" אין סידור און אַלץ אויסדרייגעגן ווי גוט ווי שיין עס איז זיך אויס־צולערנען עפּעס קונצן". דאָס איז נישט בלויז געווען אַן אַנדער וועלט־באַנעם, נאָר אויך אַ סטימול צום קאַמף. מענדעלע האָט דער־פילט דעם אמתן צער פון פאָלק און האָט דערזען דעם וועג, וואָס פירט צום פאָלק. ער האָט נישט נאָר פאַרלאָזן די משכילישע טע־מאַטיק פון „מרדכי אור" און איבערגעגאַנגען צו סאָציאַלע מאָטיוון, צו שילדערונגען פון נויט און אונטערדריקונג נאָר ער האָט אויך גלייך דערפילט דעם ווערט און די הייליקייט פון דעם פאָלקס לשון, וואָס איז אַזוי פאַרשעמט געוואָרן פון אייגענע און פרעמדע, פון נאָענטע און ווייטע.

מענדעלעס וואונדערבאַרער חוש פאַר שפּראַך שיינקייט, זיין קינסטלערישער אויער פאַר עכטער פאָלקסטימלעכקייט אינעם קלאַנג און אינעם סטיל פון יידיש, — דאָס זענען זיך באַזונדערע קאַפּיטלען פון דעם גרויסן ווערק וואָס ער האָט אונדז געלאָזן בירושה. איצט, אין דער עפּאָכע פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט און פון פאַ־קולטעטן פאַר יידישיסטיק אין אייניקע סאָוועטישע הויך־שולן, איז ערשט מעגלעך אָפּצושאַצן זיינע פאַרדינסטן אויפן געביט פון מאַכן פון יידיש אַ קינסטלעריש ליטעראַרישן אינסטרומענט. ער האָט בלויז מיט זיין גאונישן טאַלאַנט געדאַרפט טאָן דאָס, וואָס ווערט איצט געטאָן פון געלערנטע פילאָלאָגן און שפּראַכפאָרשער. דאָס איז אַ דערשיינונג, וואָס רופט אַרויס באַוואונדערונג ביי געלערנטע, ביי היסטאָריקער און פאָרשער; די ברייטע יידישע מאַסן אָבער וועלן אייביק געדענקען מענדעלעס איינשטעלן זיך פארן פאַרשטוויסענעם יידיש: „אונדזערע שרייבער — זאָגט מענדעלע — די בעלי הלשון, האָבן געקוקט אויף יידיש פון אויבן אַראָפּ און מיט דער גרעסטער פאַראַכטונג... דער געדאַנק, אַז שרייבנדיק יידיש וועל איך מיר

דערנידעריקן, האָט מיך זייער געפּלאָגט; אָבער דער חשק נוצן צו ברענגען האָט גובר געווען די פֿאַלשע בושה, און איך האָב צו זיך אַליין געזאָגט: „זאָל זיין וואָס עס וויל, איך וועל מיך אָננעמען פֿאַר דעם פֿאַרשטויסענעם יידיש און וועל נוצלעך זיין מיין פֿאָלק".

איינמאָל אַוועק אויפֿן ריכטיקן וועג, איז שוין מענדעלע גע־גאַנגען אַלץ ווייטער און ווייטער; אַ נאַטור־ווילדער קוואַל פֿון שפֿע האָט אַ פֿלייץ געטאָן אין זיין שפּראַך, ס'האָט זיך באַוויזן די מזל־ברכה פֿון ערלעכן שאַפֿן אין גייסט און אויפֿן באָדן פֿון פֿאָלקס־לעבן. טאַקע אין דער „פּובליציסטישער" „קליאַטשע" צערעדט זיך דער אשמדאי בזה הלשון: „איך וועל דיר ווייזן אייערע אַלע טכשיטלעך, אייערע מיוחוסימלעך, אייערע בעלי־טובותלעך, אַלע אייערע אפּוטרופּסימלעך; איך וועל דיר ווייזן אייערע ספּאָדיקלעך, אייערע ציגיינערלעך... איך וועל דיר ווייזן פּייקעלעך, גערגעלעך, כניאקעלעך, מרידנלעך, שיך־און־זעקעלעך, פּיאַטקעלעך, פּאַטשיי־לעכלעך, פּושקעלעך, קעסטעלעך. קאַראַבקעלעך און קאַכלעפּעלעך... איך וועל דיר ווייזן אייערע דריידעלעך, שרייערלעך, גרעגערלעך, שטאַרקע העמערלעך ניי־מאָדנע גלות־ליכטלעך, קאַרפּירער אתרו־גימלעך און אייערע כפּרה הינדעלעך"...

נאָענטע און ווייטע האָבן געעפֿנט מויל און אויגן, מ'האָט זיך מיט פֿאַרוואונדערונג איבערגעקוקט, עפּעס ווי פֿון אַ שלאָף זיך פּלוצים אויפֿגעכאַפּט. יעקב דינעזאָן, וואָס האָט אַמאָל נישט פֿאַרשטאַנען פֿאַרוואָס מענדעלע איז „אַזוי פּעדאַנטיש און האַלט דאָס לשון אלס איינע געשטעלטע שפּראַך, וואָס יעדעס וואָרט האָט איר שורש און מקור אין דער שפּראַך זעלבסט", אָט דער זעלבער דינעזאָן האָט זיך גענומען לערנען שרייבן ביי מענדעלען. ביאַליק, דער שפּעטערדיקער פֿירער פֿון קעמפֿנדיקן העברעאיזם, איז פֿאַר־בלענדט פֿון דעם חן פֿון מענדעלעס יידיש. ער האָט אויפֿן מאָמענט פֿאַרשטאַנען, אַז שלייפֿן דאָס לשון פֿון פֿאָלק און באַרייכערן עס „הייסט מיטהעלפֿן דאָס פֿאָלק צו דענקען און צו פֿילן, דאָס הייסט דיסציפּלינירן זיין גייסט, דאָס אומפֿאָרמיקע אין אים פֿאָרמיק מאַכן". צו מענדעלעס פֿינפֿאונזיבעציק יאָריקן יובילעי שרייבט ביאַליק: „פֿאַר די פֿופֿציק יאָר האָט ער אפשר נישט קיין סך טינט

אויסגעגוצט. אָבער קיין איין טראָפּעלע זיינס איז נישט געגאנגען לאיבוד, געשעפּט פאָלקסגייסט, האָט ער דאָס צוריק — זיבן מאָל אין זיין אייגענעם גייסט געלייטערט — טראָפּנווייז אַריינגעפּערלט אין פאָלק אַריין... און אָט דעם חסד ואמת מיט אונדז אַלע וועלן מיר דיר, זיידעניו, אייביק נישט פארגעסן". יידער האָט ביאַליק פאַרגעסן...

נישט פאַרגעסן האָט דאָס פאָלק, נישט פארגעסן האָט דער יידישער ארבעט־מענטש, און נישט פאַרגעסן האָבן די אמתע דיכ־טער פון פאָלק, די וואָס האָבן אויפריכטיק געליבט דעם שעפערישן מענטש. אַזאַ ערלעכער און האַרציקער דיכטער ווי יוסף באָווּשאָ־ווער האָט נאָך אין די ניינציקער יאָרן דערפילט די ריכטיקייט פון מענדעלעס באַציאונג צום יידישן וואָרט:

„איך האָב די זשאַרגאָנישע ווערטער געקליבן,
פיל מאָל יעדע שורה אלץ איבערגעשריבן,
ביז פלוצלונג איך הער אַ גערויש, אַ געפּילדער,
אַ שרייען, אַ ליארמען אלץ ווילדער און ווילדער"...

ער רופט נאָך אָן יידיש „זשארגאָן", דער גאנצער אַרום שרייט אַזוי. אָבער דאָס איז נאָר אַזאַ געוואוינהייט. בלויז אַ נאָמען. די אמתע באַציאונג זיינע איז שוין ווי פון אַ קינסטלער, וועלכער ציי־טערט איבער זיין קינסטלערישן ליים. דער קעמפערישער מענדעלע, דער, וואָס האָט דערפילט די ליידן פון די באַליידיקטע און דער־נידעריקטע, דער וואס האָט זיך איינגעשטעלט פאר דער שפּראַך, און במילא אויך פאר דער קולטור און פאָלק און דער מענדעלע וועט בלייבן אָן אייביקער קניין פון דעם יידישן פאָלקסמענטש, און — אין דעם זין — אויך דער קלאסיקער פון זיין ליטעראַטור.

מענדעלע
מוכר ספרים

היינטיקן חודש פֿאַלט אויס דער דרייצנטער יאָרצייט נאָך מענדעלע מוכר ספֿרים. דרייצן יאָר זענען אַוועק זייט עס איז געשטאָרבן אָט דער וואונדערלעכער יידישער שרייבער, דער וואָס ווערט פֿאַררעכנט אלס דער אייגנטלעכער און אמתער שעפֿער פון דער נייער יידישער ליטעראַטור. ער האָט אָנגעהויבן שרייבן — פּונקט ווי דאס רוב יידישע שריפטשטעלער אין יענער צייט — אין העברעאיש. אָבער באלד האָט זיך מענדעלע אַרומגעזען, אַז זיינע ווערק דערגיין נישט צו די מאַסן יידישע לייענער, וועמעס שפּראַך איז יידיש און נישט העברעאיש. מענדעלע אַליין, דערקלערט אַזוי זיין איבערגאנג צו יידיש: „אָט קוק איך מיך צו צום שטייגער לעבן פון אונדזער פֿאָלק און איך וויל עס דערציילן דערנאָך אין דער הייליקער שפּראַך. אָבער דער גרעסטער טייל פֿון פֿאָלק פֿאַרשטייט דאָך גאָרנישט די דאָזיקע שפּראַך און רעדט יידיש. היינט וואָס נוצט דעם שרייבער די גאנצע מי זיינע און זיין האַרצנס באַגער, ווי באלד ער ברענגט דעם פֿאָלק קיין נוצן נישט? די דאָזיקע פֿראַגע — פֿאַר וועמען אַרבעט איך? האָט מיך נישט געלאָזט רוען... אונדזערע שרייבער האָבן געקוקט אויף יידיש פֿון אויבן אַראָפּ און מיט דער גרעסטער פאַראכטונג... און איך האָב צו זיך אַליין געזאָגט: זאָל זיין וואָס עס וויל איך וועל מיך אָננעמען פאַר דעם פאַרשטויסענעם יידיש און וועל נוצלעך זיין מיין פֿאָלק".

זייט מענדעלע האָט זיך געווענדעט צו דער יידישער שפּראַך און אָנגעהויבן שרייבן אונטערן פּען־נאָמען „מענדעלע מוכר ספֿרים", איז די יידישע ליטעראַטור באַרייכערט געוואָרן מיט ווערק וואָס האָבן אַרויסגערופֿן צו זיך די גרעסטע אויפֿמערקזאמקייט מצד דער גאנצער יידישער געזעלשאפֿט. עס האָט זיך באַוויזן אַן ערנסטער יידישער לייענער מ'האָט גענומען שמועסן און דיסקוטירן יידישע פֿראַגן, פראַגן פֿון יידישן לעבן. מענדעלעס גרעסטער פאַרדינסט איז אפשר דאָס וואָס ער האָט דער יידישער ליטעראַטור געגעבן אַ ריי קינסטלערישע שילדערונגען פֿון יידישן לעבן אין דער ערשטער העלפֿט פון 19־טן יאָרהונדערט. ער האָט געגעבן מייסטערווערק אין וועלכע ס'איז מענדעלען געלונגען צו געבן א טריי בילד

פון דעמאָלטדיקן יידישן לעבן, געשילדערט אין א הויך־קינסטלע־רישער פאָרם. מענדעלע האָט זעלטן ווען געשריבן וועגן דעם איינצלנעם מענטשן, וועגן דעם יחיד — דער עיקר האָט זיך מענ־דעלע אָפּגעגעבן מיטן כלל; ער האָט אונדז געשילדערט דעם טיפּ פון דעמאָלטדיקן ייד. אפילו ווען מענדעלע וויל אונדז געבן א בילד פון פּאַרצייטיקן יידישן שטעטל, טראַכט ער אויך אויס אַ נאָמען און גיט אונדז דעם טיפּ פון יענע יידישע שטעטלעך.

באַזונדער גרויס איז מענדעלעס באַדייטונג פאַר דער יידי־שער שפּראַך. מענדעלע איז געקומען אין א צייט, ווען דאס יידישע מאַמע־לשון איז געווען פאַראַכטעט און פאַרהאַסט דורך דעם רוב יידישע שרייבער פון יענער צייט. קיינער האָט זיך אויף דער שפּראַך פון פאָלק נישט אומגעקוקט, קיינער האָט זיך נישט באַמיט די שפּראַך צו אַנטוויקלען, רייניקן און באַרייכערן. מענדעלע האָט דער ערשטער פאַרשטאַנען, אַז די יידישע שפּראַך, די שפּראַך פון די ברייטע מאַסן פון פאָלק, וועט קענען באַרייכערן און פאַרשענערן דאָס יידישע לעבן נאָר דעמאָלט ווען זי וועט אליין ווערן רייך און שיין. און מענדעלע האָט זיך מיט גרויס התלהבות גענומען צו דער אַרבעט פון שלייפן יעדעס וואָרט, פון זוכן און אויסזוכן נייע ווער־טער פאַסיקע אויסדרוקן פאַר זיינע ווערק. „ער איז דער ערשטער — האָט פרץ געשריבן וועגן מענדעלען — וואָס האָט געהאַט ליבע און אכטונג צום יידישן וואָרט, און האָט עס געהאַלטן און דערצויגן ריין”.

כמעט אַלע שפּעטערדיקע, גרויסע יידישע שרייבער האָבן נאָכ־געפאָרשט זיין שפּראַך און באַמיט זיך ווייטער צו היטן די ריינקייט פון יידיש און אַנטוויקלען זיין אייגנאַרטיקן סטיל.

מיט אַ באַזונדערן טאַלאַנט האָט מענדעלע געשילדערט ביל־דער פון דער נאַטור. נאַטור־שילדערונגען זענען בכלל געווען אַ נייעס אין דער דעמאָלטדיקער יידישער ליטעראַטור. אָבער ביי מענ־דעלען האָט די נאַטור באַקומען אַ יידיש פּנים, ווייל ער האָט זי געמאָלט אין פאָלקסטימלעכן כאַראַקטער, געשילדערט מיט דער הילף פון יידישלעכע פּערזאָניפיקאַציעס און מעטאַפאָרן און אַזוי אַרום דערנענטערט דעם דעמאָלטדיקן לייענער צו דער פרישער

און שיינער נאַטור. אין דער געשיכטע פון דער מאָדערנער ידישער ליטעראַטור פאַרנעמט מענדעלע דעם אויבנאָן אלס דער אָריגינעל־סטער ידישער שרייבער און איבערגעגעבנסטער ליבהאָבער פֿון אונדזער מאַמע־לשון. נישט אומזיסט האָט מען אים אָנגערופן מיטן צאַרטן און פאַמיליארן נאָמען „דער זיידע פֿון דער ידישער ליטע־ראַטור".

שלום עליכמס
סינטעטישע געשטאַלטן

צווישן אלע קלאַסיקער פון דער נייער יידישער ליטעראַטור איז שלום עליכם אָן שום ספק דער, וואָס האָט באַקומען דעם גרעסטן רוים און פּאָפּולאַריטעט ביי די יידישע לייענער. שלום עליכמען האָבן געלייענט נישט נאָר די יוגנט, נאָר אויך דער על־טערער דור, און נישט נאָר „שטענדיקע לעזער" נאָר אויך פּשוטע יידן און יידענעס, וואָס געהערן נישט צו די שטענדיקע קאָנסומענטן פון דער ליטעראַטור.

אייגנטלעך איז נישט נויטיק צו באַגרינדן שלום עליכמס אָנגעהעריקייט צו די קלאַסיקער פון אונדזער ליטעראַטור, עס וועט אָבער נישט שאַטן צו דערמאָנען, אַז זיין „קלאַסישקייט" דריקט זיך אויס נישט נאָר אין דעם, וואָס צוזאַמען מיט מענדעלען און פּרצן האָט ער געשילדערט די אַלטע יידישע וועלט, נישט נאָר דורך דעם, וואָס ער האָט געשאַפן אַן אייגענע שול בנוגע סטיל, ווערטער בוך, און — טעמע, נאָר אויך דורך דעם, וואָס ער ווערט נאָך ביז היינטיקן טאָג געלייענט און זיין פּאָפּולאַריטעט איז אויף אַ האָר נישט געמינערט געוואָרן.

אין וואָס אייגנטלעך באַשטייט דער צויבער פון שלום עליכמס ווערק, וואָס האַלט זיי אַזוי פריש אין משך פון יאָרן און יאָרן? וואָס איז אייגנטלעך יענע כישוף־קראַפט, וואָס ציט אַזוי צו זיך אין זיינע ווערק און מאַכט אים אינטערעסאַנט אפילו אין אונדזער צייט, אין דער צייט פון נאָך דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע און וועלט־מלחמה? איז עס די שילדערונג, דער אינהאַלט פון זיינע דערציילונגען און מעשיות? איז עס דער לעבנס־שטייגער וועלכן ער באַשרייבט?

גיכער פון אַלץ ליגט די קראַפט פון ס'רוב זיינע ווערק נישט אַזוי אינעם אינהאַלט נאָר אינעם טאָן אין וועלכן זיי זענען געשריבן, און דער עיקר, אינעם טאָן פון הומאָר. דער הומאָר איז די כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפט פון שלום עליכמס שאַפן; דער מערקווירדיקער הומאָר האָט אים געגעבן אַן אָרט אין סאַמע אויבנאָן פון דער יידישער ליטעראַטור און אים פאַרזיכערט פּאָפּולאַריטעט און ליבע ביי די ברייטע יידישע מאַסן יידישע לייענער.

אָבער ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט קלינגען דאַרף פונדעסטוועגן

געזאָגט ווערן, אַז די צו גרויסע פּאָפּולאַריטעט האָט נישט ווינציק שאָדן געבראַכט דעם עצם פאַרשטיין פון שלום עליכמען. שלום עליכם ווערט זעלטן ווען פאַרשטאַנען און ריכטיק אויסגעטייטשט.

עס איז פאַראַן א בריוו פון פרצן צו שלום עליכמען, וואו פרץ שרייבט: „איך האָב געלייענט אייער מנחם מענדל און א מוראדיקע קנאה האָט מיך אָנגעכאַפּט, נאָר איין נקמה האָב איך אין אייך: קיי־נער פאַרשטייט אייך נישט".

שלום עליכם איז א הומאָריסט, ער לאַכט. וואולגאַר געגומען ווערט געלעכטער אַרויסגערופן בלויז פון וויציקע און קאָמישע סי־טואַציעס. איר גייט, למשל, אַרויס אין א ווינטערדיקן טאָג, בעת אַ גרויסן פּראָסט, איר זעט ווי עס גייען זיך אַנטקעגן צוויי מענטשן, איינער א הויכער, אַ דיקער, דער צווייטער א נידעריקער, אַ קליי־ניטשקער, זיי באַגעגענען זיך, פאַרטשעפּען זיך און גליטשן זיך אויס. איר וועט זיך צעלאַכן. ס'איז דאָך דוכט זיך, אַ טרויעריקע דערשיינונג, דאָך וועט איר לאַכן. דער מין געלעכטער איז אַרויס גערופן געוואָרן דורך אַ קאָמישער סיטואַציע.

אין א סך ווערק פון שלום עליכמען האָבן מיר טאַקע נישט קיין הומאָר, נאָר קאָמישע סיטואַציע. הומאָר איז קודם כל אַן אויס־געשפּראָכענע דערשיינונג פון סינטעזע. שלום עליכם האָט געהאַט פאַר זיך אַ וועלט, אַ יידישע וועלט מיט אַן אַ שיעור מאָדנע און „וואונדערבאַרע" שוואַכקייטן, און א מערקווירדיקן חוש האָט ער פאַרמאָגט צום לעבן, צו מענטשן, צו זייערע רייד און אויפפירונגען, מיט אַן אָפענעם אויג און אָנגעשטרענגטן אויער איז ער געגאַנ־גען צווישן מענטשן און געקליבן זייערע שוואַכקייטן, באַהאַלטן אין זיין אייגענעם זכרון, כדי זיי אויסנוצן אין א שעת הכושר.

יעדער מענטש האָט שוואַכקייטן; די שוואַכקייטן זענען די נישט־סימפּאַטישע זייט פון מענטש, שאָטן פון מענטשנס כאַראַק־טער. די שוואַכקייט וואס גאָגאָל באַרימטע העלדן באָבטשינסקי און דאָבטשינסקי — האָבן די שוואַכקייט צו מאַכן פּליאָטקעס 24 שעה אין א מעת לעת, האָט דאָך יעדער מענטש אין א גרעסערער אָדער קלענערער מאָס. דער מענטש, וואס איז אָבער אויסגעקאָכטן פון הוילע רכילות איז א סימפּאַטישע און ליבע דערשיינונג, אַזאַ

מענטש זאָגט רכילות אָן דעם מינדסטן שאָטן פון בייזוויליקייט, ער דערמאָנט קיינעם נישט צו טאָן קיין שלעכטס. אזעלכע מענטשן זענען ס׳רוב גוטמוטיקע און חברישע. לויטער רכילותניקעס זענען אויף דער וועלט נישטאָ. באָבטשינסקי און דאָבטשינסקי האָבן געלעבט בלויז אין דער וועלט פון קונסט, זיי זענען באשאפן געווארן סינטעטיש דורכן קינסטלער. עס זענען צוזאמענגעזאָגסן געוואָרן טויזנטער שוואכקייטן פון נייגער, רכילות און ליגנס, וואס זענען צעטיילט און צעשפרייט צווישן טויזנטער מענטשן און סינטעזירט געווארן אין איין יחיד אין איין טיפ. דער סינטעזירטער טיפ, מיט זיינע איבערגעטריבענע שוואכקייטן, מיט זיינע אויפגעבלאָזענע איי־גנשאפטן איז אויך דער הומאָריסטישער טיפ פון א טייל שלום עליכמס ווערק.

ווער איז מנחם מענדל? איז פאראן אזא מענטש אין לעבן? איז אמת, אַז שלום עליכם האָט אים בלויז אָפּפאָטאָגראַפירט פון דער יידישער גאַס? מנחם מענדל פאַרטראכט אונדזערע געשעפטן, פירט זיי, מאַכט פארשידענע פלענער און מאָרגן פארלירט ער אַלץ... צי פילט זיך אָבער ביי אים א סימן פון פארצווייפלונג? אלע זיינע בריוו זענען דאָך פול מיט האָפענונג און נייע פלענער אויף דער צוקונפט! מנחם מענדל גלויבט אויפריכטיק אין זיינע גאָלדענע גליקן, זיין גלויבן גייט פון דער טיפקייט פון דער נשמה. מענטשן פון לעבן, פשוטע מענטשן ווערן צעבראָכענע שאַרבנס אין אזעלכע פאַלן, ווען האָפענונגען ווערן צערונען. נאָר שלום עליכמס מנחם מענדל האָט געקאָנט איבערטראָגן אזוי פיל אנטוישונגען און צוריק אַריינוואַרפן זיך אין ים פון לעבן.

מנחם מענדל — דאָס איז די אומדערשעפּלעכע ענערגיע, דער כוח פון דער מאַסע, וועלכע איז טויזנט מאָל צעשמעטערט געוואָרן און אַרויס אַ גאנצע. מנחם מענדל טראָגט אין האַרצן שטענדיקע, גליענדיקע אמונה, ער איז פעסט ביי זיך און גייט קיינ־מאָל פון זועג נישט אראָפּ. איז דער מנחם מענדל, אזוי ווי שלום עליכם האָט אים באַשאַפן, אַ נעגאַטיווער טיפּ? ער איז, וואס אַן אמת אויסגעמאָלט אין א נישט סימפּאַטישער ראַם, אָבער ווען מיר האָבן אנשטאט דעם פארהאַוועטען מנחם מענדלען, אַ כלל־טוער,

אַ פֿאָלקס־פירער, אַן ארבעטער קעמפֿער וואָלטן מיר דאָך אַלע זיך באַצויגן צו אים מיטן גרעסטן רעספּעקט! מנחם מענדל געהערט נישט צו די, וואָס בויען, לייגנדיק א ציגל צו אַ ציגל, ער בויט בליצאַרטיק, טורעמדיק, ער בויט אויף חורבות און זאמד. מען דאַרף האָבן אַ סך אמונה און כוח אזוי צו בויען, מען דאַרף האָבן האָפֿענונג.

מנחם מענדל איז די פארקערפּערונג פֿון אייביקער, אומגעבראָכענער האָפֿענונג. אזעלכע מנחם מענדלס טרעפֿט מען אָבער נישט אין לעבן, דאָ האָט שלום עליכם סינטעזירט, צוזאמענגעגאָסן טויזנטער יידישע כאראקטער שטריכן, שטריכן פֿון יענער אייגנשאפֿט אַרויפצורייסן זיך אויף די העכסטע שטאַפּלען, נישט האָבנדיק קיין באָדן אונטער זיך.

שלום עליכמס צווייטער העלד, טביה דער מילכיקער, ווערט אָפּטמאַל באַטראַכט ווי דער קעגנזאַץ פֿון מנחם מענדלען. אויב מנחם מענדל איז מער מענטש פֿון אַקטיוויטעט איז טביה מער קאָנצענטרירט, צוריקגעהאַלטן. אָבער אין אמתן פארמאָגט טביה זייער אַ סך שטריכן פון מנחם מענדלען. פונקט ווי מנחם מענדל האָט אין זיך טיילן פֿון טביהס כאראקטער. ווען מיר לייענען די בריוו וועגן געשעפֿט, וואס מנחם מענדל לייגט פאָר טביהן, פֿילט מען ווי אין טביהן שפּריגט אַרויס דאָס מנחם מענדעלע. פארקערט, אין אייניקע בריוו, ווען ס׳איז מנחם מענדלען שלעכט, באַמערקן מיר די ערשטע שפּראָצונגען פון א טביהן. דאס וואס ס׳איז דאָ ביי טביהן אין א קריסטאַליזירטער פֿאָרם, איז ביי מנחם מענדלען אין דער פֿאָרם פון אָנהייבן, און פארקערט — אין טביהן לעבט אַ שטיק מנחם מענדל ווייל אויב נישט וואָלט ער געווען די פֿארקערפּערונג פון פאסיוויטעט, פֿון א מענטש, וואס באטראכט פֿילאָזאָפיש אַן אומגליק און... מאַכט א טראט צוריק

בנוגע די קינדער־טיפּן בלייבט שלום עליכם דער זעלבער ווי ביי אלע געשטאַלטן, וואס ער האָט געשאַפֿן. דער עיקר איז דאָס שייך זיין „מאָטע פּייסי דעם חזנס״. ס׳זענען דאָ זעלטן קינדער, אויסגעקאָנאָטענע פון לויטער קינדישקייט. אזא איז נאר מאָטל, שלום עליכמס קינדער־העלד. מאָטל איז א סינטעטיש אויסגע־

טרוימט געשטאַלט פון אַ ייִדישן ייִנגעלע, קינדעריש אויך הונדערט פּראָצענט און גלייכצייטיק באַאָבאַכטונגס פּעאיק. ער לאָזט נישט דורך די מינדסטע דערשיינונג, רעאַגירט שטענדיק.

חוץ די דערמאָנטע סינטעטישע געשטאַלטן האָט שלום עליכם געשילדערט אויך אַנדערע טאַקע אויפגעכאַפּטע פון גאַס.

אין די יום־טוב דערציילונגען פאַר ייִדישע קינדער האָבן מיר שוין באַזונדערע טיילן פון מאָטלען, קינדער פון דער ווירקלעכער ייִדישער סביבה, פון לעבן. אָבער דאָ הויבט זיך שוין אָן די אָפּ־שפּאַלטונג פון שלום עליכמס גרויסע, קינסטלערישע און סינטע־טישע געשטאַלטן, פון די טיפן און געשטאַלטן, וואָס זענען געוואָרן סימבאָליש אין ייִדישן לעבן און שלום עליכמען אַוועקגעשטעלט צווישן די גרעסטע קינסטלער אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

י. ל. פרץ

אין הײנטיקן חודש פֿאַלט אויס דער זעכצנטער יאָרצײַט נאָכן טויט פֿון אונדזער גרויסן דיכטער י. ל. פּרץ. מיט זעכצן יאָר צוריק, אין יאָר 1915, אין דער צײַט פֿון דער גרויסער, ברידער־מערדערלעכער מלחמה האָט דער טויט געטראָפֿן פּרצן בײַם שרײַבן אַ קינדער־ליד פֿאַר די יידישע שולן.

ווער פֿון די קינדער ווייסט נישט דעם נאָמען פֿון י. ל. פּרץ? שוין אין קינדער־גאָרטן האָבן די קינדער זײַנע לידער געזונגען: „יאָנקעלע וויל אַ יעגער זײַן", „ברויטעלע", „טאַנץ, מיידעלע טאַנץ". די טעקסט ביכער פֿון שול זענען פֿול מיט זײַנע דער־ציילונגען און לידער. פּרצעס מעשיות ווערן געלייענט און דער־ציילט סײַ אין די ייִנגערע, סײַ אין די עלטערע קלאַסן. פֿון זײַנע ווערק לערנען זיך אונדזערע קינדער צו דערקענען דאָס יידישע לעבן, דעם יידישן כאַראַקטער, די יידישע שפּראַך און סטיל. זײַנע ווערק פֿלאַנצן אײַן אין די הערצער פֿון אונדזער יונגן דור ליבע צום אונטערדריקטן, מיטגעפֿיל מיט זײַן קאַמף.

העכער 25 יאָר האָט פּרץ געדינט דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט די יידישע ליטעראַטור געטראָפֿן נאָך אַן אָרעמע, נישט גע־נוג אַנטוויקלטע. האָט ער זיך מיטן גאַנצן ברען פֿון זײַן נשמה גענומען זוכן פֿאַר איר נײַע טעמעס, שאַפֿן נײַע פֿאָרמען. אַליין אַ מענטש מיט גרויסע און טיפֿע איבערלעבענישן האָט פּרץ אַזאַ מין מענטש אַרײַנגעפֿירט אין אונדזער ליטעראַטור, האָט אים באַזונגען און דערהויבן.

פּרץ האָט נישט נאָר פֿלייסיק געאַרבעט איבער זײַנע אייגענע טעמעס און ווערק, נאָר האָט זיך אויך אָפּגעגעבן מיט די שאַפֿונ־גען פֿון אַנדערע יידישע שרײַבער אין זײַן צײַט. צו פּרצן פֿלעגן קומען אַלע די, וואָס האָבן דערפֿילט אין זיך אַ דראַנג צו שרײַבן, אַלע יונגע אָנפֿאַנגער; מ'איז געקומען צו אים ווי צו אַן עלטערן חבר, ווי צו אַ מענטש מיט אַ טיפֿן בליק אויף ליטעראַטור, מ'איז געקומען נאָך אַן עצה, נאָך אַ ביסעלע מוט אַרויסצוגיין פֿאַר דער וועלט אַלס שרײַבער.

שלום אַש און א. רייזען, נאָמבערג און ווייסנבערג, אַלע, אַלע דאַמאָלסטדיקע אָנפֿאַנגער זענען אַרײַנגעפֿירט געוואָרן אין דער

יידישער ליטעראַטור דורך פּרצן. ער האָט זיי געלערנט מאַכן די ערשטע טריט און זיי אָפּגעהיטן ווי א געטרייע מאַמע, ביז זיי זענען אביסעלע אונטערגעוואַקסן און זיך געקאָנט שטעלן אויף די אייגענע פיס.

פּרצעס נאָמען איז פּאָראייביקט געוואָרן אין יידישן לעבן נישט נאָר צוליב זיינע קינסטלערישע ווערק, נאָר אויך צוליב זיין טיפער און שיינער ליבע צו די ארבעטנדיקע יידישע מאַסן. אַליין אַן אָנגעשטעלטער, אַן אַרבעטער זיין גאַנצן לעבן כמעט, האָט ער זיך אָנגעזעען מיט אַן אַ שיער גויט און פּיין פון דעם שאַפנדיקן יידישן מענטש. ער האָט געזען הונגעריקע אַרבעטער־קינדער אין די אָרעמע גאַסן פון ווארשע, ער האָט געזען נאַסע קעלער־וואוינונגען אין וועלכע עס מאטערן זיך אָפּ זייער גאַנץ לעבן די „באַנטשע שוויגס״, ער האָט געזען, אַז די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן זענען אָפּגעשטאַנען אין בילדונג און וויסן נישט זייער אייגענעם ווערט און כּוח. איז פּרץ געוואָרן אַן אָפּטער איינגייער אין די קרייזן פון יידישע ארבעטער. געקומען צו זייערע פאַרזאַמלונגען, געליינט פאַר זיי זיינע ווערק, געשריבן פאַר זיי פּאָפּולערע וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען און ביכלעך, און גערופן זיי און געוועקט צו א שענערן לעבן. פאַר זיי און צוליב זיי האָט פּרץ געשילדערט די וואונדערלעכע פאַנטאַזיעס וועגן „ערגעץ לאַנד״. פאַר זיי, פאַר די דערשלאָגענע און מוטלאָזע, האָט פּרץ דערציילט וועגן דעם וואָס קומט צום „פאַקיר״ און בענקט נאָך אַ צייט, ווען מענטשן וועלן זיך שוין מער נישט בוקן איינער פאַרן אַנדערן ווען מענטשן וועלן האָבן האַרטע רוקנביינער... ער האָט באמת געגלויבט, אַז אַט־אָט און עס וועלן אָנהייבן געבוירן ווערן נייע, שענערע און בעסערע מענטשן, מענטשן מיט שענערע פאַרלאַנגען, מענטשן מיט פליגל...

שטענדיק פאַרנומען, סיי מיט זיין אַרבעט, סיי מיט זיינע פּאָעטישע פאַנטאַזיעס, האָט פּרץ פונדעסטוועגן געפונען צייט צו אָרגאַניזירן יידישע ביבליאָטעקן, צו קלייבן געלט אויף צו גרינדן יידישע טעאַטערס און אָנצופירן א קאַמף פאַר דער יידישער שפּראַך. פּרץ האָט געזען, אַז די יידישע שפּראַך ווערט פאַרפאָלגט פון דער מלוכה. ער האָט געזען, אַז צווישן די יידן גופא זענען פאראן

אזעלכע, וואָס רופן דאָס פֿאָלק זיך אָפּצוזאָגן פֿון זיין מאַמע־לשון און פארבייטן עס אויף אנדערע שפּראכן. און פּרץ נעמט זיך אָן פֿאַר אונדזער מוטער־שפּראַך, פֿאַר אונדזער יידיש. ער קעמפט פֿאַר יידיש, ער באַווייזט, אַז יידיש איז די פֿאָלקס־שפּראַך און דאַרף ווערן אונדזער נאַציאָנאַלער שפּראַך. ער ווייזט אָן, אַז דורך יידיש קען דאָס פֿאָלק זיך דערהויבן צו אַ נייער און שיינער קולטור.

גאָר צום סוף פֿון זיין לעבן איז פּרצן באַשערט געווען צו בויען דעם פֿונדאַמענט פֿון דער נייער יידיש־וועלטלעכער שול אין פּוילן. צוזאַמען מיט זיין טרייען חבר, יעקב דינעזאָן, האָט ער אויפֿגעבויט דעם ערשטן יידישן קינדער גאָרטן אין וואַרשע, האָט באַזאָרגט די אָרעמע קינדער מיט עסן און קליידער, האָט געשאַפֿן פֿאַר זיי מעשיות, דערציילונגען און לידער.

היינט, אינעם זעכצנטן יאָרצייט פֿון דעם גרויסן דיכטער און מענטש ווערט אין דער גאַנצער וועלט דערמאָנט זיין נאָמען מיט ליבע און יראת הכבוד. די יידישע אַרבעטער פֿון וואַרשע פֿאָדערן פֿון דער שטאָט־רעגירונג, אַז די גאַס, וואו פּרץ האָט געוואוינט, זאָל אָנגערופֿן ווערן „די פּרץ־גאַס”.

די קינדער פֿון די יידיש־וועלטלעכע שולן וועלן זיך איצט נאָכאַמאָל דערמאָנען פּרצעס אידעאַלן און טרוימען, וועלן זיך דורכנעמען מיט זיין ליבע און גלויבן אין דער ליכטיקער צוקונפֿט פֿון דער וועלט.

דרייסיקסטער פּרץ-יאָרצייט
און איצטיקער
פֿאָלקס-טרויער

פּרץ פּייערונגען, אַ יאָר געווידמעט דעם אָנדענק פֿון אַ ליטעראַרישן פֿירער פֿון אַ דור. ווערט זיך דאָס פֿאָלק פֿאַרזאַמלען אַרום דעם לײדיק געוואָרענעם טיש פֿון יצחק לייבוש פּרץ, וואָס האָט געפּראַוועט גרויס־חסידות אין יידישן וואַרשע און פֿון דאָרט משפּיע געווען אַ וועלט מיט יידן. אַזוי זעט עס אויס אויבנאויף: מ'קאָן פֿאַרגעסן א מינוט דעם ביטערן אמת און מיינען, אַז אַ פֿאָלק גייט טאַקע אויס פֿאַר בענקשאַפֿט... שוין דרייסיק יאָר, אַז עס פֿעלט פּרצעס קול וויל מען עס פֿון דער אייביקער שטילקייט צוריק אַרויסכישופֿן, וויל מען זיך כאַטש אין דמיון צוריק דערנענטערן צו יענעם גרויסן געשטאַלט, צו יענער פֿולער יידישער וועלט, וואָס איז אַזוי טראַגיש אַוועק, אַזוי גיך פֿאַרשוואונדן...

מ'האָט שוין ערגעץ־וואו דערפֿילט, צווישן „פּייערלעכע" שורות האָט מען שוין דערזען אַ פֿאַרשעמט וואָרט, באַהאַלטן אין אַ ווינקל. אַז וויי צו אונדז — הייסט דאָס וואָרט — פּרץ איז דאָך געווען דער פּוילישער ייד, דער פּאָעטישער רבי פֿון פּוילן. ווי אַן אמתער חסידישער „זעער" האָט ער אויפֿגעהויבן פֿון שטויב פּערל, וואָס יענער דור האָט נישט געקענט און נישט געוואָלט זען. ער האָט פֿאַר דעם־אַ דור אויפֿגעהויבן דעם פֿאַרהאַנג און ווי דער ביאַלער רבי געוויזן די נשמה פֿון א לעבעדיקער תורה. פּרץ האָט חסידיש, באַגייסטערט, געפֿירט דעם פּוילישן ייד אין ערגעצלאנד פֿון כולו שיינקייט, פֿון א ניגון אָן ווערטער, רוחניות. און וואו איז איצט דער פּוילישער ייד? ווי קען מען „פּייערן" פּרצן, ווען ס'איז שוין נישטאָ דער פּוילישער ייד ? !

ערגעץ־וואו האָט זיך אַ ציטערדיקע שורה, אין אַ ים פֿון פּייערלעכע אַרטיקלען, צוריקגערוקט און פֿאַרשטעלט די אויגן. אין פּוילן האָט דאָך טאַקע פּרץ געלעבט, געלעבט אַפֿילו נאָכן טויט.

ס'איז למשל, דער יידישער לערער אַריינגעקומען אין שול:

— גוט מאָרגן אייך, קינדער. גוט מאָרגן, גוט יאָר, לערער.

(ס'איז דאָ א לעבעדיקע פֿרישקייט אויף די ליפּן פֿון יידישע קינדער, און עס ציילט נישט פֿאַרשעמט דער לערער זיין וואָרט. ער זוכט נישט די פּשוטע, קליינטשיקע ווערטער, כדי מ'זאָל אים פֿאַרשטיין, ער רעדט לייכט און מיט צוטרוי און נישט מיט גע־

פרעסטע ליפּן ווי צו טויב־שטומע, כדי זיי זאָלן זיך כאָטש אָנ־שטויסן, ווען זיי פאַרשטייען נישט...)

— איר ווייסט, קינדער, היינט וויל איך מיט אייך לערנען פּרצעס אַ דערציילונג. יאָ, יאָ, איך ווייס, אַז איר האָט זיי ליב. איך געדענק ווי איר האָט פאַרשטאַנען „זיבן גוטע יאָר", און זיך געוואונדערט אויף „באָנטשע שווייג", און געווען אזוי שיך פאַר־טראַכט ביי די „דריי מתנות", און אזוי געקוקט מיר אין מויל, ווען איך האָב דערציילט „נסים אויפן ים". איך ווייס, איך ווייס... היינט וועלן מיר לערנען אַ חסידישע דערציילונג — „אויב נישט נאָך הע־כער" הייסט זי.

אָט ז'יצט דער לערער אויבנאָן, ער לייענט וועגן דעם געמירא־ווער סליחותדיקן פאַרטאָג. אַ הייליקע שטילקייט אין קלאַס. פּרצעס שורה ווערט נישט באַלידיקט מיט געמאַטערטער דערקלערונג: וואָס מיינט סליחות... יידישע קינדער שוועבן מיט פּרצן הויך, העכער, אויב נישט נאָך העכער...

און נישט נאָר אין קלויזן און אין פּאַליש, נישט נאָר אין חסידים־שטיבלעך און אין חדרים האָט מען אין פוילן געהערט דאָס קול תורה. אין פאָלקס־ביבליאָטעקן און אין שולן, אויף לי־טעראַרישע אָוונטן און אין היימען, ביי מאַי־פייערונגען און אויף היינטערשטאָטישע שפּאַצירן האָט געקלונגען פּרצעס ניגון און גע־שוועבט פּרצעס יידישער חלום. און אַז פּרץ איז געשטאָרבן, איז געבליבן נישט נאָר אַן אוהל־פּרץ. יאָרן שפּעטער האָבן זיך נאָך טויזנטער געצויגן צו זיין קבר. אבלים, יונג און אַלט, לעבעדיקע חסידים קומען שווייגן אויפן קבר פון אַ גרויסן רבין. איצט איז שוין קיינער נישטאָ; אויסגעשאָכטן די קינדער מיט די לערער, צעריסן און פאַרשעמט די דריי מתנות, פאַרברענט די שול פון „קראַנקן יינגל". געבליבן בלויז פּרצעס קבר... ווער וועט גיין אויף קבר אבות?

פּרץ־פייערונגען, אָדער בלויז פּרץ־יאָרצייט? אַמאָל פלעגן זיך חסידים צוזאַמענקומען ביים יאָרצייט פון רבין. איז פון „יאָרצייט" געוואָרן „פייערונג". מ'האָט געזונגען און געטאַנצט; — אונדזער רבי, אַ לעבן אָפּגעלעבט, נסיונות אויסגעשטאַנען און געשטאָרבן

אַ צדיק, און אַ דור חסידים געלאָזן, און נישט איבערגעריסן געוואָרן איז די גאָלדענע קייט...

ווייל ווען פייערט מען, ווען מעג מען פייערן? ווען איז אַ פּירער פון אַ דור גרויס און אַ פּאָעט קלאַסיש, אייביק? ס'מוז דאָך קודם כל זיין המשכות, ירושה, באַדינגונגען „אייביק" צו לעבן, איבערצוגיין פון דור צו דור, לאָזן ירושה און יורשים. און וואָס ווערט פון א ירושה, אַז די יורשים זענען אויסגעשטאָרבן. אַן אַקט, אַן אָפיציעלער שטעמפּל, אַ יובילײ.

אַ גאַנץ יאָר „יובילײ", אָדער א גאַנץ יאָר „יאָרצייט"?!? אַז עס קומען נישט אונדזערע יונגע און עס באַוויזט זיך נישט דער אַרבעטער, אַז עס איז נישטאָ דער לייענער. וואו איז אונדזער יוגנט? פאַרוואָס הערט זי נישט? פאַרוואָס ווייסט זי נישט אונדזער געזאַנג און זינגט נישט אונדזער ליד?

ערגעץ־וואו זענען זיי דאָ די יונגע יידישע בחורים און מייד־לעך, ערגעץ־וואו אין אמעריקע, קליינע גרופּקעס, אָבער אונדזערע בעסטע, קענען זיי אפילו נישט זיין נאָמען, י. ל. פּרצעס. זיי זינגען אַמאָל פון ביאַליקן אויף ענגליש, אָבער זיי פאַרהערלעכן נישט מער ווי דעם נאָמען, ווייל, וואו פּרצעס נאָמען איז פרעמד, איז ביאַ־ליקס נאָמען הויל. און נאָך אַנדערע בחורים, שוין נישט קיין מייד־לעך, אָבער אויך פון אונדזערע בעסטע, זיצן זיי אין אמעריקאַנער ישיבות און לערנען. אויך זיי קענען נישט פּרצעס נאָמען, ביאַליקס שוין אויך נישט... קען העכסטנס אַרויסקומען פראַנקפורט, אפילו נישט פּרעשבורג, אודאי נישט וואַרשע...

איז פאַר וועמען פייערן מיר? און פאַרוואָס גרייטן מיר זיך צו אַ גאַנץ יאָר פּרץ־יובילײ. אפשר גאָר א יאָר פון יזכור, אפשר אַ נידעריק יאָרצייט־בענקעלע, און שטיל, בקול דממה דקה. — אָט אַזוי טראַכטן וועגן פּרצן, וועגן אַ גאָלדענער קייט, וועגן אַן אויס־געשאָכטן פאָלק דאָרט און — אַ יוגנט אָן אַ נאָמען דאָ...

שמעון דובנאָוו

אין בערלין, אין דער הויפט־שטאָט פון דייטשלאנד, וואוינט איצט דער גרייז־גרויער יידישער געלערנטער, דער מחבר פון דער וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק, פּראָפעסאָר שמעון דובנאָוו.

פון אַלע עקן וועלט, פון אַלע לענדער און שטעט, וואו עס געפינען זיך מאָדערנע יידישע קולטור־געזעלשאַפטן, יידישע אַרבעטער און פֿאָלקס־פּאַרטייען, יידישע שולן און ביבליאָטעקן, פון אַלע פריינט פון יידישן וואָרט און יידישער ליטעראַטור קומען איצט אָן קיין בערלין האַרציקע באַגריסונגען און גליקוואונטשן צום יידישן פּראָפעסאָר און היסטאָריקער. שמעון דובנאָוו איז אַלט געוואָרן זיבעציק יאָר. געווען זענען דאָס יאָרן פון שווערער מי, יאָרן פון אומדערמידלעכער אַרבעט פאר דער יידישער געזעלשאַפט, יידישער וויסנשאַפט און דער עיקר — יידישער געשיכטע.

שוין פופציק יאָר, אַז דובנאָוו אַרבעט איבער דער געשיכטע פון יידישן פאָלק. עס איז זיך לייכט אַזוי צו זאָגן — די געשיכטע פון יידישן פֿאָלק. וואָלט עס זיך געהאנדלט וועגן אַ יונג פאָלק, אַ פֿאָלק, וואָס איז אַלט, למשל, 1000 — 1500 יאָר, וואָלט די אַרבעט נישט געווען אַזוי שווער. איז אָבער די געשיכטע פון יידן, פון אַ פֿאָלק, וואָס האָט אָנגעהויבן זיין לעבן צוזאַמען מיט די אַלטע, אוראַלטע, קולטור־פעלקער פון מזרח צוזאמען מיט די מצרים, בבלים פעניקער א. אנדערע, פון אַ פֿאָלק, וואָס האָט צוגעזען דעם אויפגאנג און אונטערגאנג פון פעלקער און לענדער, פון א פאָלק, איז געשטאַנען ביים וויגעלע פון דער היינטיקער קולטור, און וואָס לעבט ביזן היינטיקן טאָג, לעבט און קלייבט זיך ערשט צו בויען, איבערבויען זיין לעבן אויף נייע יסודות, באַפעסטיקן זיינע אַלטע פונדאַמענטן מיט פרישן צעמענט...

איז די אַלטקייט פון יידישן פֿאָלק נישט די איינציקע שוועריקייט פֿאַר א יידישן היסטאָריקער; דאָס יידישע פֿאָלק איז נישט געזעסן אויף איין אָרט, נישטאָ אַזאַ וועלט־טייל, נישטאָ אַזאַ לאנד, וואו יידן האָבן נישט געוואוינט. אָנהייבנדיק פון ארץ־ישראל, וואו יידן האָבן געהאַט זייער ערשטע היים, האָט דער גורל פון דער געשיכטע געשטויסן דאָס פֿאָלק צו וואנדערן און איבערוואנדערן פון איין לאַנד אין אַנדערן, פון איין וועלט־טייל אין צווייטן. יידן האָבן

געוואוינט אין בבל און אין פערסיע, האָבן געלעבט אין אראבישן שפּאַניע און האָבן דורכגעמאַכט אַ מאַרטירער־געשיכטע אין קריסט־לעכן שפּאַניע; האָבן געבויט זייער לעבן אין דייטשלאַנד און פראנקרייך, און שפּעטער צוגעזעען דעם אונטערגאנגג פון זייערע שטעט און קהילות, פון זייערע הייזער און פארמעגנס. ווען פינצ־טערע ריטער פון מיטלאַלטער, אַנגעטאָן אין העמדלעך מיט שוואר־צע צלמים האָבן זיך אַ לאָז געטאָן איבער אייראָפּע קיין מזרח זוכן גאָלד און פאַרמעגנס (קרייץ־צוגן) האָט אַ פּלייץ געטאָן ייִדיש בלוט האָט ווילדער רעליגיעזער פאַנאַטיזם חרוב געמאַכט בליענ־דיקע ייִדישע שטעט אויפן וועג. ווען דער מלאך־המות פון קראנק־הייטן און מגפות האָט אַנגעוואָרפן אַ טויט־שרעק אויף אַ סך שטעט פון הייַנטיקן מערב־אייראָפּע, ווען מענטשן זענען משוגע געוואָרן פון שרעק און אַרויס טאַנצן דעם טאַנץ פון טויט אויף די גאַסן, האָבן זיך אַ טרייסל געטאָן די פונדאַמענטן פון ייִדישן לעבן דאָרט.

האָט שפּעטער געבליט אַ ייִדיש לעבן אין די לענדער פון פוילן און רוסלאנד, האָבן מיליאָניקע ייִדישע מאַסן געהאָלפן בויען דאָרט שטעט און פאבריקן, לעבן און אַרבעט, האָבן זיך ייִדן דאָרט איינגעוואָרצלט אין די לענדער, ליב באַקומען זייערע נייע היימען, מיטגעמאַכט לייד און פרייד צוזאמען מיט די פעלקער, וואס האָבן פון פריער דאָרט געוואוינט, און ווידער נישט אויסגעמיטן דעם גורל פון וואנדערן, זענען געקומען די ניינציקער יאָרן פון פאַרגאנגע־נעם יארהונדערט און מחנות ייִדישע וואנדער־עמיגראַנטן האָבן זיך געלאָזט אין די ווייטע לענדער מעבר־לים, קיין אמעריקע, קאַנאַדע און אין אנדערע לענדער. לעבט שוין היינט־צו־טאָג אַ מיליאָניקע ייִדישע באַפעלקערונג אין די לענדער פון אמעריקע. בויען ייִדן אין אַמעריקע זייערע היימען און וואַרשטאַטן, זייערע שולן און הילפס־פאַריינען, ציען זיך דאָ טאָג־איין, טאָג־אויס מחנות ייִדישע אַר־בעטער אין די פאַבריקן, גייען טויזנטער ייִדישע קינדער אין זיי־ערע ייִדישע שולן בויט זיך אַ ניי ייִדיש לעבן אין אמעריקע. אויף פעלדער פון קאַנאַדע, אין די קאָלאָניעס פון רוסלאנד, ביי דער ערד־אַרבעט אין פּאַלעסטינע, אומעטום טרעפט מען דעם ייִדישן אַר־בעטער, וואס בויט מיט שווייס פאר זיך אַ היים.

אויף אַנצושרייבן די געשיכטע פון אזא פֿאָלק איז נייטיק אַן אַ שיער ענערגיע פון א סך מענטשן, עס איז אויך וויניק די צייט פון איין מענטשלעכן לעבן. זענען טאַקע ביי אונדז געווען אַ סך היסטאָריקער, וואָס האָבן געשריבן אָדער די געשיכטע פֿון גאנצן פֿאָלק, אָדער בלויז פֿון געוויסע טײלן פון פֿאָלק; היסטאָריקער, וואָס האָבן באַאַרבעט די גאַנצע געשיכטע, אָדער בלויז געוויסע צייטן, אָדער עפּאָכעס. איין כאַראַקטער שטריך איז אָבער פֿאַראַן ביי אלע יידישע היסטאָריקער ביז דובנאָוון: זיי אלע האָבן געשריבן דער עיקר וועגן יידישע צרות און וועגן די גייסטיקע שאַפֿונגען פֿון פֿאָלק, וועגן דעם, אַז יידן האָבן אויך געבריט פֿאַר זיך נייע לעבנס־פֿאָרמען, האָבן זיך געשאפן נייע פּרנסה־קוואַלן, אַז עס האָט זיך אויסגעבילדעט אַ גרויסע יידישע אַרבעטער מחנה וואָס האָט אריינ־געגעבן פֿריש בלוט אין אונדזערע אָדערן, און אויך מיטגעהאָלפן אנדערע אין קאַמף פאר א בעסער און מענטשלעך לעבן, וועגן דעם אַלעם האָט מען אָפטמאָל פארגעסן.

ערשט שמעון דובנאָוו האָט פאַרריכט דעם טעות אין דער יידישער געשיכטע. זיין גרויסע „אלגעמיינע געשיכטע פֿון יידישן פֿאָלק" נעמט אַרום דאָס יידישע לעבן פון אַלע צייטן, פֿון אלע לענ־דער, און וויזט באַזונדער אַן אויף די גרויסע געשעענישן פֿון די יידישע מאַסן צו בויען און צו אַרבעטן.

איינער אַליין, אָן דער אונטערשטיצונג פֿון קיינעם, אָן דער הילף פֿון געזעלשאַפֿטן אָדער רעגירונגען איז אויסגעקומען דעם יידישן געלערנטן צו שאַפֿן זיין גרויס ווערק. איז דעריבער נאָך גרעסער די דאנקבארקייט פון דער יידישער געזעלשאפט צו איר געלערנטן. איז דער יום־טוב פון דובנאָווס זיבעציקסטן געבורטסטאָג געוואָרן אונדזער אלעמענס יום־טוב.

ווען מען דערמאָנט זיך, אַז דובנאָוו האָט אויך אומדערמיד־לעך געאַרבעט פאַר דער יידישער ליטעראַטור, האָט געהאָלפן אין קאַמף פאַר דער יידישער שפּראַך געפּאָרשט איר געשיכטע, גע־האָלפן אָפרייסן פון אונדזער שפראַך דעם זידל־נאָמען „זשאַרגאָן", וואָס שונאים האָבן אויסגעטראַכט, אַז דובנאָוו שטייט מיט אונדזער נייער שול, ווען מען דערמאָנט זיך דאָס אַלץ ווערט פֿארשטענדלעך

פֿאַרוואָס די גאַנצע וועלטלעכע יידישע געזעלשאַפֿט האָט אזויפֿיל אויפֿריכטיקע דאַנקבאַרקייט פֿאַר דובנאָוון.

מיט אַ באַזונדער פֿרייד וועט אויך דובנאָוו אָננעמען די האַר־ציקע באַגריסונג פֿון גרויסע מחנות יידישע קינדער, וואס האָבן א סך מאָל געלערנט יידישע געשיכטע פֿון זיינע ביכער און דאָס ערש־טע מאָל זיין נאָמען דערהערט אין דער יידיש־וועלטלעכער שול.

ש. אנ-סקי

/ שלמה זאַנוול

ראַפּאָפּאָרט /

אין יעדער צייט און אין יעדן דור האָבן אויף דער וועלט געלעבט מענטשן, וואָס זענען גרייט געווען זייער לעבן אָפּצוגעבן פאַרן גליק פון אַלעמען, אין קאַמף פאַר אַ בעסערער און שע־נערער וועלט. עס זענען שטענדיק געווען מענטשן, וואָס האָבן זיך נישט באַנוגנט בלויז מיטן וואָכעדיקן טאָג־טעגלעכן לעבן. נאָר האָבן אין האַרצן געטראָגן אַ חלום פון אַ גליקלעכער צייט, ווען מענטשן וועלן נישט מער זיין איינער צום אַנדערן ווי וועלף, נאָר ברידערלעך לעבן צווישן זיך.

איינער פון אָט־די טרוימער איז אויך געווען ש. אַנ־סקי. זיין אמתער נאָמען איז געווען שלמה זאַנוול ראַפּאַפּאָרט. ער איז גע־בוירן געוואָרן אין יאָר 1863, אין דער רוסישער שטאָט וויטעבסק. זיין יוגנט האָט ער פאַרבראַכט אין א פרומער יידישער סביבה. אָבער שוין אלס 17־18 יאָריקער בחורל האָט ער זיך אָנגעהויבן אַריינטראַכטן אין דער דעמאָלטדיקן רוסישן אַרבע־טער און פויער, דערזעען דעם עלנט אין וועלכן זיי האָבן געלעבט און באַשלאָסן עפּעס צו טאָן כדי לייכטער מאַכן זייער גורל.

וועלנדיק זיין נענטער צום אָרימען רוסישן פויער, האָט זיך אַנ־סקי אויסגעלערנט שמידעריי און איז אַוועק אין דאָרף אַרבעטן. דאָרט האָט ער זיך אָנגעטראָפן מיט די דאָרפס־אַרבעטער, זיי גע־האָלפן אין דער אַרבעט, געלערנט מיט זיי און מיט זייערע קינדער און גלייכצייטיק זיי אויפגעקלערט וועגן די אמתע סיבות פון זייער נויט וועגן דער רשעות פונעם צאַר און זיין פאָלקס־פיינטלעכע רעגירונג. די רוסישע פּאָליציי האָט זיך באַלד אַרומגעזעען אַז אַנ־סקי איז עפּעס נישט פון די פשוטע מענטשן. ס'איז איר נישט געפעלן געוואָרן, וואָס ער רופט אָפּט פויערים פאַרזאַמלונגען און זי האָט אים פאַרווערט זיין אין דאָרף. אַנ־סקי איז דעמאָלט אוועק צו די אַרבעטער פון די זאַלץ־שאַכטן און קוילן־גרובן און דאָרט ווייטער געפירט זיין אויפקלערונגס־אַרבעט. ער האָט אומעטום גע־טראָגן האָפענונג און געמונטערט צום קאַמף פאַר א נייעם גליק־לעכן לעבן.

אַנ־סקי האָט פון זיינע פריסטע יאָרן געהאַט א חשק און אַ פעאיקייט צו שרייבן דערציילונגען און בילדער פון לעבן. זיינע אַלע

איבערלעבונגען אין דער צייט וואס ער האָט אַרומגעוואַנדערט צווישן די רוסישע פּויערים און אַרבעטער האָט ער טאַקע שפּעטער באַ־שריבן און גלייכצייטיק געשילדערט די נויט פון רוסישן אָרימען פאָלק, וואָס האָט געקרעכצט אונטערן יאָך פונעם גרויזאַמען צאַר.

אַלט זייענדיק אַרום דרייסיק יאָר איז אַנ־סקי אַוועק קיין פּאַריז, כדי זיך נענטער צו באַקענען מיטן לעבן פון די דאָרטיקער אַרבעטער. אין פּאַריז האָבן אין יענער צייט געלעבט אַ סך רו־סישע יידן, וואָס האָבן געמוזט פון רוסלאַנד אַנטלויפן צוליב זייער סימפּאַטיע און אַרבעט לטובת די אָרימע מאַסן. דאָרט האָט זיך אַנ־סקי אָנגעהויבן שטאַרקער פאַראינטערעסירן מיטן לעבן פון די יידישע אַרבעטער און אויך אָנגעהויבן אָפּטער שרייבן אין יידיש. דעמאָלט איז ער אַריין אין דער יידישער ליטעראַטור, וועלכע ער האָט באַרייכערט מיט אַ רייע אינטערעסאַנטע לידער, דערציילונ־גען, דראַמעס און פאַנטאַסטישע פּאָעמען.

אַנ־סקי האָט זיך באַזונדערס אָפּגעגעבן מיט זאַמלען און פאַרשן פאַרשידענע יידישע פאָלקס־שאַפונגען, ווי לידער, מעשה׳ס, רעטענישן, מנהגים און גלויבונגען. ער האָט דערזעען אין אָט־די שאַפונגען פון פאָלק אַן אוצר פון חכמה און שיינקייט. אייניקע פון זיינע ווערק, ווי למשל, „דער אשמדאי״ און „דער דיבוק״ שפּיגלען טאַקע מיט זיך אָפּ אַ שטיק פון יענער וואונדערלעכער וועלט פון פאַנטאַזיע און גלויבונגען.

אין דער יידישער ליטעראַטור איז נאָך אַנ־סקי באַקאַנט אַלס דער מחבר פון „חורבן גאַליציע״. דאָס איז אַ בוך, אָנגעשריבן אין דער צייט פון דער גרויסער וועלט־מלחמה אין די יאָרן 1914־18. אַנ־סקי שילדערט דאָרט די שרעקלעכע יסורים און פּיין וואָס די יידישע באַפעלקערונג אין גאַליציע האָט דורכגעליטן אין דער גרויסער וועלט־מלחמה.

געשטאָרבן איז אַנסקי דעם 8־טן נאָוועמבער, 1920, אין וואַר־שע. אויף דעם וואַרשעווער בית־עולם געפינט זיך דער קבר, צו וועלכן ער קומען יאָר־איין, יאָר־אויס מחנות אַרבעטער און קינדער פון די יידיש־וועלטלעכע שולן, טראָגנדיק בלומען קרענץ צום שותפותדיקן מאָנומענט פון פּרץ, יעקב דינעזאָן און ש. אַנ־סקי.

יהואָש

דער דיכטער שלמה בלומגארטן אדער ווי ער איז באַקאַנט אונטער דעם פּסעוודאָנים יהואָש, האָט דורכגעמאַכט אַ לעבן פול מיט שטרויכלונגען, ביטערע אנטוישונגען און פּערזענלעכע שווערע לײדן. ווי דאָס רוב ײדישע שרייבער אין זיין צייט, האָט ער נישט געהאט קיין רואיקע און סיסטעמאַטישע דערציאונג. זיינע עלטערן אין דעם רוסישן שטעטל ווערזשבלאָווא, וואו ער איז אין 1870־טן יאר געבוירן געווארן, האָבן אים געגעבן א פרומע יידישע דערציאונג געשיקט אים אין חדר און שפּעטער אין דער ישיבה.

קיינער פון יהואָשס נאָענטער סביבה האָט נישט באַמערקט, אַז דער יונגער שלמה האָט שוין פון דעם 13־יאָריקן עלטער אָן געלערנט מיט גרויס התמדה וועלטלעכע לימודים און מיט ברען געשלונגען דייטשישע און רוסישע ביכער.

אַזוי האָט דער יונגער יהואָש שטילערהייט און אָן קיינעמס אויפזיכט זיך געגרייט צו זיין שפּעטעריקן לעבן און שאַפן אלס גרויסער יידישער דיכטער אין דער גרויסער ידישער וועלט, אין דעם רוישיקן ניו־יארק. דאָס ערשטע מאָל האָט יהואָש געדרוקט זיינע לידער אונטער דער רעדאקציע פון י. ל. פּרץ אין דער „יידישער ביבליאָטעק". פּרץ איז דעמאָלט געווען דער איין־און־איינציקער, וואָס האָט וואַרעם אויפגענומען יהואָשן און אים צוגעגעבן מוט צו שרייבן. נישט לאַנג האָט אָבער יהואָש רואיק געלעבט אין זיין היימישער סביבה. עס איז דעמאָלט געווען די בהלה־צייט אין יידישן לעבן אין רוסלאנד. אונטער די פרישע קלעפּ פון פּאַגראַמען און שרעק האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאַסן־לויפעניש פון רוסלאַנד. יידן האָבן זיך געלאָזט לויפן אין דער וועלט אַריין, אבי פטור צו ווערן פון דער שרעק פון הונגער און טויט אינעם צארישן רוסלאַנד. מ'איז געלאָפן וואוהין מ'האָט נאָר געקאָנט, ווער אין די לענדער פון מערב־איראָפּע, ווער קיין לאנדאן און דער עיקר — קיין אמעריקע.

אין יאָר 1890 איז אויך דער יונגער דיכטער שלמה בלומגארטן אוועק מיטן שטראָם קיין אמעריקע.

דאָ, אין אמעריקע האָט דער יונגער בלומגארטן לכתחילה אינגאנצן אויפגעהערט שרייבן, נישט גלייבנדיק שטאַרק אין זיינע

אייגענע דיכטערישע פּעאיקייטן. ער האָט זיך גאָר גענומען צו געשעפט, געוואָרן אַ געשעפטס־מאַן. ווען ער איז אבער אין יאָר 1900 געפערלעך קראַנק געוואָרן און געמוזט צוליב דעם יאָרן לאַנג פאַרברענגען אין דענווער קאָלאָראַדאָ האָט ער זיך ווידער גענומען צו דער פעדער. פון דער צייט אָן האָט שוין יהואָש מער נישט אויפגעהערט צו שרייבן און שאַפן, באַרייכערנדיק אַזוי אַרום די יידישע ליטעראַטור מיט נייע אוצרות פון קונסט־ווערק, מיט נייע בילדער און מאָטיוון פון לעבן.

דער עיקר האָט יהואָש געשריבן לידער. זיינע לידער זענען כמעט אַלע פול מיט אידייען און געדאַנקען און לויט זייער אינ־האַלט בכלל קענען זיי פאַררעכנט ווערן צו די שענסטע יידישע שאַפונגען פון אונדזער צייט. האָבנדיק אַ טיף אויג און אַ פיינעם חוש פאַר די פאַרבן און קלאַנגען פון דער נאַטור, האָט ער אָנגע־שריבן אַ רייע נאַטור־שילדערונגען, וואָס האָבן נישט קיין גלייכן אין דער יידישער ליטעראַטור.

יהואָש האָט אויך אַ סך איבערגעזעצט פון דער ענגלישער ליטעראַטור. זיין איבערזעצונג פון לאָנגפעלאָוס „הייאַוואַטאַ" איז אַזוי קינסטלעריש, אַז עס פילט זיך אין איר דער ריטם און קאָ־לאָריט פונעם אָריגינאַל. ער האָט אויך איבערגעזעצט זייער אַ סך „פאַבלען" און אָנגעשריבן פיל אייגענע.

אין זיינע באַלאַדעס און פאָלקס־לעגענדעס האָט יהואָש גע־געבן וואונדערבאַרע שילדערונגען פון דעם פאַרגייענדיקן יידיש־פּאַטריאַרכאַלן לעבן, מיט אַלע זיינע נאַאיווע, קינדישע און פאַנ־טאַסטישע גלויבונגען.

דאָס לעצטע און גרעסטע ווערק פונעם פאַרשטאָרבענעם גרויסן יידישן דיכטער איז זיין מייסטערהאַפטע איבערזעצונג פון תנ"ך. העכער 20 יאָר האָט יהואָש געאַרבעט איבער דער איבער־זעצונג. דער תנ"ך איז פאַר יהואָשן שוין איבערגעזעצט געוואָרן איבערזעצונג. דער תנ"ך איז שוין פאַר יהואָשן געשריבן געוואָרן אין יידיש. עס זענען געווען צייטן, ווען קריסטלעכע מיסיאָנערן האָבן געזוכט דורך זייערע יידישע תנ"ך־איבערזעצונגען צוקומען צום יידישן עולם מ'האָט אויך איבערגעזעצט דעם תנ"ך פאַר

יידישע פּרויען און „פּראָסטן עולם", וועלכע קענען נישט קיין העב־רעאיש. אין די איבערזעצונגען האָט זיך אָבער נישט געפילט קיין דרך־ארץ צו דעם יידישן טעקסט, מ׳האָט נאָר געוואָלט איבערגעבן דעם אינהאַלט מער נישט. אין די נייע צייטן האָבן אַנדערע גרויסע יידישע שרייבער געפּרוּווט געבן קינסטלערישע יידישע תנך־אי־בערזעצונגען וואָס זאָלן אויך לויט דער פאָרם און שיינקייט אָפּ־שפּיגלען דעם אָריגינאַל. דאָס זענען אָבער אַלץ געווען קורצע אַרבעטן, טיילווייזע איבערדיכטונגען. יהואָש איז אין דער נייער יידישער ליטעראַטור דער איין־און־איינציקער, וואָס האָט אונדז געלאָזן די ווערטפולע ירושה — די איבערזעצונג און איבערדיכ־טונג פון גאַנצן תנ״ך, און אַזוי אַרום ווידער מעגלעך געמאַכט דעם יידישן פאָלקס־לייענער צו געניסן פון די וואונדערבאַרע און קינסט־לערישע קאַפּיטלעך, וואָס געפינען זיך אין אַ גרויסער צאָל אין תנ״ך. היינט־צו־טאָג לערנען שוין יידישע קינדער דעם תנ״ך פון יהואָשעס איבערזעצונג, וועלכע דערמאָנט אין פיל פאַלן די לוי־טערקייט און פרישקייט פון אָריגינאַל.

◆

פרץ הירשביין

מיר האָבן היינט אין ווינּיפּעג א זייער חשוב׳ן גאַסט, עס איז געקומען צו אונדז דער באַרימטער יידישער שרייבער פּרץ הירש־ביין. ער וועט דאָ האַלטן דריי רעפעראַטן: איינעם וועגן שלום אַש, איין רעפעראַט וועגן זיינע רייזעס איבער אינדיע, און צום סוף וועט ער לייענען עטלעכע פון זיינע לעצטע דערציילונגען.

פּרץ הירשביין איז שוין לאַנג באַקאַנט אין דער יידישער וועלט. שוין מיט יאָרן און יאָרן צוריק זענען זיינע ווערק געלייענט געוואָרן אומעטום וואו עס וואוינען נאָר יידן, און וואו דאָס יידישע בוך ווערט געשעצט. דער נאָמען פּרץ הירשביין איז באַזונדער באַ־רימט געוואָרן אַ דאַנק זיינע דראַמעס, וואָס מען האָט געשפּילט אין די יידישע טעאַטערס פון דער גאַנצער וועלט: „די פוסטע קרעטשמע", „די גרינע פעלדער", „דעם שמידס טעכטער", „אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל" און אַ סך אַנדערע זענען געשפּילט געוואָרן אין יידישע טעאַטערס סיי אין די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע סיי אין אַרגענטינע און בראַזיליע און אויך אין יידישע טעאַטערס פון אַלע לענדער פון אייראָפּע, וואו עס געפינען זיך גרעסערע יידישע ישובים.

פּרץ הירשביין שעפּט מאַטעריאַל פאַר זיינע ווערק פון יידישן לעבן. יידן וואוינען אָבער איבער דער גאַנצער וועלט, צעשפּרייט אין פאַרשידענע לענדער. האַלט טאַקע דער יידישער שרייבער, הירשביין, אין איין אַרומוואַנדערן פון לאַנד צו לאַנד, כדי גוט צו דערקענען דאָס גאַנצע יידישע לעבן. אין די לעצטע יאָרן האָט זיך פּרץ הירשביין זייער שטאַרק פאַראינטערעסירט דער עיקר מיט צוויי לענדער — מיט ארץ ישראל און ראַטן־רוסלאַנד. אין די צוויי לענדער זעט דאָס יידישע לעבן אויס אַנדערש ווי אין אַלע אַנדערע לענדער פון דער וועלט. סיי אין רוסלאַנד, סיי אין פּאַלעסטינע זענען טויזנטער יידן איבערגעגאַנגען צו ערד־אַרבעט און בכלל געוואָרן דאָרפס־מענטשן. הירשביין האָט זייער שטאַרק געוואָלט זעען דעם נייעם יידישן דור, וואָס לעבט פון געזונטער אַרבעט אויפן פעלד, ער האָט געוואָלט רעדן מיט די קינדער פון יידישע פּויערים, וואָס זענען אויפן דאָרף דערצויגן געוואָרן, זעען זיי ווי זיי לעבן, וואו זיי לערנען זיך. און אַז פּרץ הירשביין וויל זיין אין עפּעס אַ לאַנד

וועט אים קיין זאַך נישט אָפּהאַלטן, ער וועט שוין געפינען אַ מעג־לעכקייט דאָרט צו זיין. ער האָט זיך שוין אויסגעלערנט בייצוקו־מען שוועריקייטן אויף זיינע וועלט־רייזעס איבער צפון און דרום אמעריקע, איבער די לענדער פֿון אויסטראַליע און דרום אפריקע, ווען ער האָט געוואַנדערט איבער אינדיע, געקלעטערט אויף די הימאַלאַיען־בערג און געוואוינט אַ צייט אין לאַנד פֿון דער אויפֿ־גייענדיקער זון, אין יאַפּאַן.

די איינדרוקן פֿון זיינע אינטערעסאַנטע רייזעס האָט פּרץ הירשביין נישט באַהאַלטן פֿאַר זיך אַליין. און די לעצטע צייטן האָט ער אָנגעשריבן עטלעכע ווערק, וואו ער דערציילט וועגן אַלץ, וואָס ער האָט געזען און באַגעגנט. ער דערציילט אין די ווערק וועגן לעבן פֿון יידן אין פֿאַרשידענע לענדער. און איבערהויפּט אין ארץ־ישראל, אין רוסלאַנד און אין אמעריקע. פּרץ הירשביין האָט אויך געשריבן דערציילונגען פֿאַר קינדער. מיט פֿינף יאָר צוריק זענען אַרויס זיינע צוויי קינדער־מעשהלעך, וואָס ווערן זייער אַ סך גע־לייענט פֿון אונדזערע קינדער: „אַ מעשה מיט אַ קאַמילאָן" און „אַ מעשה מיט אַ בער".

היינט וואוינט הירשביין נישט ווייט פֿון וויניפּעג, אין קאַל־גאַרי. מענטשן, וואָס קענען פּערזענלעך אָט דעם וואַנדערדיקן יידישן שרייבער, דערציילן, אַז ער וועט שוין לאַנג אין קאַלגאַרי נישט זיצן. ער קלייבט זיך שוין ווידער אויף אַ רייזע... אָבער וואוהין וועט ער איצט פֿאָרן? ער איז דאָך שוין אומעטום געווען, און די וועלט איז דאָך מסתמא פֿאַר אים אַזוי קליין! . . .

מאַני לייב

צווישן די לייענער און ליבהאָבער פון דער נייער ידישער ליטעראַטור ווערט איצט געפייערט אַ יום־טוב לכבוד מאַני־לייבס פינף און צוואַנציק יאַריקער ליטעראַרישער אַרבעט.

די קינדער פון די ידישע שולן קענען גוט דעם ליבן און אינ־טערעסאַנטן דיכטער. נישט איין קינד האָט מיט פאַרכאַפּטן אָטעם זיך צוגעהערט צו אַלץ וואָס ווערט אַזוי שיין דערציילט אין זיין באַ־לאַדע „בלימעלעך קרענצעלעך״. און ווער געדענקט דאָס נישט מאַני לייבס „גזלנים״! איז דען מעגלעך צו פאַרגעסן יענע שרעקלעכע גזלנים־ברידער, וואָס האָבן געוואוינט אין פאַרבאַרגענעם וואַלד, אין אַ שרעקלעכער הייל און זענען געווען מער ענלעך צו חיות ווי צו מענטשן. וועלכעס קינד האָט דאָס נישט געציטערט לייענענדיק די שורות אין וועלכע עס ווערט דערציילט ווי אין וואַלד טראָגן זיך אַרום קולות, שרעקלעכע קולות פון וויינענדיקע קינדער. און, אַז מען הייבט אָן, קינדער, צו דערציילן ווייטער ווי דער גזלן לאָזט זיך אַרויס זוכן דאָס וויינענדיקע קינד, ווערן קינדער אָנגעצונדן פון נייגעריקייט און שרעק, עפענען מויל און אויגן, ווערן ערנסט און נערוועז. ערשט, אַז דער לערער קומט צו צו דעם אָרט, וואו עס שילדערט זיך, וואָס פאַרא ביטערן סוף דער קינדער־כאַפּער, דער גזלן, האָט געהאַט ערשט דעמאָלט אָטעמען קינדער אָפּ, ווי מ'וואָלט זיי אַ שווערן שטיין פון הארצן אַראָפּגענומען.

„בלימעלעך קרענצעלעך מאָלט אויף די שויבן דער פראָסט און אין קומען דער ווינט אַזוי וואָיענדיק בלאָזט״... ווי שיין מאַני לייב דערציילט זיינע מעשהלעך! וויפל וואַרעמקייט ער ברענגט אַריין אין די הערצער פון זיינע יונגע לעזער!

אָבער נישט נאָר וואַרעמקייט און דורשט צו הערן מעשהלעך, נישט נאָר שרעק און קינדערשע טרערן רופן אַרויס מאַני לייבס לי־דער. זיין „ליד פון ברויט״ ווערט אין די ידישע שולן געזונגען מיט קינדערשער פרייד מיט פרייד וואָס דערמאָנט פעלדער מיט זון באַגאָסן, פרייד פון אַ לייכטן און פרישן זומער־רעגן...

און „יינגל צינגל כוואַט״! וועלכער יינגל וואָס לערנט נאָר אין אַ ידישער שול האָט נישט געלייענט די וואונדערלעכע מעשה וועגן דעם יינגל, וואָס מיט אים האָט געטראָפן, וועגן דעם פריצל אויפן פייערדיקן פערד, וועגן דעם כישוף־רינגעלע.

גאַר ווינציק מעשהלעך זענען אזוי באַקאַנט און באַליבט געוואָרן צווישן יידישע קינדער ווי מאַני לייבס „יינגל צינגל כוואַט”.

מאַני לייב האָט אויך זייער אַ סך געשריבן פאַר עלטערע. זיינע לידער ציילן זיך אין די טויזנטער. מאַני לייב אַרבעט בכלל זייער אַ סך.

אַ גאַנצן טאָג באַשעפטיקט ביי קאמאשנשטעפעריי, בלייבן אים איבער בלויז די אָוונטן צו שרייבן. היינט, צום פינף און צוואַנציק יאָריקן יובילײ פון זיין ליטעראַרישער שאַפונג, לאָמיר איבערשיקן אונדזער ליבן דיכטער האַרציקע ברכות און וואונטשן פון ווייטערדיקער אַרבעט פאַר דער יידישער ליטעראַטור און פאַר דער פרייד פון זיינע יונגע לייענער.

„איבערגוס״ — מלאכס

אַ דראַמע

וואָס האָט אַמאָל

אויפגעשטורעמט

אַרגענטינע

שוין יאָרן לאַנג פירט זיך אַ דיסקוסיע וועגן דער ראָל פון שרייבער אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, וועגן זיין פערזענלעכן, די־רעקטן, אָדער אומדירעקטן אנטייל אין דעם געזעלשאַפטלעכן קאַמף. די מערסטע עלטערע קריטיקער פאַרטיידיקן כסדר די שטעלונג פון „שטיין פונווייטן" — דער שרייבער, הייסט עס, טאָר נישט אנטייל נעמען אין טאָג־טעגלעכן קאַמף טאָר נישט איינריכטן די הענט אין דער „בלאָטע פון פאַרטיי־רייסערייען".

דאָס איז איין טייל פון דער דיסקוסיע; דער צווייטער טייל באהאנדלט די פראגע פון צייטלעכקייט, אקטואליטעט. צי מעג, דאַרף, אָדער צי קען דער שרייבער נעמען שטאָף פאר זיינע ווערק פון דער נאָענטער סביבה פון דעם „לעבעדיקן לעבן", אָדער דאַרף ער שעפּן פון דער פארגאנגענהייט. אויך דאָ שטייט דער מיושבדי־קער קריטיקער אויפן שטאַנדפונקט פון „אָפּוואַרטן", וואַרטן ביז די געשילדערטע טיפן און געשעענישן וועלן אָננעמען באשטימטע פאַרמען, וועלן קריגן איין „בלוט און פלייש", וועלן ווערן „דעראַי־נערונגס מאטעריאל". אַזוי דערציילט ניגער אין זיין אָפּהאנדלונג „וועגן רעאַליזם", אז מען האָט אמאָל טשעכאָוון, ווען ער איז גע־ווען אין אויסלאנד, געבעטן אָנצושרייבן א דערציילונג וועגן אויס־לענדישן לעבן. טשעכאָוו האָט געענטפערט: „אַזאַ דערציילונג קען איך שרייבן נאָר אין רוסלאנד, לויט מיינע דעראינערונגען, איך קען שרייבן בלויז לויט מיינע דעראינערונגען. איך האָב קיינמאָל נישט געשריבן אוממיטלבאר פון דער נאַטור... פאר מיר איז נייטיק, אַז מיין זכרון זאָל דורכזייען דעם סוזשעט, און אין אים זאָל בלייבן, ווי אין א פילטער, נאָר דאָס, וואס וויכטיק, אדער טיפּיש". שרייבן פון דעם דירעקט אָבסערווירטן גיבן „פרייע הענט" דעם אוממיטל־בארן געפיל, דער פרישער עמאָציע, הייסט אַריינברענגען אין דער קונסט דאס נישט־פילטרירטע לעבן, מיט דעם גאנצן נישט עס־טעטישן און אומקינסטלערישן קלייען. „באַטראכט די ווערק פון כמעט אַלע שרייבער — דערקלערט ווייטער ניגער — וועט איר זען, אַז וואס נענטער זיי זענען צום נייעם לעבן, וואָס האָט נישט באַ־וויזן נאָך אָפּצושטיין זיך און קריסטאליזירט צו ווערן אין באשטימ־טע פאַרמען, אלץ ווייטער זענען זיי פון אמתער קונסט"...

זענען שוין אָבער די בײדע פֿראַגן לאַנג פֿון לעבן גופֿא פֿאַרענטפֿערט געוואָרן. אַ קינסטלער, וואָס שטײט נאָענט פֿון געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, אַזאַ וואָס קומט אין דירעקטן קאָנטאַקט מיט אונדזער טאָג־טעגלעכן קאַמף, איז מסוגל צו שאַפֿן ווערק מיט אַ גרויסן אײַנפֿלוס אויפֿן לײענער. נאָר די ווערק פֿון אַזעלכע קינסטלער פֿירן אויס די אמתע פֿונקציע פֿון דער ליטעראַטור — שאַפֿן, ענדערן, אַרײַנברענגען נײַעם אָטעם, אינהאַלט און שטרעבונגען סײַ אינעם לעבן פֿון ייִד, סײַ פֿון קאָלעקטיוו. און איז עס נאָר נישט אַ קינסטלער פֿון „ד׳ אמות״, פֿון יחידישער אָפּגעזונדערטקייט, מעג ער שוין דעם מאַטעריאַל פֿון זײַנע ווערק נעמען „אפֿילו״ פֿון דער אוממיטלבאַרער סבֿיבֿה, אַפֿילו פֿון דעם ברויט און בלאָטע פֿון לעבן...

ל. מלאכס צוויי גרעסערע דראַמעס: „מיסיסיפּי״ און „איבערגוס״ זענען אָנגעשריבן געוואָרן „אויף דער הייסער מינוט״, און זענען בײדע אַ רעזולטאַט און אַן אויסדרוק דווקא פֿון דעם קינסטלערס אָנטייל אין געזעלשאַפֿטלעכן לעבן און שטרעבן, פֿון זײַן אײַנשטעלן זיך פֿאַר איין צד אין דעם קאַמף קעגן סאָציאַלער אומגערעכטיקייט און מאָראַלישער געזונקנקייט. אַז אַזעלכע ווערק קענען עפּעס שאַפֿן אין לעבן, קענען טאָן גוטס דעם געזעלשאַפֿטלעכן קאַמף, באַווײַזט צום בולטסטן די געשיכטע מיט דער דראַמע „איבערגוס״.

וואָס איז „איבערגוס״? דאָס איז די שוידערלעכע דראַמע פֿון די בוענאָס אײַרעסער געסלעך, אַ דראַמע, וואָס דעקט אויף די וואונד פֿון דעם דרום־אַמעריקאַנישן ייִדישן געטאָ, די פֿענצטער מיט די געלע פֿאָרהאַנגלעך, די שאַנדהײַזער. די גרויסע צאָל ייִדישע „חבֿרה־לײַט״, די טיפּישע באַלעבאָסטעס פֿון די הײַזלעך, די מאַדאַמען, און די „מיידן״ האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין ייִדישן לעבן ווי אַ מכּה, וואָס צעפּוילט דעם געזעלשאַפֿטלעכן אָרגאַניזם און פֿאַרשמוצט דעם ייִדישן נאָמען אין די אויגן פֿון דער אַלגעמײנער באַפֿעלקערונג. דער דורכשניטלעכער מענטש איז גרייט אַלע ייִדן, די „רוסאָס״, צו באַשולדיקן, אַז זיי האָבן עס אַרײַנגעבראַכט „די שוואַרצע קללה אין דעם יונג־גאָלדיקן לאַנד״, אין אַרגענטינע. די ייִדישע

געזעלשאַפט פירט אַ פאַרביטערטן קאַמף קעגן די טמאים און מלאך לייגט צו א פעסטע האַנט צום דאָזיקן קאַמף דורך דער דראַמע „איבערגוס".

די דראַמע הייבט זיך אָן מיט אַ שילדערונג פון אזא הייזל אין אַן ערב יום כיפור פארנאַכט. קוואַקע, די מאַדאַם, צינדט אָן ליכט, זאָגט אָן די „מיידן", אַז היינט איז „יאַנקיפּער", אַ הייליגער טאָג, מ'דאַרף קיינעם נישט אַריינלאָזן. זי רופט רייזלען, איינע פון די מיידן צו גיין אין זייער שול. רייזל זאָגט זיך אָפּ, זי האָט דאָרט נישט וואָס צו טאָן, איר „איז דאָ אויך גוט". זי דיקטירט דעם „בלאָנדן" אַ בריוו צו דער מאַמען. דער בלאָנדער איז פאַרליבט אין רייזלען און אין זייער שמועס הייבט זיך אָן באַוויזן רייזלס טיפע בענקשאַפט אַרויסצורייסן זיך פון איר טרויעריקער וועלט, איר בענקשאַפט איבערצוגיסן זיך אין א ריינעם לעבן אַריין. ווען דר. סילוואַ, א מולאַט, אַן אָפטער אַריינגייער אין הויז, לייגט פאַר רייזלען צו פארלאָזן דאָס פלאַץ און אריבערגיין צו אים, פאַלט זי אים צו די פיס, קושט זיינע הענט און נעמט אָן זיין פאָרשלאָג: „גיי איך, דאָקטער, איך קען שוין מער נישט נאַרן מיין מאַמען. נו, דאָקטער, מיין מאַמען וועל איך אויך קענען ברענגען?" זי פארלאָזט דאָס הייזל, עס וואונדערן זיך די מיידלעך, עס קריצן מיט די ציין קוואַקע, די באַלעבאָסטע, בערל חלף, דער שוחט פון די טמאים און סטארע, זייער חזן.

רייזל האָט א שיין הויז, זי איז אָפיציעל דאָס ווייב פון דר. סילוואַ, נאַציאָנאַלער דעפּוטאַט אינעם קאָנגרעס. צו איר קומען פאָרשטייער פון פאַרשידענע יידישע געזעלשאַפטן, דער פרויען פאַריין נעמט זי אריין אלס מיטגליד, זי גיט גרויסעביישטייערונגען, צעטיילט נדבות און צדקה. עס קומען אָן איר מוטער און א ברודער. די אַלטע מאַמע איז צום אָנהייב גליקלעך פון איר טאָכטערס מזל, ביסלעכוויז, אָבער, הייבט איר אָן פינצטער צו ווערן אין די אויגן. זי דערפילט, אַז עפּעס איז דאָ שלעכט. באַלד ווערט זי געוואויר דעם גאַנצן שוידערלעכן אמת און פאַרלאָזט א צעבראָכענע איר טאָכטערס הויז. דער קלאַנג וועגן רייזלען, אַז זי איז איינע פון יענער חברה, ווערט דערוויל בליץ־שנעל פאַרשפּרייט. רייזל ווערט אַרויס־

געוואָרפֿן פֿון דעם פרויען פֿאַרייך, ווערט צוריקגעשטויסן אין איר אָפּגרונט.

אויף א יידישער טעאטער־פֿאָרשטעלונג, ווען דער עולם דער־וויסט זיך, אַז צווישן די שפּילער געפֿינט זיך אויך איינער פֿון די טמאים, ווערט א גרויסער סקאנדאל. מען וויזט אָן אויף רייזלען אלס איינער פֿון יענעם פֿארהאסטן געזינדל. רייזל פֿאַלט אין חלשות. עס רייסט זיך דעמאָלט אַרויף אויף דער סצענע דער „בלאָנדער", וועלכער איז איצט איינער פֿון די אַקטיווסטע קעמפֿער קעגן די טמאים: "קעמפֿט קעגן די — שרייט ער — וואָס שעפּן שווארצע פארדינסטן פֿון ווייסער הויט. רייניקט אויס די תלינים, וואס פֿירן צאַרטע נשמות פון מענטשלעכע טעכטער צו די טמא־תליות. ברענט אונטער זייערע טריט, ווי א מגפה וואָלט דורכגעשפּאַנט. אויף אונדז יידן פֿון דעם יונגן זוניקן לאנד איז אויסגעפאלן דאס שווארצע מזל זיך מתעסק צו זיין מיט צרעת, וואס קלעפּט זיך אַזוי קרעציק צו צו אונדזער גאָמען. נעמען מיר רידלס און לאפּאטעס און זענען מטהר די וועגן פֿאַר די, וואס וועלן קומען דאָ זייער היים צו מאַכן".

ער רופֿט צום קאַמף קעגן די שטיצער, פירער און אָנפֿירער פון דער שאַנד־פרנסה. „דאָך — פֿארענדיקט ער — אונדזער שכל דאַרף לויטער זיין, ווי אונדזערע מחשבות, אין אונדזערע הערצער דאַרף גליען דער רחמים־פֿונק, ווי דער האַס צו יענע ברואים אין אונדזערע אויגן. אָבער דעם דר. סילוואס פרוי, און א סך אנדערע פֿרויען, וועלכע האָבן מענער פון אונדזערע רייען דערוויל בלויז ביי זיך אין די רעיונות, זיי טאָר מען נישט באליידיקן אויב זיי זענען פארפייניקטע, אויב זיי זענען בלינדע, וואס זוכן דעם גלייכן וועג צו געפינען".

דאָס זענען ווערטער פון הויכן סאָציאלן יושר, ווערטער וואס רופן צום קאַמף קעגן די שולדיקע, די פארפירטע, פֿארקערט צו מיט־געפֿיל און רחמנות צו זיי. די דאָזיקע ווערטער ווירקן; עס קומט אָ דעלעגאציע איבערצובעטן דעם דאקטאָרס ווייב. עס קומט אויך איר מוטער, די צעבראָכענע פעסעלע, בעטן זי אהיימצופאָרן. רייזלס ווילן איז אָבער צעשטערט, צעברעקלט, זי וויסט שוין אליין נישט אויף וועלכער וועלט זי געפֿינט זיך. פון איין זייט אזעלכע וואַרעמע

ווערטער פון דער מאַמען, פֿון דעם דאָקטאָר, וועלכער האָט זי באמת ליב און וויל מיט איר חתונה האָבן, און פון דער צווייטער זייט דאָס אַלטע הפקר לעבן, עס ציט אהין צום „געסל", וואו זי איז נישט קיין איינגעבעטענע, נאר א גלייכע מיט גלייכע: „אזויפֿיל גאָלדענע פינגער!... אַזעלכע שטעכיקע... אלע ציען... רייסן פּאַס־מעס הינטער דער הויט... אלע שטרעקן זיך און שלעפּן, רופן ער־געץ... זיי שטעכן זיך אַריין אין מיר... כ'האָב אזוי מורא..."

רייזלס איבערגוס איז טראגיש. אַ ליכט האָט זיך אָנגעצונדן אין איר נשמה, האָט עפּעס באַלויכטן, זי האָט דערזען, אָבער אַ שווער־באַלאָדן לעבן רייסט און ציט צוריק צום אַלטן שורש. איר איבערגוס איז געבליבן הענגען אין דער לופֿטן, געלונגען און נישט געלונגען.

ס'איז געווען אין יאר 1926. די טמאים האָבן מאָביליזירט אלע זייערע כוחות צו קעמפן קעגן מלאכס פּיעסע. טעאטער־דירעקטאָרן האָבן פֿאר שרעק זיך אָפּגעזאָגט צו שטעלן די דאָזיקע דראמע. אַ גרויסער געזעלשאַפטלעכער קאמף האָט זיך צעפלאַקערט, און גע־וואונען האָט דאס יידישע טעאטער אין ארגענטינע, געוואונען האָט די דאָרטיקע יידישע געזעלשאַפט, די טמאים זענען פֿארטריבן גע־וואָרן פֿון עפנטלעכן יידישן לעבן, געוואונען האָט מלאך, דער דיכ־טער און קעמפער.

ה. לייוויק
זיין ראָל
אין אונדזער
לעבן

פון פאַריזער יידישן קולטור קאָנגרעס איז לייוויק אָפּגעפאָרן קיין ארץ־ישראל. עס קאָן אויסזען ווי א צופאל, מען קאָן מיינען, אַז איינס מיטן אנדערן איז נישט קיין סמיכת־הפרשות. אין דער אמתן אָבער האָט עס א טיפע, אינערלעכע שייכות. ס'האָט צו טאָן מיט לייוויקס ווייטיקדיקער און פאָטערלעכער באציאונג צום גאנצן יידישן לעבן, צו אלע ווינקעלעך, וואו עס ליידט און שאפט דער יידי־שער מענטש, צו אלע דערשיינונגען, וואס זאָגן אָן אָדער סכנה, אָדער האָפענונג אין אונדזער לעבן.

נאָך איידער לייוויק איז צוגעקומען צו די שוועלן פון ארץ־ישראל האָט זיך שוין דער גאנצער ישוב געגרייט אים מקבל פנים צו זיין. די הבימה האָט געשיקט אירע פאָרשטייער צום פאָרט פון חיפה, און צוגעגרייט די אויפפירונג פון „קייטן". „אוהל" האָט זיך גענומען גרייטן צו א פייערלעכער אויפפירונג פון „שאפ" און א צונויפטרעף פון זיינע אַרטיסטן מיט לייוויקן. דער יידישער לי־טעראטן און זשורנאליסטן קלוב האָט אויסגעקליבן א דעלעגאציע צו פארן באגעגענען דעם גרויסן דיכטער. מ'האָט אָרגאניזירט עפנט־לעכע פייערונגען צו ברענגען לייוויקן אין קאנטאקט מיטן יונגן יידישן עלעמענט, וואס איז דורשטיק נאָך א באגייסטערט וואָרט. די גאנצע פרעסע, די העברעאישע און די יידישע, איז פול געווען מיט אַרטיקלען, באשרייבונגען און ברוך־הבאס פאַרן אויסערגעוויינלעכן גאסט. די יידישע „ניי־וועלט" איז ארויס מיט א ספעציעלן לייוויק־נומער, מיט ארטיקלען, באגריסונגען און אדרעסן צו לייוויקן. אויף צוויי זייטן זענען אָפּגעדרוקט געוואָרן לייוויקס לידער און אַן אויס־צוג פון זיינער אַ רעדע „נאציאנאל און סאציאל אין דער יידישער ליטעראטור". עס איז געווען א יום־טוב אין תל אביב, ס'האָט זיך געפילט א פיבער פון דערוואַרטונג אין חיפה, מ'האָט זיך אויסגעצ־פוצט אין די קבוצות פון עמק, און דאָס אלטע ירושלים האָט אויך צוגעלייגט אַן אויער — ס'קומט א ווייטער אייניקל אין דער אלטער היים אַריין.

און ס'איז רירנדיק געווען דער אופן ווי אזוי דער ישוב האָט גערעדט צו לייוויקן מען האָט געציטערט פאַר זיין איינדרוק, וואס ער וועט איצט האָבן פון ארץ־ישראל. איז דאך דער ישוב איצט

איינגעטונקען אין בלוט, העגנגען דאָך איצט שווערע וואָלקנס איבער די הימלען פון יענעם לאַנד. ווייל מען דעם גאַסט צוגרייטן, האָפט מען אויף זיין גרויס, פילנדיק האַרץ, וואָס וועט דערשפירן דעם באַהאַלטענעם גלויבן, וואָס וועט מיטפּוליסרן מיט דער אָנגעשטרענגטער אחריות.

„אין דער שטאָק־פינצטערניש פון איצטיקן יידישן לעבן, וועט לייוויק דערקענען די שאַפונגס־גבורה פון אונדזער יונגן ישוב. אין די ביטערע, גורל־שווערע צייטן, וואָס דער ישוב מאַכט דורך, וועט ער, לייוויק, דערשפירן די אינערלעכע קראַפט, וואָס איז אויסגעשמידט געוואָרן אין יסורים פון יחיד און אין סאָציאַלער איבערגעבורט פון א קאָלעקטיוו".

„נייוועלט", תל־אביב, אָקטאָבער, 1937.

ווי צו אַן אנערקענטן שופט, צו א הויכן, אומפּאַרטייאישן געריכט, צום משפט פון געוויסן, ווענדעט זיך דער שרייבער ש. איזבאַן צו לייוויקן מיט דער תביעה פון יידיש. קודם־כל — אַ ברידערלעכע האַנט:

„שוין ביי אונדזער אנטקעגנגיין לייוויקן, דאַרף די מחיצה אָפּגעווישט ווערן, דער מרחק — איינלויפן. מיר ווילן אויפנעמען דעם דיכטער ווי א ברודער צו יסורים און פרייד. די אָרעמע סעודה זאָל ווערן אונדזער בשותפותדיק געזעצלעך ברויט".

יאָ, לאַנג האָט מען געוואַרט אויף דער געלעגנהייט זיך מיט לייוויקן באַגעגענען פנים אל פנים; גייט מען גלייך צום ענין:

„מיר ווילן דורכוועלגערן אַן אָפּגענוצטן חפץ. מיר ווילן מיט אַ כיוון נישט דורכלאָזן די אַזוי זעלטענע געלעגנהייט און אויפטויכן ווידער אמאָל דעם יידיש־פאַל אין זיין גאַנצער גרויל.

„לייוויק, וואָס איז אויך דער פאָטער פון פאָדערונגען און מאָנונגען צו דער ליטעראַטור ווי צום לעבן — צו אים, ווי צו אַ שליח־ציבור און קטיגור, דאַרפן מיר איבערטראָגן אונדזערע תביעות".

„צו לייוויקן", אין „נייוועלט", תל־אביב.

עס האָט געוואַרט דער ישוב אויף לייוויקס וואָרט וועגן אַלץ

וואס מאטערט איצט און פארשאפט זארג. עס האָט געוואָרט דער ייִדישער מענטש פֿון ארץ ישראל אויף לייוויקס גרוס פֿון דער וועלט, אויף זיין טרייסט צו די וואס ווילן נישט פארלירן דעם גלויבן. מען האָט אויך געוואָרט אויף א ווארעמער דערמוטיקונג צו די וואס שטייען אין קאמף מיט רציחה אין ארץ־ישראל. און עס האָט געוואָרט דער ייִדישער שרייבער, דער ייִדישער אַרבעטער און דאָס ייִדישע וואָרט גופֿא אויפֿן יושרדיקן פסק דין אין דער ברודער־מחלוקה צווישן ייִדיש און העברעאיש.

פֿון וואנען נעמט זיך אָט־די גרויסע באציאונג צום דיכטער ה. לייוויק? פון וועלכ קוואַלן קומט עס דער גלויבן אין זיין מיושב־דיק וואָרט? וואס איז דאָס, וואָס גיט אזא אויטאָריטעט זיין נאָמען און זיין וואָרט? ווייל לייקענען קאָן מען נישט — סיי זיינע דיכ־טערישע אנטפלעקונגען, סיי זיינע געזעלשאפטלעכע אַרויסטרעטונ־גען קלינגען אָפּ ווייט און ברייט איבער דער ייִדישער וועלט. נישט נאָר האָט לייוויק אמאָל אויפֿגערודערט די ייִדיש־ליטעראַרישע וועלט מיט זיין דראמאטישער פּאָעמע „דער גולם" און שפּעטער מיט דער „גאולה קאמעדיע". מיט זיין יעדער דראמע און גרויסן ליד; זיין אָנגעגליט וואָרט וועגן ייִדישן לעבן בכלל האָט אויך גע־וועקט און אויפֿגעוועקט דעם פשוטן מענטשן פון פֿאָלק. זיין רעדע אויפֿן אינטערנאציאנאלן פּען־קאָנגרעס אין בוענאס אירעס, זיין אויסדרוק פון צער און צארן קעגן דער פּוילישער שרייבערישער וועלט דערפֿאר, וואס זי דערלאָזט און פֿארשוויגט רציחות אויף די ייִדישע מאָסן אין פּוילן — אין אָט דער רעדע איז לייוויק גע־ווען דער שליח ציבור און מאָנער פון מיליאָנען געפּייניקטע. אין זיין לעקציע „די ליטעראַטור אין קלעם" האָט לייוויק מוטיק אויפּ־געדעקט די וואונדן. זיינע אַרויסטריטן אויפֿן פּאַריזער קולטור־קאָנגרעס האָבן געשאפֿן דעם טאָן, גערופֿן צו אחריות. און — מען האָט זיך צוגעהערט דאָרט אין פּאריז, און מען האָט געוואָרט אויך דאָרט אין ארץ־ישראל, און עס וואָרט אויך אמעריקע אויפֿן גרוס, וואָס לייוויק וועט ברענגען פֿון זיין טור איבער דער ייִדישער וועלט.

פֿונוואנען קומט עס? ש. ניגער האָט אמאָל די דאזיקע פֿראגע געשטעלט בנוגע חיים נחמן ביאליק. פעסטשטעלנדיק, אַז ביא־

ליק איז געווען אַ „מאַכט אין יידישן לעבן“, שטעלט ער זיך אַליין די פּראַגע — ווי אַזוי?

„ער (ביאַליק) האָט געהאַט אַ ווירקונג און אַ מאַכט, ווי קיין אַנדערער יידישער דיכטער. פון וואַנען האָט עס זיך גענומען? פון נתפּעל פון שאַפונג, פון פּאָעזיע? הערן מיר זיך אַזוי צו צו די רייד דער טיפּעניש פון זיינע שאַפונגס־קוואַלן? ווערן מיר, יידן, אַזוי פון אונדזערע דיכטער?“

און ניגער קומט צום אויספיר, אַז אַ נס האָט געמוזט געשען, כדי אַ פּאָעט זאָל פאַרנעמען ביי אונדז יענעם הויכן אָרט, וועלכן ביאַליק האָט פאַרנומען, כאָטש דער נס איז נישט אומזיסט געשען.

אויך בנוגע לייוויקן קאָן שוין באַלד די זעלבע פראַגע געשטעלט ווערן, אָבער דער ענטפער איז אַ פיל מער פשוטער: ס'איז לייוויקס גרויסע מאָראַלישע פערזענלעכקייט. ווייל לייוויק איז נישט בלויז דער דיכטער פון נשמהדיקן וואָרט, נישט בלויז דער וואָס רופט צו סינטעז צווישן „סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן“ אין אונדזער ליטעראַטור, נישט בלויז דער, וואָס וויזט אָן אויף די אוצרות פון דער יידישער געשיכטע — „אונדזער אייגנטלעכע טעריטאָריע“, אַלס קוואַלן פון גרויסע שאַפונגען, ער איז אויך דער וואָס האָט מיט זיך צוריק אויפגעלעבט דעם טראַדיציאָנעלן יידישן טיפּ פון דיכטער־וועגווייזער, דער, וואָס האָט געמאָנט ביי אַנדערע און ביי זיך, ביי זיך מיט מער פיין, מיט מער מסירת־נפש. ער איז געגאַנגען פאַרעקשנט און דעצידירט ווי די שפּינאָזאַס, צאַרט און טרערן, און קרבנות גרייט, ווי די יהודה הלויס, מוטיק און זעלבשטענדיק ווי געציילטע, זעלטענע.

אָט דאָס אַלץ צוזאַמען מאַכט גרויס לייוויקס וואָרט, שטאַרקט זיין השפעה, שאַפט זיין פּאָזיציע ווי אַ נייע מאַכט אין יידישן לעבן. און גוט איז, וואָס אונדזער דור פון ליידן און צווייפלען האָט צו וועמען אַרויפצוקוקן — אַ מאָראַלישע קראַפט.

דורכן מדבר פון פאַרצווייפלונג
און בטחון

[וועגן ה. לייוויקס בוך „אין טרעבלינקע
בין איך נישט געווען"]

ווי אַזוי רעדט מען אַרויס אַ וואָרט איבערן בראָך פון אַן אויסגעשאָכטן פאָלק! פעלדער מיט קברים אומבאַקאַנטע, אַן אַ נאָמען, אַן אַ צייכן, איינגעשלונגען און צוריק פאַרדעקט. אַ וועלט — אַ בית הקברות, אַן מצבות, בלויז אין די נעכט צינדן זיך פייערדיקע יידישע אותיות איבער די מאַסן־גריבער פון די געהיטלערטע, פאַרטיליקטע אונדזערע — יידן! דאָ ליגט אַ ייד! אַ וועלט מיט פייערדיקע מצבות, און אויף זיי בלויז איין וואָרט — ייד!

אַ פאַרשטומטער שטייט לייוויק פאַר טרעבלינקע און מאַידאַנעק. עס ברענט דאָס וואָרט פון צער, עס שרייען די געבורטווייען פון אַ גרויסער טרער, אָבער די ליפּן, פאַרטריקנטע, צוקן און ציטערן — ס׳קאָן דאָס קול זיך נישט באַפרייען. לייוויק דערפילט, אַז ס׳איז נישטאָ דאָס וואָרט וואָס זאָל ראוי זיין אויסגעשריגן צו ווערן איבער אַ וועלט אין וועלכער —

— צעבלוטיקטע טאַטעס מיט רידלען און העק
דעקן צו די וויגן מיט אַן ערדענער דעק.

שטומקייט איז אפשר דער וועג. ווערן אַ שווייגער... אַז דאָס וואָרט איז אַזוי אָרעם, אַזוי קליין, קלענער פון שוויגן...

— און איך, וואָס בין איך? אַ שטיקל ייד,
און דאָס וואָס איך שרייב — אַ שטיקל ליד.

די שטאַרקסטע לידער אין לייוויקס בוך „אין טרעבלינקע בין איך נישט געווען" זענען אפשר יענע, וואו עס פייניקט זיך דער דיכטער אין געראַנגל פון אַ ברענענדיקן סתירה־געפיל: פאַרייניקן זיך מיטן טויט פון די קדושים איז שטומקייט און — אַרויסשרייען דעם ווייִ אין ווערטער. אין איינעם אַזאַ ליד פון פאַרלוירענעם וואָרט שטייט גאָט כביכול אליין —

— אַן אָרעמאַן, מיט אַ מידן,
מיט אַ שטרויכלענדיקן שפּאַן,
מיט אַן אויג, אַן איינגעצויגענעם
אין בלינדן שלומער,
מיט אַ ליפּ אַ דאַרשטיקער און מיט אַ צונג אַ שטומער.

באַדעקט מיט אנגסט פון רויטע, זידענדיקע טראָפּנס, בעט זיך גאָטס „פינגערדיקער שטומער שפּרוך" כאָטש אַן אָנדייט פון אַ

קלאַנג צו קענען אָנצינדן דאָס האַרץ פֿון וועלט און מענטש:

— איך דער בורא עולם רוף צו משפט זיך אַליין,
און איך זוך א שופט פֿאַר זיין אַנגעזיכט צו שטיין:
פֿון א גיבורדיקן פֿייער־גאַט אן אָרעמען א שוואכן.

עס בעט זיך דער דערשלאָגענער שומר ישראל, וואָס האָט צוגעלאָזט, אַז „מענטשן־הינט זאָלן אויפעסן אויף טויט ישראלס הויז־געזינד״ — אַ ווארט אויף די ליפּן, א פֿייער, וואָס זאָל זיי אָנצינדן, כדי זיי זאָלן ווידער נעמען רעדן. אין אזא נאַכטיקער וויזיע פֿון פארגליווערטן וואָרט — „דער שטומער״ — שטייען גאָט און דיכטער און וויינען אויף זייער פֿארשעמטקייט, זייער ירידה, זייער יידישן צער.

און ווען דיכטער, וואָס בענקט נאָכן וואָרט, איז גובר די שוואכקייט פון מענטש, וואס טוליעט זיך צום שווייגן, קומען לידער טיף אייגענע, חשבון הנפֿשדיקע. קודם־כל — די גרויסע פֿארענט־פערונג, ווי לייוויק וואָלט געשטאַנען פארן פּנים פון די קדושים און געבעטן מחילה: איך בין דאָך מיט אייך אין טרעבלינקע נישט געווען, נישט געגאַנגען מיט אייך אויף דעם שאָטן־מאַרש צו די גאַז־אויוונס. זייט מיר מוחל פאר נישטערן זיך אין די בערג פון אייער אַש. פֿאַר צערייסן די שטילקייט פֿון אייערע אומבאַקאַנטע קברים. לייוויקן פארפּאַלגט דאָס דאַזיקע געפיל פון שולדיקייט. עס בלייבט הענגען איבערן גאנצן בוך אָט־די דאָזיקע שרעק פֿאַרן חילול הקודש:

— אָ, ווער וועט אויף די סליאַדן פון טרעבלינקע־גאַנג
פֿארגעבן דיר די שולדן פֿון געזאַנג ?

נישט אומזיסט הייבט לייוויק אָן זיין בוך נישט מיט טרעב־לינקע לידער, נאר מיט לידער פֿון אייגענעם קרבן און עקדה. פֿאַרגעבונג זוכט דער דיכטער, און ער געפינט זי טיילווייז אין זיין אַלטן שיין פֿון בארג מוריה, צו וועלכן ער רייסט זיך שוין לאַנג, צו אייגענער עקידה, צום אייגענעם אויסגעשטרעקטן האַלדז:

— איך שפּאַן אַליין דורך זאַמד און שטיינער,
איך טראָג די פּייער־פּאַן, דאָס האַלץ מיט הכנעהדיקן שטאָלץ,
ווי כ׳טראָג די אייגענע מידע ביינער.

דורך מוריה, קרבן און עקידה לייכט אויף פאר לייוויקן דער וועג פֿון טרעבלינקע. ווי א בליץ גיט זיך דער טרעבלינקע־וועג א שנייד אריין אין די פֿארמעטן פֿון אונדזער געשיכטע, לויפֿט דורך אַלע לענדער פֿון אונדזער וואנדערונג, און דערגרייכט מיט זיינע אָנהויב־שפּיצן אַזש צום מדבר סין. ס'איז אַן אלטער וועג פֿון דערנער, אַן אייביקער : —

— יידן גייען דורכן מדבר
סיי אין חלום, סיי אין וואָר
שוין אַזוי דריי טויזנט יאָר.

אַזוי הייבט זיך אָן „די באַלאַדע פֿון מדבר". און האָט נאָר לייוויק דערזען דעם אייביקן מדבר־גאַנג, איז שוין ממילא דאָ אַ פּונק פֿון האָפֿענונג. נאָכן מדבר־וועג מוז קומען דערלייזונג, אויפֿ־ריכטונג, דער וואנדערער מוז צוקומען צו אן אייגענער שוועל און באטרעטן מיטן פֿארוואונדיקטן פוס א פֿעסטן באָדן פֿון היים און שוץ.

דורך דעם מדבר־גאַנג פֿון מצרים הייבט לייוויק אויך אָן באַנעמען דעם זין פֿון אייגענע ראנגלענישן צווישן פֿארצווייפלונג און בטחון: הימלען, איר האָט אונדז אייביק גענאַרט — האָט אַן איוב פֿון טרעבלינקע אריינגעשריגן אין פוסטן חלל אַריין. און אין דער באַלאַדע פֿון מדבר צעשרייט זיך לייוויקס רבי פֿון איהומען קעגן משהן : —

— ביסט א גזלן, א רוצח,
ביסט נישט בעסער דאָך פֿון פרעהן,
זויגסט אונדז אויס ביז לעצטן כוח,
מער וועסטו שוין אונדז נישט נאַרן
מיט גאולהדיקן רמז —
איך דאָך וויס עס גאַנצן אמת,
ביסט נאָך קנאָפּער פֿון א שוא —
נישט געווען און ביסט נישטאָ,
און דו קאָנסט מיט גארנישט קומען
דאָס זאָג איך דיר — שמעון לייב
דער מלמד פֿון איהומען.

און נישט נאָר דער מלמד — אויך דער פֿרומער טאַטע מיט דער הכנעהדיקער מאַמען — אַלע הויבן בייזע פּויסטן קעגן משהן און דעם לאַנד כנען. פֿאַרברענט דעם גלויבן, אויסגעלאָשן די האָפֿענונג אונטער די ברענענדיקע יסורים פֿון אומברחמנותדיקן מדבר־הימל. דער איינציקער, וואָס בלייבט געטריי משהן און איז גרייט צו גיין און גיין נאָך דעם צייכן פֿון זיין האַנט „ביזן סאַמע לעצטן ראַנד" איז דער יינגל לוי פֿון איהומען, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין טרעבלינקע דור צו א זעער פֿון וויזיע, פֿון מדבר וואָס פֿירט פֿון מצרים.

אין גרויס פֿאַרלוירנקייט, געדריקט פֿון פּיין פֿון אַן אויסגעשאָכטן פֿאָלק, הויבט אויך לייוויק אָן מיט טראָציקע רייד, מיט רופֿן גאָט צו א דין וחשבון —

— דער חשבון איז נאָך אַלץ מיט דיר, באַשעפֿער,
אַפֿילו אויב ס'איז אמת, אַז דו ביסט נישטאָ.

עס דערמאָנט די געטאָ־כראָניק לויט וועלכער א גרופּע וואַרשעווער רבנים פֿירן דורך א משפּט איבערן רבונו של עולם: מילא, דו האָסט געלאָזט אומברענגען דו גרויסע, די דערוואַקסענע, אָבער וואָס האָסטו געהאַט צו די עופֿהלעך, זיי האָבן דאָך נאָך גאָרנישט געזינדיקט... וואָס דען זאָל מען טאָן אין אַזאַ פֿאַרלוירענעם דור, וואָס אַנדערש בלייבט ווי: —

— ביי דיר צו בעטן און פֿון דיר מאָנען
אין אונדזער טויט־פֿאַרגרוילטער שעה.

און פּונקט ווי זיין רבי און זיינע פֿרומע טאַטע־מאַמע גיבן זיך אונטער נאָכן פֿאַרצווייפֿלטן אויסגעשריי קעגן השגחה און משהן, אַזוי קומט לייוויק צוריק צו די דינע פֿעדים פֿון בטחון. ער דערזעט דעם וועג פֿון באַרג מוריה ביז מאַידאַנעק, דעם קורצן יצחק־שפּאַן צווישן ביידע. אינעם ליד „אין בונד פֿון בונדן" דערקענט דער דיכטער זיין גאָט. אין האַסטיקן אומרו און אין איילעניש שפּאַנט גאָט, אין אייגענער פֿאַרשעמטקייט, איבער אַלץ און אַלעמען דערקענט נישט קיינעם. אָבער —

— איך — דיך דערקען:
דורך וועגט פֿון שטיינער

כ׳טו אלץ נאָר זען
דיך קלערער, ריינער.

אָנגעהויבן האָט ליזויק מיט ציטער, מיט הנני העני ממעש. דורכן געפּיל פון אייגענער עקידה, דורך אַן אויסגעאיידלטער בענק־שאַפט צו זיין פֿארלוירענער איהומען־היים איז ער ביסלעכווייז צו־געקומען נעענטער צו טרעבלינקע, און צום פֿאָלק פֿון קדושים. דורך אייגענע ראנגלענישן מיט זיך און מיט גאָט, קומט ליזויק צוריק צו דעם גרויסן רחמים פון ר׳ לוי יצחק. ער, דער באַרדיטשעווער איז אויך —

גפּשטאָנען א גלייכער, פֿארביסן און האַרט
דין בליק איינגעשניטן אין גאָט דעם פאָטער.

שרייען אויף גאָט האָט לוי יצחק געוואָלט און געענדיקט האָט ער „מיט די שטילסטע לידער״. אין דעם ליד „צום איביקן״ שטייט דער דיכטער אויפן שוועל פון „מער נישט זייך״, פון געזע־גענען זיך מיט א פֿארלארענער וועלט פֿון אויסגעלאָשענע האָפע־נונגען. אָבער אָט דערהערט ער די שטים: וואָס ווילסטו טאָן? לאָ־מיר ווידער א בונד אויפסניי פאַרקניפּן. און אויף דעם קומט גלייך דער ענטפער פֿון א דורשטיקן נאָך גלויבן, נאָך אַ באַנייטן פֿונק פֿון בטחון: —

— אַ בונד, א נייעם, יאָ, פאַרקניפּ,
דו ווייסט דאָך, איך וואַרט מיט אַלע גלידער
אויף די פלאמיקע צוקן פֿון דיין ליפּ,
כ׳זאָל קענען צום לעבן זיך אַויפהויבן ווידער.

* * *

איך טרעבלינקע זענען מיר נישט געווען, אָבער מיט ליזויקן גייען מיר דורך דעם פֿייערדיקן טרעבלינקע־וועג, וואָס ברענט און רייניקט צוגלייך.

מהר"ם פון רוטענבערג

און דניאל פון דאכאו

ווען ס'האָבן זיך באַוויזן די ערשטע ווערק וועגן גרויסן חורבן, האָבן מיר אונדזערע אויגן נישט געגלייבט. ווי איז עס מעגלעך אין אזא אומקום פון אַ פאָלק צו שרייבן און באַשרייבן. האָבן מיר מיט ציטער געלייענט דאָס ערשטע געטאָ־ליד פון א מיידל אין ווארשע, און אַז זי האָט דאָרט דערציילט וועגן וועגנט באשפריצטע מיט יידיש בלוט, אַז זי האָט געטרייסט די חרובע גאַסן פון וואַרשע, אַז זיי וועלן נאָך דערלעבן צו זען פרילינגס א סך, און אויפֿבוי, האָבן מיר שוין דאָרט געזען שפורן פון יידישן נצח — אַ פאַרחלשטער אָפּקלאַנג פון ווייטן אַמאָל, ירמיהו באַוויינט און טרייסט די חרובע שטאָט. שפּעטער האָבן זיך דורכגעריסן לידער אומבאַהאָלפענע פון יידן, געפירטע צו שחיטה, לידער פון פאַרטיזאַנען און שקלאַפן. מיר זענען געבליבן פארשטיינערט פון יאנקל וויערניקט „אַ יאָר אין טרעבלינקע". מיר האָבן דערפילט, אַז עפּעס וואָס איז היסטאָריש אייביק, יידיש־גורלדיק, ווערט אנטפּלעקט. אַ נייע אויסטייטשונג פון אונדזער עם־הספר כאַראַקטער. מיר שרייבן און פאַרשרייבן פאַר דורות, אפילו ווען דורות ווערן לעבעדיקערהייט געפירט צו די קברים.

דריי גרויסע פּאָעטיש־דראַמאַטישע ווערק האָבן זיך אַריינגעשטעלט אין די פּאָליצעס פון יידישע ביכער און ספרים. דאָס ערשטע איז געשריבן געוואָרן פאַרן חורבן, דאָס צווייטע — בעתן חורבן, און דאָס דריטע — נאָכן חורבן. פון אהרן צייטלינס „אין קיינעמס לאַנד" איז געבליבן הענגען אין דער לופט דאָס שאַרפע געשריי פון דעם געפייניקטן ייד, וואס איז צעררודערט געוואָרן, ווען ער האָט דערשפירט דעם גרויסן חורבן:

לעצטע פייגל, אָפּפליענדיקע פייגל,
קומט אַראָפּ, קומט אַראָפּ...

דאָרט הענגט נאָך דער גרויסער ספק איבערן יידישן הימל — אפשר אפשר... עס פרעגט נאָך דער בלינדער: „וואו איז די וועלט? זי וועט אונדז גארנישט העלפן?"

מיר וועלן זיך שוין קיינמאָל נישט באַפרייען פון יצחק קאַצענעלסאָנס „פאַרוואָס קומט עס אונדז?!". זיין געשטאַלטער צער, זיין נביאישע טענה, זיין כוח צו פאַרביילן די פויסט קעגן די

הימלען, וואס האָבן „אונדז אייביק גענאָרט", זיין דוד־קלאָג־ליד אויפן טויט פון זיינע קינדער בן־ציונקע און יאָמעלע — ווער קאָן דאָס אונדז דערקלערן? וועט וועט קענען מאַכן ליטעראַרישע אַנאַ־ליזן און געבן קינסטלערישע אָפּשאַצונגען פֿון א ווער אַזוי און אין אַזאַ צייט געשריבן. קאַצענעלסאָנס „ליד פון געהרגעטן יידישן פֿאָלק" וועט אויף אייביק אַריין אין אונדזער מארך און בלוט סיי דורך זיין גרויסן צער און סיי דורך דעם אמנון־מאָמענט פֿון זיין אנטשטייאונג. אַזוי אומבאַגרייפלעך לעגענדאַריש, אַזוי מענטשלעך טראַגיש האָט אַן אַנדער קדוש אונדזערער — ר' אמנון — געשריבן זיין ונתנה תוקף קדושת היום.

ה. לייוויק האָט מיט זיין דראַמאַטישער פּאָעמע פון קידוש השם אַ בלענד געטאָן פאר אונדזערע אויגן מיט א כישוף נאָמען פון יידישער געשיכטע — מהר"ם פֿון רוטענבערג.

וואָס דערמאָנט דער נאָמען? וועלכע בלעטער מישט ער אויף? וואָס בינדט אים מיט אונדזערע טעג? דייטשלאַנד אין די טעג פֿון „רינדפליישׁ געשעכטערייען". באַנדעס פון א האַלב־משוגענעם ריי־טער יאָגן זיך מיט פֿייער און שווערד איבער בייערן און עסטרייך, ס'קומען אום יידישע קהילות. נירנבערגער יידן באַווייזן זייערע 628 קרבנות. עס פֿאַרשרייבט דעמאָלט די האַנט פֿון א פליט פון טויט: „יזכור אלהים נשמות כל הקהילות כמו נשמות אברהם, יצחק ויעקב, שנהרגו, ונסקלו, ונשרפו, ונחנקו, ונשחטו, ונטבעו, ונאפּנו, ונתלו, ונקברו חיים על יחוד השם". מהר"ם פֿון רוטענבערג — און מיר דערזעען די פֿייערן פון יענער פֿינצטערער נאכט אין פּאַ־ריז פון 1242, ווען עס ציען זיך 29 וועגענער מיט גמרות צום פאַרברענט ווערן. אַזוי האָט מען דאך אין אונדזערע טעג געברענט יידישע הייליקע ספֿרים פון דער ישיבת חכמי לובלין, באַגלייט פון ווילדע געשרייען און געפּויקעריי פון נאַצישע אַרקעסטערס. און ס'קלאָגט דער קדוש ר' מאיר מרוטענבערג —

שאלי שרופה באש . . .
אַ, ווענד זיך און פֿרעג, דו פאַרברענטע אין פֿייער,
אויף דיינע אבלים, וואָס דו ביסט זיי טייער.
דאָס זענען די טעג, ווען דייטשלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן

לערנען די קונסט פֿון בויען „שטאַרקע״ געטאָ־ווענט, די טעג פֿון יידן־פּאַגראָמען און רויבערייען. אין די צענטערן פֿון תורה, אונטער דער אַנפֿירערשאַפֿט פֿון די חכמי שו״ם (שפּייער, וואָרמס און מאַינץ), דריקן זיך יידן צוזאַמען „ווי אָרעמע שעפּעלעך, ארומגערינגלט פֿון וועלף״. מ׳קוקט אויס משיחן און דערוויל באַוואָרנט מען זיך מיט וואָס מער חומרות, צוימען און סייגים היטן די ירושה פֿון אבות, כדי זיך איינערלעך מאָראַליש צו שטאַרקן, טייער האַלטן יעדן מנהג ישראל, צי ער איז נויטיק צי נישט. אַ מרה־שחורה לייגט זיך אויפֿן יידישן געדאַנק. מיר לייענען אין ר׳ מאירס תיקונים, אַז מ׳זאָל ווינטער־צייט נישט הייצן שבת, אפילו דורך אַ גוי, שבת טראָגן קליידער אָן קעשענעס, קינדער זאָלן שבת נישט עסן קיין לעקעכלעך מיט אויסגעקריצטע אותיות, ווייל זיי מעקן דאָס אויס... יידישע גאונים קלאָמערן זיך אָרום ברעקלעך הלכות, וועלכע זענען אין טראַגישע צייטן אויסגעוואַקסן אין זייערע אויגן גלייך ווי זיי וואָלטן געווען פֿעלדזן פֿון דערהאַלטונג

לייוויק פּירט אונדז דורך יידישע געטאָס אין דייטשלאַנד, דורך שרעק און מאָרד, מסירה און פֿאַרראַט, דערשלאָגנקייט און צעטומלטקייט, אָבער אויך — דורך מסירת נפש, קידוש־השם און נישט אויסגעלאָשענע יידישע האָפֿענונגען. אויף דניאלס באַמערקונג, אַז די יידנגאַס פֿון מאַינץ זעט אויס ווי נאָך אַ פּאָגראָם, ענטפֿערט אהאספאר: —

> נישט ווי, נאָר אויף אָן אמת נאָך אַ פּאָגראָם.
> ווייל ווען און וואו מיר זאָלן נישט קומען,
> טרעט שטענדיק אונדזער פֿוס אַריין אין אַ פּאָגראָם.

היסטאָרישער יידישער גורל, א גורל וואס פאַרבינדט אונדזערע צייטן און דורות. לייוויק האָט דערזען אָט־די היסטאָרישע גורלדיקייט, וואס פֿלעכט זיך דורך אונדזער געשיכטע. ער האָט דורכן גרויסן קידוש השם פֿון ר׳ מאיר בן ברוך, דורך זיין עקשנות־דיקן ווידערשטאַנד, געוואָלט אנטפלעקן די נשמות פון אונדזערע היינטיקע קדושים. און לייוויקן איז דאָס איינגאַנצן געלונגען. מיר הערן זיך צו צו די שמועסן פון מהר״ם מיט זיינע תלמידים, צו די „פארטיזאנישע״ רייד פון חיים און אסתר, צו די ספקות פון ר׳

אשר, און אונדז דאכט זיך, אַז דאָס איז אַן אונטערערדישע באַ־ראַטונג אין וואַרשעווער געטאָ. אסתר וויל אויפרייסן די אומזיניקע סבלונות און שרייט אויס: —

צי זעט איר נישט, אַז ס׳קומט אָן דער סוף
צו אַלץ, צו אַלץ, און מערער נאָך —
צו אונדזער אַלעמענס געדולד.

הערן מיר אין אירע רייד צביה לובעטסקיס רוף צום קאַמף און נקמה: —

זאָל יעדער, ווער עס קאָן, פֿאַרלאָזן דייטשלאַנד,
דאָס לאַנד וואָס ווערט פֿאַר אונדז פֿון טאָג צו טאָג
אַ בלוט לאַנד, נישט קיין היימלאַנד.

אַט־דער אויסגעשריי פֿון אַ יידישער טאָכטער אין אַלטן מאַינץ הילכט דאָך איצט אָפּ אין אַלע יידישע לאַגערן איבער דייטשלאַנד.

איצט איז שוין קלאָר, אַז די יידישע יוגנט אין פּוילן האָט מקדש השם געווען, סיי ווען זי האָט גערופֿן צום קאַמף, סיי ווען זי האָט זיך אַנטקעגן געשטעלט די ספֿקות פֿון עלטערן, באַלעבאַ־טישן דור. ווען דער מהר״ם זאָגט צו אסתרן, אַז: —

אַ ייד דאַרף אָננעמען באהבה די יסורים זיינע . . .

ענטפֿערט אסתר ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ יידישער פּאַרטיזאַנקע:

— אַ וואָרעם האָט דאָך אויך יסורים, אַז מ׳טרעט אויף אים...

די גרויסקייט פֿון „מהר״ם פֿון רוטענבורג״ באַשטייט אין דעם, וואָס דערמיט האָט לייוויק אַרנייגעגלידערט אונדזערע היינ־טיקע טעג אין קייט פֿון פֿאַרגאַנגענע דורות. ס׳איז נישט סתּם קיין קינסטלערישע פֿאַנטאַזיע. ס׳איז דער גרויסער און גרויער אמת, וואָס איז פֿאַר אונדזערע אויגן אַנטפּלעקט געוואָרן. אונדזער חורבן האָט דאָך אַ סוף געמאַכט צו אַזױפֿיל אילוזיעס וועגן אונדזער לעבן צווישן פֿעלקער. ביז איצט האָבן נאָר די אויגן פֿון אַן „אייביקן ייד״ געזען אונדזער וועג אין דער וועלט. איצט ליגט אויפֿגעריסן און אָפּגעדעקט אונזער וועג — בלינדע זען אים אויך, ס׳ענדערן

זיך בלויז פרטים, אָבער דער כלל בלייבט — „ווי שעפּעלעך צווישן וועלף״ . . .

די צייטן פון מהר״ם געהערן צו די „גליקלעכע״, ווען ס׳איז נאָך געווען א גרענעץ צו יידישע ליידן און יסורים. אַ ייד האָט נאָך געהאט אַ געלעגנהייט מקדש השם צו זיין מיט הכנעה, מיט א פּלאַן, ווי א יחיד, ווי א פּועל יוצא פון זיין אחריות פאַרן פאָלק. קידוש השם איז געווען א וועג צום לעבן און נישט צום אונטער־גאנג פון אַ פאָלק: —

קידוש השם איז נאָר דעמאָלט א מצווה
ווען ס׳איז א שטאַרקונג פאר ישראל,
ווייל — איין ייד שטאַרבט על קידוש השם,
א צווייטער לעבט אין זכות פון דעם.

אונדזערע נייע קדושים האָבן נישט געהאט די זכיה אפילו צו „בענקען״ נאָך די יסורים פון קידוש השם, ווי א ר׳ מאיר פון רוטענבורג. אָבער ס׳איז סיי־ווי געבליבן הענגען איבער אונדזערע הימלען א גרויסע הייליקייט וואס וועט אונדז ווייטער פירן און שטאַרקן. אין די פלאמען פון דעם גרויסן חורבן האָבן מיר ווידער דערזען דעם כוח פון א יונגן יידישן דור, וואס ווערט נישט צע־בראָכן. חיים און אסתר, שפּעטער אויך ר׳ אשר, זענען בלויז די אַנזאָגערס פון די געטאָ־העלדן. דורות גייען און פאַרגייען, און עס בלייבט פעסט דער וועג דורך עקידה צו בויאונג. דער יונגער דניאל פון דאכאו, וואס איז דורכגעגאנגען אלע פייערן און גאז־קאמערן, קאָן נאָך גלייבן און האָט נאָך אַ ווילן צו בויען: —

אין ארץ ישראל ברענען היינט א סך עקידות,

און ליכטיק פלאקערן דאָרט א סך מזבחות
אין עין חרוד, אין תל יוסף, אין גבעת ברענער.
און נישט נאָר יצחקס שטרעקן אויס די העלדזער פרוס,
נאָר שרהס אויך, און רבקהס אויך, און רחלס אויך.
און ווער עס קומט אהין פארגייט זיך אין מתיקות
ווי משה רבינו איז פאַרגאנגען זיך אויפן בארג נבו
אַ רגע פאר זיין שטאַרבן. —

א גאנצער דור אזוי, א גאנצער דור,
וואָס איז אליין משיח.

לייוויקס „מהר"ם פון רוטענבורג" געהערט צו דער יחוס־משפחה פון היסטאָרישע יידישע שאפונגען. די געשילדערטע צייט (אלע צייטן), די פערזאָנען, די גורל פראבלעמען פון קידוש השם און עקידה, משיח האפענונגען און אייביקע בענקשאַפט צו ארץ־ישראל — אַט דאס אלץ מאכט עס פארן גרעסטן פּאָעטיש־דראמא־טישן ווערק וואס מיר האָבן איצט פון גרויסן חורבן. ביים סוף פון דער דראמע, ווען דער מהר"ם גייט אויס אין תפיסה, הערן מיר דעם רוף פון אהאספערן און דניאלן: „שטייט אויף און — קומט מיט אונדז!" דער מהר"ם ווערט א דריטער אייביקער וואנדערער, וואס גייט פון דור צו דור צו היטן און באלייכטן דעם וועג פון נצח — נישט נאָכגעבן, נישט בייגן זיך.

יידן פייערן

לייוויקס פופציק-יאָריקן

י ו ב י ל י י

דעם זעקס און צוואנציקסטן טאָג אין חודש מערץ, אינעם יאָר ניינצן־הונדערט־ניין־און־דרייסיק האָבן די טאָראָנטער יידן גע־פּערט דעם יום־טוב פֿון לייוויקס פֿופציק יאָר לעבן.

הונדערטער און הונדערטער האָבן געשטראָמט אין דעם גרויסן טעאַטער, וואו די פֿייערונג איז פֿאָרגעקומען. מען האָט אויס־געקליבן דעם גרעסטן פֿאַרזאַמלונג־פּלאַץ, וואָס דער יידישער „ספּעדיינע״־קוואַרטאל פֿאַרמאָגט. זיבן אזייגער אָוונט זענען שוין אָפֿן די טירן. אין דרויסן גיסט אַ רעגן, אָבער דאָס שטערט נישט דעם אָנשטראָם פֿון אַ יום־טובדיקן עולם. אָט ווערן פֿול די ערש־טע רייען; אָט זענען שוין פֿאַרנומען אַלע פּלעצער פֿון די באַל־קאָנען און גאַלעריעס. עס זענען שוין דאָ די ערשטע טויזנט און עס קומען נאָך, יונג און אַלט. די חברים, וואָס שטייען ביי דער טיר זאָגן אָן, אַז דער עולם, וואָס קומט קאָן שוין נישט אַריין אין טעאַטער, נישטאָ מער קיין פּלאַץ. אַ נס, אַן אמתער וואונדער; אין אַזעלכע צייטן, ביי אַזאַ וועטער, און עס איז דאָך נישט מער ווי אַ קולטור יום־טוב . . .

אויף דער סצענע באַוויזן זיך ה. לייוויק, ש. ניגער און דער פֿאָרזיצער פֿון אָוונט — גרשון פּאָמעראַנץ. דער עולם שטורעמט מיט אַפּלאָדיסמענטן, מען שטעלט זיך אויף פֿאַר דעם גרויען קאָפּ פֿון בעל היובל, מען גיט אָפּ כבוד דעם גרויסן קריטיקער פֿון דער יידישער ליטעראַטור. „מיר פֿרייען זיך מיט אייך, דיכטער און בויער פֿון דער יידישער ליטעראַטור, ה. לייוויק און ש. ניגער״ — אַזעלכע ווערטער לייכטן אַראָפּ פֿון אַ ריזיקן פּלאַקאַט אויף דער סצענע. אַרומגערינגלט מיט בלומען, וואָס עס האָבן צוגעשיקט אַלע אַרבעטער אָרדנס, יוניאָנס און קולטור־אָרגאַניזאַציעס.

עס עפֿנט די פֿייערונג גרשון פּאָמעראַנץ. אין אַ פֿייערלעכן טאָן שטעלט ער פֿאָר לייוויקן, דעם לויטערן שרייבער און מענטש. „אין יעדן דור — זאָגט דער פֿאָרזיצער — האָבן אַזעלכע לייוויקס געפֿירט, געשטאַרקט און דערמוטיקט״. ער גיט דאָס ערשטע וואָרט צום גאַסט, ש. ניגער, וועלכן ער רופֿט אָן „דער אַריסטאָקראַט פֿון דער יידישער ליטעראַטור״.

„עס איז אַן אויסגעטראַכטער בילבול — זאָגט ש. ניגער, —

אַז צווישן דער קריטיק און דיכטונג גייט אָן אַ שטילער, אָדער אָפּענער קאַמף. ביי אונדז האָט מען אַ סך געשריבן וועגן דעם. עס האָט געזאָלט הייסן, אַז קריטיקער און דיכטער זענען צוויי פיינטלעכע לאַגערן, וואס פאַרשטייען זיך נישט, פאַרגינען זיך נישט איינס ס׳אנדערע און קענען דעריבער נישט וואוינען אונטער איין דאַך". איז עס געווען א פּרייד צו זען ניגערן אויף דער גרויסער פייערונג, און נאָך מער — אַ פּרייד צו הערן ניגערס באַגייסטערטע רייד וועגן לייוויקס אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור און אין יידישן לעבן.

מענטשן, וואָס קענען גוט ניגערן האָבן באַלד באַמערקט, אַז ער הייבט אָן רעדן מיט א ציטער אין דער שטימע. עטלעכע מינוט צייט האָט ניגער געמוזט וואַרטן און איבערוואַרטן דעם שטורעם פון וואַרעמע אפּלאָדיסמענטן מיט וועלכע דער עולם האָט אים אויפגענומען.

„עס איז מיר שווער צו רעדן גראָד איצט, ווען לייוויק אַליין געפינט זיך אויף דער סצענע; איך וויל אָנווייזן אויף לייוויקס גרויסער ראָל אין אונדזער לעבן און אין אונדזער ליטעראַטור". אזוי האָט ניגער אָנגעהויבן זיין רעפעראַט. און געווען איז דאָס נישט סתם אַ יום־טובדיקע רעדע, נאר אַ ברייט און טיף בילד פון לייוויקס שאַפן, פון די ערשטע טריט זיינע ביז די גרויסע פארמעסטן. „לייוויק — זאָגט ניגער — האָט גענומען דעם יידישן פאָלקס מיטאָס, אים אָנגעטאָן בלוט און פליש פון אונדזערע טעג, אַריינגעהויכט דעם אָטעם פון אונדזערע גורל־פראָבלעמען און געשאפן ווערק פון גרויסן פארמעסט. לייוויקס וועג איז אין דעם פאַל, דער וועג פון די גרעסטע אין דער וועלט־ליטעראַטור. אויך אין דער וועלט ליטעראַטור האָבן זיך די מייסטערס געווענדעט צום מיטאָס, צו שמידן פון דער פאָלקס־פאַנטאזיע דעם רוקן־ביין און דעם פאַרעם פון זייערע פאָעמעס, דראַמעס און טראַגעדיעס. און מיט נאָך אַ גרויסן כאַראַקטער־שטריך דערמאָנט אזוי לייוויק די שעפער און בויער פון דער וועלט־ליטעראַטור — ער איז גלייכצייטיק פאָעט און דראַמאַטורג. און כאָטש גרויסע קינסטלער לאָזן זיך קיינמאָל נישט פאַרגלייכן, מעג אָבער לייוויק וויסן, אַז ער געפינט זיך אין א

גאַנץ פּיינער געזעלשאַפט; אויך שעקספּיר, געטע און פּושקין זענען געווען פּאָעטן און דראַמאַטורגן אין איין צייט, מייסטער פון פּאָע־טישן פּערז און טיפע קענער פון דראַמאַטישן דיאַלאָג".

אָבער וואס איז עס, וואָס מאַכט לייוויקן אזוי נאָענט צו די הערצער פון יידישע מאַסן? איז דאָס בלויז די הויכע קונסט־מדרגה פון זיין ליד? איז עס דען בלויז די געשפּאַנטקייט פון זיין דראַמע?

לייוויק האָט זיך אויפגעשטעלט צו רעדן פאַר א גרויסער יידישער מאַסע, וואס איז געקומען מיט אים צוזאמען פייערן זיין און זייער יום־טוב. לייוויק האָט גערעדט מיט דער אויפריכטיקייט און פשטות מיט וועלכער מען רעדט מיט נאָענטע און געציילטע פריינט, אויג אויף אויג, אין א היימישער סביבה. עס איז פאַרביי־געגאנגען פאַר די אויגן פון די צוהערער זיין שטעטל און זיין קינדהייט, זיין ערשטער ציטער ביים אָנבליק פון אויסגעשטרעקטע העלדזער פון געשאָכטענע קעלבער. און דער וועג קיין סיביר, אי־בער די „הייסע" וועגן פון אייז און ווייסן שניי. די געפייניקטע גופים אויף די תפיסה־נאַרעס, דער באַליידיקטער מענטשלעכער גוף. עס שניידט זיך אויף אייביק איין דאס בילד פון יענער עלנטער נאַכט, ווען מאַן און פרוי, געשמידטע אין קייטן, שורות צו שורות ווערן אויפגעציטערט פון דעם געבורט־געשריי: א געשמידטע מאַ־מע גייט צו קינד אין אָפענעם וואנדער־מדבר, אונטער דער וואַך פון סאָלדאַטן. דער מענטש איז באַליידיקט און דערשלאָגן. דעם מענטשנס וועג איז שטעכיק פול מיט פּיין, אָבער אין מיטן פון פּיין און צער גייט אויף א ניי לעבן ניי און אומשולדיק — סימבאָ־ליש, לייוויקס וויזיעס, לייוויקס גלויבן.

און ווען לייוויק האָט געלייענט זיינע לידער האָט ווידער דורכ־געציטערט דורך אלע הערצער דאס געשריי פון געפייניקטן און גע־שלאָגענעם דער צער פון געשאָכטענע העלדזער. ממעמקים קראתיך — דאָס ליד — געבעט, דאָס געשריי וואָס האָט קיין ווערטער נישט, ווייל עס זענען שוין נישטאָ קיין ווערטער, בלויז ממעמקים.

אַ פאָלק ווי אונדזערס געפייניקט און געיאָגט, דאַרף א דיכ־טער וואס זאָל פילן און טרייסטן, אַ יידישער דיכטער אין אונד־זערע טעג וועט נישט אויפהערן זען דאס לעבן, וואָס קאַרטשעט

זיך אין פיין, אם אשכחך ירושלים, מען טאָר איצט נישט פֿאַר־געסן, נישט סתם זינגען צוליב שיינע אויגן און לאַנגע צעפּ. און — אפֿשר איז עס שטענדיק אַזוי געווען ביי אונדז. אפשר איז דאָס „יידישער נוסח"? פון אונדזער'ע נביאים זענען געבליבן און טייער געוואָרן און אייביק געווארן דער עיקר יענע ספרים, וואס זענען געשאַפֿן געווארן אין צער פון פֿאָלק, וואס האָבן געפֿירט דאָס פֿאָלק. און וואס געדענקט דאס פאָלק פֿון ביאַליקן? מיט וואס איז ביאַליק נאָענט דעם פשוטן יידישן פאָלקס מענטש? די לידער פון צער און צאָרן, די לידער און פּאָעמעס פֿון „אומקום", וואס זענען נישט קיין אומקום, נאר טרייסט און הייסער ווילן אַרויסצופירן פון מדבר.

„לייוויק איז דער ליידנדיקער גייסט פון אונדזער דור — דער גייסט פֿון די ליידן פון אונדזער דור", — אזוי האָט ניגער באַ־צייכנט לייוויקס קינסטלעריש־מאָראַלישן וועג אין אונדזער ליטע־ראַטור.

◈

זלמן שניאור

„בתי את שואלת אותי מה הוא המות ?
טוב כי תשאליני : מה סוד החיים ?
צופה את באימה על המתים, ואנכי
על אלה הנולדים תחת השמים״.

מיט די דאָזיקע שורות הייבט אָן שניאור זיין ליד „מעשיה״ אין דער בארימטער לידער־זאמלונג „גשרים״ פון יאר 1922. אָן אומעטיקער טאָן פון בין השמשות, טרויעריקע רייד פון א לעבנן־דערפארענעם יידן, וואס רעדט זיך דורך מיט זיין יונגיטשקן איניקל. איך וועל דיר דערציילן א מעשהלע פון א לאנגן און שווערן לעבן, נעם מיך נאר ארום פארנאכט־צו, ווען ליכט און שאָטן הייבן אָן זייער שטילן שפיל. אפשר איז דאס א חלום פון א לאנגער שווערער נאכט, אפשר האָט עס זיך מיר נאָר אויסגעדאַכט און אפשר — ווער ווייסט האָב איך עס גאר אמאָל געלייענט אין אַלטע ספרים מיט פארגעלטע בלעטער. לעבן און טויט — ביידע זענען בלויז אַ בייזער פון טיוול, פון שטן המשחית. זיי האָבן ביידע פאַרשניטן א בונט צווישן זיך צו שפילן א חוזק־שפיל מיט שוואַ־כע און קליינע מענטשעלעך : —

„אנכי אברא ברואים, ואתה אותם תמית,
והיה לנו משחק של מתים ונולדים...״

איך וועל באַשאַפן לעבן און דו וועסט עס אומברענגען און וועלן האָבן א שפיל פון טויט און פון לעבן...

איז דער דאָזיקער טאָן פאַר א סך לייענער געווען אַן אָנווייז, אַ רמז אויף שניאורס אומעט, אויף זיין איוב־נוסח. אין דער אמתן איז דאס אבער געווען א פארפירערישער רמז — עס האָט נאר געוויזן איין זייט פון שניאורס שטימונג, איין ווינקל פון זיין נשמה, וועלכע איז אויך אַ שפיל פון לעבנס פרייד און פילאָזאפישן אוּ־מעט. אין זיינע שפּעטערדיקע שאַפונגען האָט שניאור א לייכט גע־טאָן מיט נייע פארבן, צווישן וועלכע עס האָט זיך אַרויסגעריסן באזונדער שטאַרק אַ העלער קאָליר פון יוגנט, א מעכטיקער שטראָם פון שטאַרקע יוגנט־געפילן. עס האָט זיך באַוויזן א פאַרליבטקייט אין לעבן, א צערטלעכקייט צו פרישער נאטור, א טיפער אינטע־רעס צו מענטש.

בעל מחשבות, דער באַרימטער ייִדישער ליטעראַטור קריטיקער, וועלכער האָט אין שניאורן דערזען אַ פּאָעטישן ריז, וואָס שטייט גאָר נאָענט צו ביאַליקן, האָט אויך גלייך באַמערקט און אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דער סתירה פון געווויסע אומעטמאָטיוון אין שניאורס טיפן, קרעפטיקן און יוגנטלעכן ריטם. נאָך אין 1906 האָט ער געשריבן: „עם שקיעת החמה" איז נישט דער ריכטיקער טיטל פאַר שניאורס פּאָעמע. פאַר זיינע שירים וואָלט בעסער געפּאַסט דער טיטל „כך שרים אצלינו" — אָדער נאָך בעסער — „די יוגנט זינגט". ווייל שניאור זינגט ווי די אייביקע אומשטערבלעכע יוגנט. ער זינגט אין ברייטע, שטאַרקע אַקאָרדן. ער זינגט פון לעבן און טויט, פון ליבע און קאַמף, פון הימל און ערד, פון זון און פּלאַנעט, פון וועלטן, וואָס צעוואַקסן זיך און ווערן צעפלאַסן אין ליכט, פון וועלטן, וואָס קנייטשן זיך צונויף און ווערן פאַרטרונקען אין פעד שוואַרצע פינצטערניש".

אָט אַזוי האָט דאָס בעל מחשבות דערזען שניאורן גלייך ביי זיינע ערשטע פּאָעטישע טריט ער האָט דערזען שניאורס נשמהקאָנטראַסטן, אַ דורשטיקייט צו פרימאָרגנדיקער ליכט, אַ הונגער, וואָס איז גרייט איינצושלינגען די גאַנצע זון, אָבער אויך אַ מיטנטאָגיקע מידקייט און מאַטקייט. „אין העלפט פון זיין נשמה — באָדט זיך אין ליכט, און די אַנדערע — טרינקט זיך אין שאָטנס געדיכטע".

אָט־די דאָזיקע ערשטע העלפט, וואָס באָדט זיך אין ליכט, האָט זיך גאָר בולט אַרויסגעוויזן אין שניאורס ייִדישע ווערק, אין זיינע נאָוועלן, דערציילונגען און קינסטלערישע ראָמאַנען. ער איז פאַרליבט אין זיינע שקלאָווער ייִדן און פון יעדן בלאַט „נח פאַנדרע" זינגט אַרויס אַ ראָמאַנטישע בענקשאַפט צו שטעטלדיקן שטייגער, צו דער קינדערישער נאַאיווער וועלט פון היימישן געסל, צו די גיבורים פון דער ייִדישער געטאָ, וואו ייִדישע קינדער האָבן געזען אויף דער שמשון הגיבור פאַנטאַזיע און געחלומט דעם שפּיל פון דוד און גלית פאַרמעסט.

„וואו זענט איר אַצינד איר דעמבענע ייִדן מיט די ברייטנאַגיקע שטיוואַליעס און מיט די צעשוואָומענע פאַרברענטע נעזער,

ווי ביי לייבן? איר באַלעגאַלעס, קצבים, נאָסקע טרעגער, ליימער, זעגער... אייער קול איז געגאַנגען ווי פון אַ פּוסטער פאַס אַרויס און פון אייערע קינדערישע אויגן האָט דאָרט געשפּילט דער כוח פון לעבן. אָט אַזוי בענקען די שורות פון שניאורס „נח פּאַנדרע". מ'האָט ביי אונדז געמיינט, אַז ס'האָבן זיך שוין אויסגעשעפּט די קוואַלן פון שטעטל, אַז מיטן עקאָנאָמישן חורבן פון שטעטל, איז אויך אויסגעטריקנט געוואָרן די דורותדיקע פּאָעזיע פון אירע געס־לעך, שבתים און יום־טובים. מ'האָט דאָך שוין געמאָלן די פּראַכט פון קוזמירער בערג, וואָס שפּיגלען זיך אין דער ווייסל, און היטן אַלטע יידישע טראַדיציעס; חסידישע טאַטעס מיט טעכטער, וואָס זינגען פּוילישע לידער און בענקען נאָך ריטער, וואָס וועלן אַראָפּ־גאַלאָפּירן פון די בערג און אַרויסרייסן פון אונדזערע חורבות. מ'האָט שוין געשילדערט יחזקאל גאַמבינערס „שטוב", וואו עס הויערן צוזאַמען תורה און עשירות. דעם שלום־בית פון שוסטער־געסל מיט דער מזרח־וואַנט ביים התלהבותדיקן קבלת פנים פון דעם נייעם רבין. מ'האָט אויך שוין דערציילט פון דעם וואַכע־דיקן „קלאַסן קאַמף" פון די בעלי־מלאכות מיט שטעטלדיקע גבאים, וואָס שרויפן אַרויף די פּרייזן אויף פּסחדיקע מצות אונטערן מאַנטל פון מעות חטים. און דאָס „קוילער געסל" מיט זיינע קצבים און שטאַרקע יונגען, אויך דאָס איז שוין פון לאַנג דאָ אין ספרים־שראַנק פון דער יידישער ליטעראַטור.

שוין נישטאָ וואָס צוצוגעבן — האָט מען געמיינט. נאָך דערצו, ווען עס איז שוין פאַראַן אַ ניי יידיש פּנים אין די גרויסע שטעט, אין די גרעסטע צענטערן פון אייראָפּע און אַמעריקע. אָט־דאָס נייע יידישע לעבן וועט זיכער שאַפן נייעם שטייגער, נייעם אינהאַלט און פאָרם, וואָס וועלן אַזוי פאַרכאַפּן דאָס אויג פון דער יידישער פּאָעזיע, אַז עס וועט ממש נישט בלייבן קיין צייט און קיין כוח און קיין געדולד פאַרן אַלטן אונטערגייענדיקן שטעטל. און דאָ, פּלוצלונג, אַ נייער שטעטל־שטראָם אין דער יידישער לי־טעראַטור. ערגעץ אין וואַרשע זיצט אַ בורשטין און שרייבט „אויף די חורבות פון פלוינע" און „ביי די טייכן פון מאַזאָוויע"; און אַזש אין פּאַריז זיצט אַ שניאור און שרייבט וועגן שקלאָווער יידן,

װעגן פּעטער זשאַמע און װעגן עפּעס אַ נײַעם גלגול פֿון מאָט־קע גנבֿ, װעגן אַ קצבֿיש־באַלעגאָלישן למד־װאָװניק, נח פּאַנדרע. און נישט עפּעס אַ קורץ־אָטעמדיקע דערציילונג איז דאָס בײַ שניאורן, נײַן, עס גייען 4־5 הונדערט־זײַטיקע דיקע ביכער, נח פּאַנדרע אין פֿינף המשכים: „נח פּאַנדרע", „צװישן אַזערע און דניעפּער" (שױן אַרױס פֿון דרוק), „צוריק פֿון אַסטראַג", „די װאַנט" און „פּאַנדרעס אַנטלױפֿן".

װי שלום אַש אין פּױלישן „קױלער געסל" אַזױ גיט אונדז שניאור דעם אױסערלעך רױען און פֿאַרגרעבטן טיפּ פֿון זײַן אוקראַיִניש־װײַס־רוסישן געסל פֿון קצבֿים און באַלעגאָלעס. עס גייען דורך פֿאַרשידענע טיפּן און פֿאַרשװינען, מיט אַלע זייערע רייד און תּנועות. ר' סענדער פּאַרדאָן װאָס פֿירט „שוראַקעס" פֿון שקלאָװ קיין אָרשע, אַ „חסיד" צװישן באַלעגאָלעס, זײַנע מעשׂיות װעגן זײַן טאַטן ר' זימל, לייענען זיך מיט דער געשפּאַנטקייט פֿון אמתע פֿאָלקסטימלעכע פֿאַנטאַזיעס, אַן אַקרענט, װאָס האָט זיך אַװעקגעלאָזן אויף אַ װײַטער נסיעה דורכן פֿאַרגליװערטן ים... נח האָצקעט זיך אויף דער קעלניע און הערט דערװײַל מיט פֿאַר־כאַפּנדיקן אָטעם די באַלעגאָלישע שׂיחת חולין פֿון זײַן שװער ר' סענדער. אַ מעשׂה מיט גזלנים, װאָס זענען באַפֿאַלן דער פּאָטשט (אַ באַן איז נאָך דעמאָלט נישט געװען). אַ מעשׂה מיט אַ פּריצישן משרת אַ „שטאַפּעט" װאָס יאָגט זיך אויף פּריצישן אױסגעכאָליעטן פֿערד און שרײַט „דאַראָהו זשידי!" װי אַזױ שפּעטער באַפֿאַלט אים אַ בער און ר' זימל, סענדערס טאַטע פֿאַרטרײַבט דעם בער קלאַפּנ־דיק מיט אַ שטעקן אין דעם בלעכענעם עמער און ראַטעװעט אָפּ דעם כװאַטסקן שטאַפּעט, װאָס ליגט צעשראָקן אין קאַלטע אַנגסטן.

און נחס אייגענע העלדישקייטן. די מעשׂה מיטן װאָלף, װעלכן ער צערײַסט װי שמשון הגיבור דעם לייב. די מעשׂה מיט דער „גוטער" בהמה פֿון נײַעם גיבור, װי ער טראָגט זי אַרום אויף זײַנע שטאָלענע פּלייצעס פֿון דער ברענענדיקער שטאַל. און דער נײַער פּריסטאַװ, װאָס שיכורט און לערנט בלק מיט די ייִדן פֿון שטעטל. װי נח שטעלט זיך אײַן פֿאַר זײַן „שודאַק" דעם נײַעם גבֿיר פֿון שטעטל, װי ער גייט שפּעטער אין תּפֿיסה פֿאַרן גבֿיר און לאָזט

איבער זיין מערען אין די הויכע חדשים... און שעפּטעלע גנב, וואָס קריגט געבראָטענע גענדזועלעך אין טורמע אַריין, און דער גזלן טשורילא וואס ווארפט אָן א שרעק אויף אַלע ארעסטאַנטן ביז נח „באַרואיקט" אים מיט עטלעכע געזונטע בוכצעס, עס פעלט דאָרט נישט אפילו דאס שטעטלדיקע בייז־וואונדער, שרהקע די משוגענע, וואס זאָגט שטענדיק אָן עפּעס און אומגליק מיט איר שרעקלעכן לידל:

„ניטשיינע האָב איך א קוק געטאָן
דאָ, אויכעט דאָ,
אויס שבתים, אויס יום־טובים
דאָ טאָקע דאָ".

א ברייט און רייך בילד, פול מיט שאַרפע און בולטע שיל־דערונגען, וואס אטעמט מיט ראמאנטישער באציאונג צום שטעטל און גלאנצט מיט ליכט און שאָטן פון זיינע טיפּן.

* * *

זלמן שניאור שטייט, אין זיין קינסטלערישער וועלט, ערב נייע פארמעסטן. די יידישע און העברעאישע ליטעראטור וועט נאָך אַ סך מאָל איבערראשט ווערן פון שניאורס קינסטלערישע דער־גרייכונגען.

אין זכות
פון אונדזער וואָרט

מיר האָבן דערשפּירט מיטן חוש פֿון אונדזער היסטאָרישער דערפֿארונג, אַז עס דראָעט אונדז א גרויסע סכנה — און דווקא אין אמעריקע. דער פשוטער ייד וועט עס אפשר נישט באַגרייפֿן — סטייטש מיר לעבן דאָך אין אַ דעמאָקראַטיש לאַנד. די פֿון אונדז, אָבער, וואָס האָבן זיך אויסגעלערנט „אויפכאַפּן" קלאַנגען פֿון פֿאַרגאַנגענע דורות, פאר וועמען יידישע געשיכטע איז א מאָס און אַ וועג־ווייזער אָט די וויסן, אַז יידישער גורל אין אמעריקע צי־טערט אויף דער וואָג־שול. און עס רעדט זיך דאָ נישט וועגן סכנות פון דרויסן. ניין, דווקא וועגן אינעווייניקסטע, אייגענע. עס רעדט זיך וועגן דעם גרויסן חורבן פון יידישן בוך, וועגן דער פֿאַריתומדיקייט פון יידישן וואָרט. ס׳איז אין אונדזער יידישער עק־זיסטענץ אין אמעריקע איבערגעשניטן געוואָרן א לעבנס־נערוו, וואָס האָט אונדז געגעבן גענערט, געגעבן כוח און חן, יידישע גבורה און יידישע שיינקייט. דער דאָזיקער נערוו פון לעבן איז געווען אונדזער נשמהדיקע פֿאַרבינדונג מיטן ספֿר און מיטן בוך.

יוסף אָפּאַטאָשו האָט אַמאָל אָנגעשריבן א דערציילונג „ספֿרים". רעדט זיך דאָרט וועגן א בערגל ספרים פֿון א טאַטן, צי פֿון א זיידן, וואס די קינדער און אייניקלעך האָבן „אויסגעראַמט" און ארויסגעוואָרפֿן אויפן מיסט־הפקר. איז עס קינסטלעריש נישט פון די שטאַרקסטע דערציילונגען, וואָס אָפּאַטאָשו האָט אָנגעשריבן, אָבער עפּעס ציטערט אויף דאס הארץ ביים לייענען. דו דערהערסט א שטורעם, אַ היסטאָרישן, וואס רייסט אויף בילדער פֿאַרגאַנגענע. דו דערזעעסט דעם אויפשריפּט אויף דער וואַנט פון אונדזער גורל: אורייתא וישראל חד הוא. וואס עס געשעט צו אונדזער ספר מוז געשען צו אונדז. ברענט מען אונדזער ספר, ברענט מען אויך אונדזער נשמה וועט מען אויך ברענען אונדזער גוף.

פֿון אלטע צייטן אזוי — נאָך אין די טעג פון אנטיוכוס הרשע האָט זיך עס אָנגעהויבן מיט א שריפֿה פֿון דער תורה אין די גאַסן פֿון ירושלים. אָבער אין יענע טעג האָבן יידן געוואוסט, אז דאָס איז דער אָנהויב — איז נאָך דעם געקומען דער „מי לה׳ אלי!" און די גרויסע מסירת נפש. אז חנינא בן תרדיון איז געשטאַנען אויף דער עקידה, געוויקלט אין נאַסן פארמעט און אין פֿלאַמען פֿון

קידוש השם, האָבן אים זיינע תלמידים געפרעגט: מה אתה רואה? וואס זעסטו איצט, ווי אזוי זעסטו איצט דעם וועג אונדזערן, אונד־זער גורל דעם זין און תכלית פון אונדזער לעבן. איז געקומען דער ענטפער — גווילין נשרפין ואותיות פורחות. עס וועט בלייבן דאס אות, דאָס ווארט, די תורה. און ווען דאָס ווארט בלייבט, ווען ס׳איז נישט איבערגעריסן די גאלדענע קייט, וואס פארבינדט אונדז מיטן ספר, זענען מיר נישט אונטערגעגאנגען, לעבן מיר און ס׳איז דאָ האָפענונג. עס מוז אָבער זיין דער קלאָרער, היסטאָרישער שכל, וואָס „זעט" דאָס, דער אקטיווער ווילן, וואס קעמפט פארן יסוד פון אונדזער לעבן, פאר דער „בארעכטיקונג" פון אונדזער באזונדערן זיין אויף דער וועלט. דאָס עלנטע בערגל ספרים אויף א יידישע גאס אין ניו יארק וואס אַפּאַטאָשו האָט באשריבן, איז אַן אָנזאָג פון אַ גרעסערן חורבן ווי יענע, וואס אונדזערע אלטע געשיכטעס האָבן פארצייכנט. דאָרטן האָבן שונאים געברענט אונדזער ווארט, דאָ טוען מיר עס אליין. דאָרט האָבן זיך יידישע ספרים אויף די פליגלען פון פייער, אויפגעהויבן פון די פאַליצעס און זיך צע־שאָטן אין גאָלדענע אותיות, וואס האָבן אָנגעפילט אונדער לופט. מיר האָבן דורשטיק געאָטעמט די לופט, וואָס איז געווען אָנגעפילט מיט אותיות פורחות. אַז מען האָט אין א פינצטערער נאַכט, אין 1,242, געברענט ספרים אויף די גאַסן פון פאריז, איז דער מהר״ם מרוטענבערג געווען דער שליח ציבור פון די יידישע אבלים און פאר זיי געקלאָגט: —

„שאלי שרופה באש, פרעג,
די פאַרברענט אין פייער,
אויף דיינע אבלים,
וואָס דו ביסט זיי טייער.
פרעג נאָך, וואָס עס מאַכן,
פרעג נאָך, וואָס עס טוען
די אַלע, וואָס גלוסטן
אין הויף דיינים רוען.
וואָס ווארפן אין שטויב זיך
מיט הערצער פול וואונדן.
אויף דיינע עץ־חיימס
אין פלאַמען פארשוואונדן".

טויזנט יאריקע געשיכטע האָט אונדז געגעבן א שארפן חוש צו דערפילן די שטורעמס נאָך איידער זיי קומען צו נאָענט. מיר

האָבן למשל, אַ חוש און אַ מאָס פאַר פּאָליטישע שטורעמס אין אַ לאַנד. קיין פאָלק האָט נישט אָט־די מאָס צו וויסן און דערקענען דעם אָנקום פון רעאַקציע פון פאַשיסטישן חושך. מיר מעסטן עס מיט דער באַציאונג צו יידן, מיט די שטימונגען, וואָס באַהערשן די געזעלשאַפט לגבי אונדזערע פראַגן, אונדזערע פּראָבלעמען. קומט שנאה צו יידן, קומט פאַרשטיינערטע גלייכגילטיקייט צו אונדזערע ליידן, איז אַ סימן, אַז עס גייט די צייט פון גרויסן כאַאָס, די עפּאָכע פון קין און ברודער־מאָרד. און דער ערשטער אויסדרוק פון שנאה צו יידן איז האַס צו אונדזער וואָרט, צו אונדזער ויהי אור, צום ואהבת לרעך כמוך. שנאה צום וואָרט, וואָס גליט מיטן אידעאַל פון באחרית הימים, און וואָס מאַכט אומרואיק דאָס „גע־וויסן" פון דער וועלט.

און אַזוי לאַנג איז דאָס בלויז „נאָרמאַלע יידישע געשיכטע", ווי לאַנג עס לעבט צווישן אונדז די בענקשאַפט נאָכן יידישן וואָרט, אַזוי לאַנג ווי מיר לאָזן נישט אַרויס פון האַנט אונדזער ספר. פאַרלאָזן מיר אָבער אַליין דאָס ספר גייען מיר אַראָפּ פון יידישן, היסטאָרישן וועג, און מיר באַטרעטן דעם וועג צום אומקום, דעם לעצטן מאַידאַנעק־וועג...

דאָס יידישע וואָרט האָט געלעבט אין זכות פון די בתי־מדרשים, וואו מ'האָט יומם ולילה געלערנט תורה; אין זכות פון די ביכער־פּאַליצעס אין יידישע היימען, פון די ביבליאָטעקן אין יידישע אַרבעטער־לאָקאַלן, פונעם גרויסן ספרים אוצר אויף טלאָ־מאַצקע, וואו אַ דר. פאָזנאַנסקי איז געשטאַנען און געהיט די פער־ציק טויזנט בענד פון יידישן וויסן. לובלין איז אונטערגעגאַנגען שוין דעמאָלט, ווען עס האָבן געפלאַקערט אויפן פּלאַץ „טאָרגאָווי", די צוואַנציק טויזנט ספרים פון ישיבת חכמי לובלין. ירושלים דליטא איז חרוב געוואָרן, ווען ס'איז חרוב געוואָרן די סטראַשון־ביבליאָטיק און די זאַמלונגען פון די מפיצי השכלה און „איוואָ". אין קאָוונע האָבן יידישע משכילים געהיט ביזן סוף דעם הונדערט־יאָריקן ביכער־אוצר אויפן נאָמען פון אברהם מאַפו, און אין ביאַליסטאָק האָבן יידישע אַרבעטער, נאָך פאַרן אייגענעם אומקום, באַוויינט זייער גרויסע שלום עליכם ביבליאָטעק.

דער פרומער, גאָט־זוכנדיקער הלל צייטלין איז געגאַנגען צום טויט מיטן זוהר אין האַנט און אין האַרצן. אַ זון פון עם־הספר ביזן לעצטן אָטעם. יצחק קאַצענעלסאָן האָט נביאיש גע־שטורעמט די הימלען — פאַרוואָס האָט איר אונדז אַזוי פאַרשעמט!

דער סטאָליער, יאַנקל וויערניק, האָט געוועבט דעם פּאַדים, וואָס פאַרבינד ייד און בוך ווען ער האָט אזוי פשוט אַריינגעשריבן אין די מגילות פון חורבן זיין „יאר אין טרעבלינקע", און דער אינ־טעליגענט־סאציאַליסט, דר. עמנואל רינגלבלום, האָט אין בונקער פון געטאָ געזאמלט בלעטער פאַר יידישער געשיכטע און געשריבן די קולטור־צוואה פון זיין קידוש־השם־דור, דעם בריוו פון בענק־שאַפט און ליבע צום יידישן שאַפן און צום יידישן וואָרט.

עס ציטערט אונדזער היסטאָרישער חוש, ער שפירט סכנה דווקא אין אַמעריקע. עס לעבט נישט מער דאָס יידישע וואָרט אויף די ליפּן פון יידישן קינד, דער יידישער אַרבעטער פאַרברענגט נישט זיינע אָוונטן אין די יידישע ביבליאָטעקן; יידישע היימען „באַפרייען" זיך, וואָס אַמאָל מער פונעם ביכער און ספרים שענקל, וואָס טאַטעס און זיידעס האָבן געהיט. איז אין וועמעס זכות וועלן מיר לעבן ?

פּירער

און פּערזענלעכקייט

צוואַנציק יאָר נאָך באָראָכאָווס טויט — און אין אַלע לענ־דער, וואו יידישע מאסן פירן אן אייגן לעבן, שטייען טויזנטער תלמידים און נאָכפאָלגער, מיט געבויגענע קעפּ, אין צער אויפן גרויסן פאַרלוסט. עס איז נישטאָ קיין אויסערלעכע מאַכט, וואס זאָל „פאָראָרדענען" אפיציעלע טרויער־אָוונטן; עס איז נישטאָ קיין רע־גימענטירטע עפנטלעכע מיינונג, וואָס זאָל צווינגען און אַרויפ־צווינגען „אָפיציעלן" פאראדנעם טרויער; ס'איז דאָ דער אויס־דרוק פון טיפן, אינערלעכן נשמהדיק־אויפריכטיקן געפיל פון ווייטיק איבערן יונגן טויט פון א גרויסער פערזענלעכקייט.

און כאָטש באָראָכאָווס נאָמען איז אַזוי ענג פארבונדן מיט דער פּאָליטישער באַוועגונג, כאָטש באָראָכאָוו איז אַריין אין דער יידישער געשיכטע, דער עיקר, ווי דער גרינדער פון דער פּועלי־ציון באַוועגונג, ווי דער מאַרקסיסטישער טעאָרעטיקער פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט, איז פונדעסטוועגן זיין איינפלוס ווייט אַריבער די גרעניצן פון אַ פאַרטיי. אין אַלע ראדיקאַלע קרייזן פון דער יידישער געזעלשאַפט אומעטום, וואו מען שמידט א ניי לעבן, וואו מען זוכט ביי אונדז נייע וועגן, וואו עס פינקלט אויף אַ האָ־פענונג איבערצובויען אויף געזונטע יסודות דאָס לעבן פון די יידישע מאסן — אומעטום איז דא פארערונג, באגייסטערונג פארן מענטש בער באָראָכאָוו, אומעטום זיין טיפע השפעה ביזן היינטיקן טאָג.

באָראָכאָוו איז געווען אַ פירער, אַ וועג־ווייזער, אַן אנרעגער און באגייסטערער, געווען און געבליבן — דער טויט האָט נישט גע־מינערט די קראַפט פון זיין איינפלוס. ווי ווייט דאס איז פון דעם פּראָסטן און וואולגארן זין פון „פירער" אין אונדזער צייט. די זעלבסט־געקרוינטע „פירער", מיט וועלכע עס שווימלט איצט די גאַנצע וועלט, זענען דאָך ווי איינטאגיקע זומער־פליטערלעך וואָס אָט לעבן זיי און אָט שטאַרבן זיי, און ווערן פארגעסן. די איצטיקע „פירער" פון אונדזער פאַרפירטן דור די פירער מיט פארשידענע נעמען און טיטולן, זענען קודם־כל מאַכטהאָבער און באַצווינגער, זייער כוח איז פאר אַלץ א פיזישער, זיי ווירקן מיט דער בייטש און צוואַנג, אנשטאט מיט פערזענלעכקייט און איינפלוס, און ווי

גרויס עס זאָל נישט זיין די „פּאָפּולאַריטעט" פון אזעלכע פירער, ווי שטאַרק זייער נאָמען זאָל נישט ווערן צעפּויקט און צעקלינגען אויף אַלע גאַסן איז דאָך זייער „איינפלוס" אַזוי באַגרענעצט, אַזוי ווירקלעך איינגעשרומפּן. אפילו אין די אייגענע רייען פון די אָפיציעלע אָנהענגער ברויזט עס שטיל, באַגראָבן און פאַרבאָרגן מיט קעגנערשאַפט, פּראָטעסט און רעוואָלט. בלויז די אייזערנע מאַכט, וואס איז אנגעזאמלט געוואָרן אין די הענט פון די „פירער", בלויז זייער ברוטאַלער דראַנג צו הערשן און באַהערשן האלט אין צוים אַ סך פון די „אייגענע". נישטיק און גארנישט איז זייער איינפלוס אויף ברייטערע קרייזן, אויף די, וואָס שטייען אויסער די רייען, אדער אויף די. צו וועמען די „אייזערנע השפעה" קאָן נישט דערגרייכן. אזעלכע „פירער" האָבן כלומרשטן איינפלוס קודם כל נאָר בעת זייער לעבן, אפילו נישט דורכן גאנצן לעבן, בלויז דעמאָלט, ווען זיי זענען אויפן פערדל. און שטאַרבן זיי אַוועק אדער פארלירן זיי די מאַכט, איז גלייך זיי ווילטן גאָר קיינמאָל נישט עקזיסטירט, געשטאָרבן און באַגראָבן, לא היה ולא נברא, קיין זכר נישט געבליבן. א חוץ, פארשטענדלעך א זכר פון שרעק און גרויל, אדער פון נישטיקייט.

צוהערנדיק זיך צום איצטיקן טומל וועגן גרויסע און קליינע פירער און פירערלעך, קומען אויפן זכרון די אַמאָליקע דיסקוסיעס אין סאָציאַליסטישע קרייזן וועגן דער ראָל און באַדייטונג פון אויטאָריטעטן. מען האָט דעמאָלט (און אויך איצט, חוץ אין געוויסע קרייזן) מיט אלע כוחות באַקעמפט די אידייע פון א „פירער", וואָס שטייט העכער פון אלץ און אלעמען. עס זענען דאָ יחידים — האָט מען געלערנט פון אלע פּראָלעטאַרישע טריבונעס, — וואָס זאמלען אין זיך אויף דעם וויסן און די דערפאַרונגען פון זייער צייט און זייער דור. אָט די יחידים שפּילן א גרויע ראָל אין געשעענישן, אָבער נישט מחמת זייער „הויכגעבוירנקייט", נישט צוליב זייער בעסערער קוואליטעט, נאָר צוליב דער קוואנטיטעט פון וויסן, וואס זיי ברענגען אויף די צייט אין וועלכער אזעלכע פערזענלעכקייטן טרעטן ארויס, שפּילט א גרויסע ראָל.

נאַפּאָלעאָן — האָט מען דערקלערט — האָט נישט באַשאַפן זיין עפּאָכע, נאָר פאַרקערט — די צייט אין פראנקרייך האָט ארויסגערופן זיינע פעאיקייטן און באשאפן דעם סטראטעג נאפּאלעאָן. פראנקרייך וואלט אָן אים אויך געזוכט און געוואונען עקספּאנסיע, אפשר נישט אין אזא גרויסער מאָס, ווייל די נייע מאַכט פון האנדל

און אינדוסטריע, קלאסן וואַלט זיך דערצו געשפּאַרט און געריסן, און נאָך א זאך — נאפּאלעאָנס „געניאליטעט" האָט נישט געהאָלפן בעת ער איז געקומען אין קאָנפליקט מיט דער עקאָנאָמישער, פּאָלי־טישער און טעכנישער איבערגעוויכט פון ענגלאנד — ער האָט סיי ווי פאַרשפּילט, ווען קיין באדן איז מער נישט געווען.

און קארל מארקס, און לענין דער „סטראטעג פון קלאסנ־קאמף" — זענען זיי דען נישט קיין אויסדרוק פון זייער צייט און פון די געזעלשאפטלעכע פארהעלטענישן? זיי האָבן געקענט צוגעבן זייער באפארבונג, אבער זייער ווירקונג איז באשטימט געווארן פון דעם אלגעמיינעם גאנג פון געשעענישן. אזוי איז די רוסלענדישע רעוואלוציע באשטימט געווארן פון: 1) דער אומ־צופרידנקייט פון די פויערים, 2) פון דער קאמפּס־פעאיקייט פון רוסלענדישן פראָלעטאַריאט, און 3) פון דעם מלחמה־קריזיס.

אויך באַראָכאָווס פערזענלעכקייט דערשיינט אויפן באָדן פון רעאליטעטן, פון נויט און נויטווענדיקייטן, דאָס זענען: די אָנגע־זאמלטע נויט אינעם יידישן לעבן, די באדנלאָזיקייט פון יידישן פּראָלעטאַריאט, די אומגעזונטע סאציאלע און עקאָנאָמישע פאר־העלטענישן, און די שפּראכלעך־קולטורעלע באדערפענישן פון יידישן לעבן.

אוודאי האָט באראכאוו אויך געהאט ספקות און אינערלעכע גייסטיקע קאָנפליקטן. אמת גרויסע פערזענלעכקייטן און זוכער פון אמת צייכענען זיך שטענדיק אויס מיט ספקות, בעת „זיכער־קייט" איז דער כאראקטער־שטריך נאר פון קליינע מענטשעלעך, געקרויינטע „פירער".

באַראָכאָוו האָט קיינמאָל נישט געהאט קיין מאָכט, און דאָך אָזוי מעכטיק באַאיינפלוסט מענטשן מאסן און לעבן. דאס איז דער אײַנפלוס, וואס גייט דורך גייסטיקע וועגן די ווירקונג, וועלכע מענטשן נעמען אויף מיטן גוטן ווילן, דער כוח פון פערזענלעכ־קייט.

דער וואָס האָט
געזוכט דעם אמת

טאָלסטאָיס צייט, זיינע ליטעראַרישע ווערק און העלדן — דאַכט זיך, אַז גאַנצע דורות זענען שוין אוועק פֿון דעמאָלט אָן. אַלץ האָט זיך דאָך אַזוי ראַדיקאַל געענדערט אין דעם לאַנד, וואו דער גאון פֿון יאַסנאַיאַ פּאָלאַניאַ האָט גענומען זיינע טיפֿן און כאַראַקטערן. פֿונדעסטוועגן — פֿונדעסטוועגן באַקומט טאָלסטאָי ערשט איצט זיין תּיקון אין זיין היימלאַנד. דאָרט אין ראַטן־פֿאַר־באַנד וואו כמעט זעכציק פּראָצענט פֿון דער באַפֿעלקערונג געדענקט שוין גאָר נישט ווי ס׳האָט אויסגעזען דאָס אַלטע צאַרישע רוס־לאַנד. גראַד דאָרט ווערט איצט טאָלסטאָי געלייענט און פֿאַרגע־טערט. דאָרט גיט מען אויפֿסניי אַרויס זיינע ווערק, דאָרט ווערן געברויכט די וויסנשאַפֿטלעכע מעטאָדן אויפֿצושטעלן און צוזאַ־מענצונעמען דעם גאַנצן גייסטיקן פֿאַרמעגן פֿון טאָלסטאָיען, רע־קאָנסטרואירן אין דער גענויסטער פּינקטלעכקייט זיין סבֿיבֿה און זיין לעבן.

„ס׳איז נישטאָ קיין איין וואָרט פֿון אַ גאון אויף וועלכן דאָס מענטשלעכע האַרץ און די נשמה זאָלן נישט, פֿריער אָדער שפּע־טער, ענטפֿערן” — אַזוי האָט דזשיימס לאָוועל, דער באַרימטער אַמעריקאַנער דיכטער פֿון ניינצטן יאָרהונדערט כאַראַקטעריזירט דעם וואָרט און די ווירקונג פֿון געניאַליטעט. אויב ס׳איז נאָר װער געװען אין ספֿק צי גרויסע קונסטווערק קענען איבערלעבן דורות און זיך „אַריינפּאַסן” אין נייע וועלטן, ווען אַפֿילו מיט גע־ענדערטע פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און פּסיכאָלאָגישע באַדינגונגען, האָט עס די טאָלסטאָי־באַגייסטערונג אין ראַטנפֿאַרבאַנד באַוויזן. דער נייער דור האָט „געענטפֿערט” אויפֿן קינסטלערישן וואָרט פֿו־נעם גאון; ס׳האָט געזיגט דאָס שיינע, דאָס מענטשלעכע, דאָס איי־ביקע.

עס וואָלט געווען אַ גרויסער טעות אָנצונעמען, אַז די כּסדר־דיקע באַגייסטערונג פֿאַר טאָלסטאָיען דאַרף פֿאַרשריבן ווערן אויפֿן חשבון בלויז פֿון זיינע „ריין־קינסטלערישע” ווערק. טאָלסטאָי דער דענקער, דער אמת און גאָט־זוכער איז נישט ווינציקער גרויס ווי טאָלסטאָי דער קינסטלער. אמת, עס זענען טאָקע וואויל באַוואוסט טאָלסטאָיס קעגנערישע שטעלונגען צו אַלע פֿאַרשידענע טעאָרע־

טישע הנחות און פּראַקטישע האַנדלונגען פון דער דעמאָלטדיקער אַרבעטער באַוועגונג. טאָלסטאָי האָט אייגנטלעך געשוועבט צווישן רוסישע חלומות וועגן „צוריק צו דער נאַטור", אַנאַרכיסטישע אוּ־טאָפּיעס וועגן שטאַטלאָזיקייט און עוואַנגעלישע עטיקס וועגן „נישט קעגנשטעלן זיך דעם שלעכטן מיט בייזן". אויסגעשפּראָכן אַנטי־מאַרקסיסטיש קלינגען די ווערטער, אין וועלכע טאָלסטאָי דער־קלערט זיין בליק אויף די סיבות וואָס קענען ברענגען צו גרויסע ענדערונגען אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט: „מען דאַרף אויף דעם נישט אויסשטאַטן קיין מיליאָנען סאָלדאַטן, נישט בויען קיין נייע וועגן און מאַשינען, נישט מאַכן קיין אויסשטעלונגען, נישט גרינדן קיין אַרבעטער פאַריינען, נישט קיין רעוואָלוציע, נישט קיין באַריקאַדן נישט קיין עקספּלאָזיעס, נישט קיין דערפינדונגען פון לופט־שיפן א. ג., נאָר — וואָס מען דאַרף יאָ — אַן ענדערונג אין דער עפנטלעכער מיינונג". ווי אַזוי ברענגט מען אָבער די דאָזיקע ענדערונג אין דער עפנטלעכער מיינונג? אויף דעם ענטפערט טאָלסטאָי: „די מענטשן, וועלכע האָבן דעם אמת דערקענט, זאָלן דורך דאָזיקע ענדערונג אין דער עפנטלעכער מיינונג? אויף דעם ענט־פערט טאָלסטאָי: „מענטשן, וועלכע האָבן אמת דערקענט זאָלן דורך זייערע מעשים דעם אמת באַווייזן!". און נאָך אַ מיטל ווייזט אָן טאָלסטאָי — „די מענטשן, וועלכע האָבן דערקענט דעם אמת, זאָלן אים קלאָר און פריי אַרויסזאָגן; ווער אַ פרייער מענטש, זאָגט ער־לעך אַרויס, וואָס ער דענקט און פילט. אין אַ סביבה פון טויזנטער מענטשן וועלכע פאַרטרעטן גאָר דעם היפך פון זיין געדאַנק, וואָלט מען דאָך געקאָנט מיינען, אַז ער וועט בלייבן אַליין מיט זיין מיי־נונג. געוויינטלעך איז אָבער די זאַך גאָר אַנדערש. אַלע אָדער דער רוב, האָבן שטילערהייט שוין לאַנג אויך אַזוי געטראַכט און גע־פילט, נאָר זיי האָבן עס נישט אַרויסגעזאָגט, און דאָס, וואָס איז נעכטן געווען די מיינונג פון איין מענטשן ווערט היינט די אַלגעמיי־נע מיינונג פון דער מערהייט".

טאָלסטאָי האָט נישט דערזען די אומגעהייערע מניעות, וואָס ליגן אויפן וועג פון „באַווייזן דעם דערקענטן אמת מיט אייגענע מעשים". ער האָט נישט באַמערקט די גרויסע שטיינער, וואָס די עקזיסטירנדיקע אָרדענונג לייגט אויפן וועג צו קענען פריי און אומגעשטערט אַרויסזאָגן דעם דערקענטן אמת. ער האָט נישט געזען ווי דאָס פנים פון דער „פּערזענלעכער פרייהייט" גופא איז אַזוי געגנוי אויסגעפורעמט לויט די אייזערנע געזעצן פון דער געזעל־

שאָפּטלעכער לאַגע. דער וועג צו אַ נייער „עפֿנטלעכער מיינונג" פֿירט קודם־כל דורך דער נייער, באַפֿרייטער מענטשהייט, וועלכע איז מעגלעך נאָר דורך אַן אַנשטרענגונג פֿון די „וואָס האָבן דעם אמת דערקענט". אויף דעם דאָזיקן וועג גייען גראָד איצט די, וואָס שעצן אַזוי הויך טאָלסטאָיען, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער האָט, רעספּעקטירנדיק זייער אידעאַליזם אַזוי פֿאַרלייקנט זייער וועג. די קינסטלערישע געניאַליטעט, די אויפֿריכטיקע שטרעבונג צו געפֿינען דעם אמת, די גרייטקייט זיך מקריב צו זיין פֿאַר דער גערעכטיקייט און די ליידנשאַפֿטלעכע ליבשאַפֿט און באַגייסטערונג פֿאַרן פֿאָלקס־מענטש — אָט דאָס אַלץ צוזאַמען האָט מכפּר געווען אויף טאָלסטאָיס טעותים און פֿאַרייביקט זיין נאָמען.

פּשוטקייט און דורכזיכטיקייט האָבן פֿון אייביק אָן כאַראַקטעריזירט גרויסע מעשים און געניאַלע געדאַנקען. טאָלסטאָי שטרייכט כסדר אונטער זיין געדאַנק וועגן „אָנהויבן פֿון זיך אַליין" וועגן „באַווייזן דעם אמת דורך אייגענע מעשים" — מעגן טאַקע די זאַכן זיין נישט דער פּראַקטישער וועג צו באַפֿרייען די מענטשהייט, אָבער דער אידעאַל פֿון דער נייער מענטשהייט בלייבט עס! אין בלוט גייט אָפּ אַ וועלט אינעם ביטערן געראַנגל פֿאַר רעכט פֿאַר לעבן, פֿאַר מענטשלעכקייט. ווערן אָפּטמאָל אין דעם ביטערן טאָג־טעגלעכן קאַמף פֿאַרגרעבט די הענט און מגושמדיק די באַוועגונגען. פֿאַלט אָן אַ ברודער אויף אַ ברודער, ווערט די פֿאַן אין דער האַנט פֿון איין אַרבעטער־קעמפֿער באַליידיקט און געשענדט פֿון אַן אַנדערן אַרבעטער־ברודער. און טרעפֿט, אַז צוליב אומוויסנקייט אָדער פּראָוואָקאַציע, באַגייט ווער אַ שאַנדטאַט — מעג עס זיין אַפֿילו נישט קיין יחיד, נאָר אַ גאַנצע גרופּע, אַ טייל פֿון דער מחנה — ווערט ער פּחדניש פֿאַרשוויגן, ווערט דער „דערקענטער אמת" באַליידיקט. „אָנהייבן פֿון זיך" און „באַווייזן מיט מעשים דעם דערקענטן אמת" בלייבן הייליקע אידעאַלן און אַ פֿייערלעכע אַרויספֿאָדערונג! און נישט נאָר צו דעם עמך איז די אַרויספֿאָדערונג געווענדט, נאָר טאַקע קודם־כל צו די, וואָס טראָגן אין האַרצן דאָס געשריי פֿון דער געפּייניקטער מענטשהייט, צו די, וואָס זענען — אין זייער בענקשאַפֿט צו זען דעם מענטשן אַ באַפֿרייטן — שוין דורכגעגאַנגען אַלע שבעה מדורי גיהנום פֿון פּיין און זעלבסט־פּייניקונג, צו די וואָס האָבן זייער לעבן שוין נישט איינמאָל דורכגעפֿידט „דורך אַלע געפֿאַרן".

ווען די צאַרישע הענקער האָבן אין בלוט דערטרונקען די

רעוואָלוציע פון 1905, און עס האָבן זיך אָנגעהויבן פּינצטערע יאָרן פון רעאַקציע, פאַרשיקונגען און תליות, האָט טאָלסטאָי מיט פייער אויסגעשריגן: „איך קען נישט שווייגן״; זיין אָפענע באַשולדיקונג קעגן צאַר מיט אלע זיינע משרתים האָט אויסגעברענט אַ בלוטיקן קין־צייכן אויפן שטערן פון אלע שענדער און מערדער פון דער מענטשהייט. טאָלסטאָי האָט אויף א ווילע געגלייבט אַז זיין רוף וועט העלפן, וועט מאכן ציטערן די הענט ביי די תלינים. נאָר, טאָמער נישט, האָט ער מיט דעם כאָטש געוואָלט פארניכטן זיין אייגענע אומדירעקטע פארבינדונג מיט די דאָזיקע מעשים — אַ פארבינדונג אַ מאָראַלישע, וואס וואָלט געוואָרן באַרעכטיקט אויב ער וואָלט פאַרשוויגן. ער האָט זיך געוואונטשן, אַז מ׳זאָל אים אריינזעצן אין תפיסה, וואו ער זאָל קענען קלאָר פילן, אז נישט פאר אים ווערן געטאָן די אלע שוידערלעכקייטן, אדער: „וואָס עס וואָלט נאָך בעסער געווען פון אלץ — מ׳זאָל אָנטאָן אויף מיר ווי אויף יענע צען אדער צוועלף מוזשיקעס, דאס טויטן־קלייד, כדי איך זאָל מיט מיין וואָג פארציען אויף מיין האַלדז די אָנגעזייפטע פעטליע״.

אויב אמתע קונסט מיינט אזא, וואָס טראָגט אין זיך מענטשלעכקייט שיינקייט, אויפריכטיקייט און אמת; אויב אמתע פּאָעזיע איז א רוף פון דער נשמה, — איז טאָלסטאָיס „איך קאָן נישט שווייגן!״ פונקט ווי עמיל זאָלאס „איך באַשולדיק!״ דער געשריי, דער טיפסטער געפייניקטער אויסרוף פאַר מענטשלעכקייט שיינקייט אויפריכטיקייט און אמת. אזעלכע אויסרופן פאַר סאציאלער גערעכטיקייט — כאָטש נישט איינגעפאסט אין קיין קאָלירטע ראַמען פון „שיינער קונסט״ — הייבן זיך אויף און באגעגענען זיך אין די העכסטע ספערן מיט דער איידלסטער פּאָעזיע, מיט דער געטלעכסטער מוזיק מיט דער אייביקסטער קונסט.

פראָבלעמען
פון דער
יידישער שול
אין אַמעריקע

א

די פּראָבלעמען פון שול און דערציאונג זענען ביי אונדז שטענדיק געווען אַן ענין נישט דווקא פון לערער און דערציער. עס נעמט זיך מסתמא דערפון וואס אין אונדזער יידישער סביבה, און אין אונדזערע ספּעציפישע באַדינגונגען האָט מען אויף דער שול געלייגט כמעט אַלע האָפענונגען פון פאָלקס קיום און המשך. אַלע די, וועלכע האָבן זיך פאַרטראַכט וועגן די פּראָבלעמען פון אונדזער עקזיסטענץ האָבן זיך אויך קאָנצענטרירט אויף דער דערציאונג פון אונדזערע קינדער. מיר האָבן פון איין זייט זיכער געוואונען פון דעם, וואס גרעסערע יידיש־געזעלשאַפטלעכע קרייזן האָבן זיך אינטערעסירט מיט אונדזערע שול־פּראָבלעמען. דער גאַנצער נייער שול־וועזן ביי יידן, דער וועלטלעך־יידישער, דער העברעאיש־תרבותיסטישער און דער פרום־טראַדיציאָנעלער — זענען אַ רע־זולטאַט פון דער נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכער זאָרג, וואס ווערט ביי אונדז פאַרבונדן מיט דער שול. מיר האָבן אָבער אויך אַ סך פאַרלוירן פון דער איבערמאָסיקער אַפּיטרופּסות. די שול איז אָפט־מאָל געוואָרן דער קרבן פון געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע חילוקי־דעות. מיר האָבן אָפטמאָל קינדיש־קינסטלעך אָפּגעטיילט אין טיפּ שול פון דעם צווייטן צוליב אַ קוצי של יוד פון געוויסע פּאַרטייאישע מחלוקתן און אַמפּערנישן, וואס האָבן גאָרנישט צו טאָן מיט דער גייסטיקער, פּסיכישער וועלט פון קינד, נישט מיט זיינע דער־ציאונגס נויטן און אויך נישט מיט דעם קינדס „היילע רעכט" אויף אומבאַגרענעצטער און אומפּאַרטייאישער צוגרייטונג צום לעבן און שאַפן מיטן פאָלק און פאַרן פאָלק.

די אַקטיוויסטע און אויך סאַמע שעפערישע יידישע קרייזן אין אַמעריקע, האָבן דאָ, אין אונדזער סביבה, אַריינגעבראַכט די יידישע טראַדיציע פון זאָרג פאַר דערציאונג פון יונגן דור. צום באַדויערן אָבער איז עס די דערמאָנטע קרייזן ביז איצט נישט געלונגען זיך אויסצוברייטערן און ווערן אַ יש אין פאָלק. אַזוי איז

געווען ביז איצט, ביז דער צייט פון נאָכן „דריטן חורבן". איצט הייבט זיך אָן מערקן אַ גרויסע ענדערונג. פון איין זייט זענען מער עלטערן געוואָרן אומרואיק וועגן יידישן גורל פון זייערע קינדער און פון דער אנדערער זייט הייבט אָן די יוגנט אַליין זיך ציען צו יידישע אַקטיוויטעטן דורך נאַציאָנאַלע קלובן און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס (דער עיקר ציוניסטישע) עס מאַכט אָפּטמאָל דעם איינדרוק, ווי די יוגנט וואָלט זיך אַנטוישט אין די מעגלעכקייטן און אין די פּעאיקייטן פון עלטערן יידישן דור איר צו געבן אַ וועג אין לעבן, און זי האָט דערפאַר באַשלאָסן אַליין זיך צו פאַר־זאָרגן...

עס איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז איצט איז די צייט פאַר גרויסע מעשים, פאַר א טיפער רעוויזיע אין אונדזער שול־אַרבעט, כדי נישט איבערצולאָזן די יוגנט אויף „גאָטס באַראָט" פון אומדער־פאַרנקייט און אומבאַרופענער אַנפירערשאַפט. מיר וועלן באַגיין דעם גרעסטן פאַרברעכן אויב מיר וועלן נישט נעמען ערנסט די באַשייחפערלעכע נויט פון קאָאָרדינירונג — און אפילו פאַרייניקונג — פון די שולן, און קודם כל פון די אַזוי־גערופענע יידיש־וועלטלע־כע שולן.

עס איז אין די לעצטע עטלעכע יאָר סיי ווי סיי פאָרגעקומען אַן אינערלעכע און נאַטירלעכע „דערנענטערונג". די אַזוי־גערופענע אידעאָלאָגישע „תהומען" האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסווייזן ווי אי־לוזאָרישע על כל פנים ווי איבערגעטריבענע. דער לערער פון די יידיש־וועלטלעכע שולן וועלכער האָט זיך שטענדיק באַצויגן זייער ערנסט צו זיין אַרבעט, און וועלכער האָט זיך פון אָנהויב אָן אויסגעצייכנט מיט גרויסן געזעלשאַפטלעכן חוש און אינטע־רעס, האָט דאָ — אין אַמעריקע — דערפילט די לעכערלעכקייט פון קינסטלעכע באַריערן. אין זיין טאָג־טעגלעכער דערפאַרונג האָט דער יידישער לערער געזען ווי עס קומען אַריין אין שול תמימותדיקע, אַמעריקאַנער געבוירענע עלטערן, וואָס מיינען פשוט און ערלעך „צו מאַכן די קינדער פאַר יידן". עס פאַלט זיי גאָרנישט איין, אַז ערגעץ־וואו האָבן יידישע אינטעליגענטן געקענט באַשליסן ביי זיך צו דערציען יידישע קינדער אָן תנ"ך (מעגן די עלטערן עס רופן „ביבל"), אָדער אָן העברעאיש (מעג עס ביי זיי הייסן „היברו"). אַוודאי דערוואַרטן זיי, אַז מ'וועט די קינדער לערנען יידישע געשיכטע (זיי ווייסן וועגן אַזאַ זאַך ווי „היסטאָרי"), אָבער נאָך מער דערוואַרטן זיי, אַז די שול וועט צוגרייטן זייער קינד אָנ־

טייל צו נעמען אין זייער פסחדיקן פאַמיליע־סדר, אַז ס׳וועט קענען זאָגן די אגדה פֿרעגן די קשיות און וויסן וועגן די יום־טובים. אויב עס איז אַ ייִנגל, זענען זיי זיכער אַז מ׳וועט אים צוגרייטן צו בר־מצווה. צי מ׳וועט מיט זייערע קינדער לערנען פּרצן, אָדער ביאַ־ליקן פֿרעגן זיי נישט, זיי ווייסן פּשוט נישט דערפֿון. דער ייִדישער לערער וועלכער האָט געזען אין דער מאָדערנער ייִדישער שול דעם אויסדרוק פֿון זיינע קולטור־האָפֿענונגען, דעם וועג פֿון באַ־העפֿטן און באַרייכערן אונדזערע שאַפֿונגען פֿון היינט, איז געשטאַ־נען דערשלאָגן און פֿאַרשעמט פֿאַר דער פּשוטער ווירקלעכקייט פֿון פֿאָלקסטימלעכער תמימות ביים קומען פֿאַרשרייבן אַ קינד אין שול (אָדער ווי אַ סך עלטערן רופֿן זי אָן „העדער״, געמיינט חדר).
די ערשטע פֿאַרלוירנקייט און דערשלאָגנקייט ביים לערער איז שפּעטער איבערגעגאַנגען אין אַן אומרואיקייט, וועלכע האָט גע־פֿונען איר אויסדרוק ביי יעדער גרעסערן צונויפֿקום פֿון לערער. ביסלעכווייז האָט זיך אָנגעהויבן די פֿאַרזיכטיקע אויסגלייכונג פֿון די אָנגעזאַמלטע קרומקייטן. מען לערנט איצט כמעט אין אַלע שולן העברעאיש (ווי אַזוי, וואָס און וויפֿיל איז אַ באַזונדערע פֿראַגע), מ׳לערנט חומש און נביאים אגדות און מנהגים (צי איז געניג „לערנען״ מנהגים, איז ווידער אַן אַנדער ענין), מען פֿייערט יום־טובים (ווי אַזוי און וויפֿיל חשיבות דאָס האָט אין די ראַמען פֿון שול־פּראָגראַם איז גאָר אַ גרויסע פֿראַגע). אַרום די אַלע זאַכן און אין שייכות מיט די אַלע לימודים מערקט זיך אויך אַ טיפֿערער אויסוואַל פֿון ייִדישן ליטעראַרישן מאַטעריאַל, וואָס ווערט באַנוצט ביים לימוד פֿון ייִדישער ליטעראַטור. און דער אַזוי־גערופֿענער לימוד פֿון „ייִדיש לייענען, שרייבן און רעדן״ הייבט אויך אָן קריגן זיין תיקון. די שול ווערט ביסלעכווייז אָנגעפֿילט מיט ייִדיש־אַק־טועלן אינהאַלט און עס איז דאָ וועגן וואָס צו רעדן. אָן אַ לע־בעדיקן ייִדישן אינהאַלט איז פּשוט נישט געווען אין דער לופֿט פֿון שול וועגן וואָס צו רעדן ייִדיש...

יאָ, די אַמאָליקע אידעאָלאָגן פֿון דער ייִדיש־וועלטלעכער שול, די, וועלכע האָבן אַליין געשעפּט פֿון אַלטע און אייביקע ייִדישע קולטור־קוואַלן און האָבן פֿונדעסטוועגן באַשלאָסן נישט צוצולאָזן צו די זעלביקע קוואַלן דאָס היגע קינד, אָט־די אידעאָלאָגן הייבן ביסלעכווייז אָן צו פֿאַרשווינדן. אַפֿילו די פּאָליטישע גרענעץ, דער ענין ארץ־ישראל, אַ גרענעץ וועלכע איז פֿאַר אַ סך ייִדיש־וועלט־

לעבּע דערציער געווען א הלכה למשה מסיני, האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן צו זיין נישט אזא פעסטגעשטעלטע און זיכערע. די שולן, וועלכע האָבן ביז איצט נישט געזען קיין פּלאַץ פאַרן ארץ־ישראל מאָמענט אין דער יידיש־וועלטלעכער דערציאונג פון דעם אַמעריקאַנער יידישן קינד, האָבן געמוזט גרינטלעך איבערקוקן זייער ביז־איצטיקן פּראָגראַם. ארץ ישראל האָט זיך פּשוט אַריינגעריסן אין די קלאַס־צימערן פון דער יידישער שול מיט שטורעם. געקומען איז עס סיי דורכן לערער, סיי דורך די עלטערן און — וואָס איז נאָך וויכטיקער — דורך די קינדער גופא.

יאָרן לאַנג, אַז דער היגער יידישער לערער שטייט פאַר גרופּקעס קינדער, וואָס האָבן נישט קיין יידישע פּראָבלעמען צו שטעלן, וואָס ווייסן נישט פון קיין שום יידישן ציטער, קיין לײדנשאַפט, פון קיין יידישע פרייד און ליידן. דאַרף דער לערער „שאַפן די לופט" און שפּעטער ערשט לערנען אָטעמען... נישט איין לערער האָט אין אָט־די באַדינגונגען פאַרלוירן דעם גלויבן אין זיך און באַשלאָסן צו ווערן „אַ שווייגער". מען האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט פאַרביטערונג קעגן יענע שול־טוער, וועלכע האָבן קיין זאַך נישט געלערנט און קיין זאַך נישט פאַרגעסן פון אַלטן ראַדיקאַלן שולחן ערוך, קעגן יידישע עלטערן, וועלכע האָבן אין דער היים קיין זאַך נישט געטאָן צו העלפן אין דער יידישער דערציאונג פון זייערע אייגענע קינדער, נאָר פאַרקערט — געשטערט און נישט ווילנדיק באַקעמפט מיט זייער פירונג אַלע דערציערישע השפעות פון שול און לערער. מען קען זיך דעריבער קוים פאָרשטעלן מיט וויפיל פרייד און התפעלות דער יידישער לערער האָט באַגעגנט דעם פלוצלונגדיקן יידישן פייער אין די אויגן פון זיינע תלמידים, ווען זיי האָבן אָנגעהויבן דערציילן, רעדן און — דער עיקר — פרעגן וועגן יידן און אַראַבער, וועגן ארץ־ישראל און וועגן אומלעגאַלע פּליטים. אַוודאי האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ שרעקלעכע באַגרענעצטקייט אין וויסן און אין אינטערעסן, אָפטמאָל באַפאַרבט מיטן בולטן, כאַראַקטעריסטישן נייגער צו קאַמף און מלחמה... אַוודאי, אָבער ס'איז דאָך געווען דער ערשטער אויסברוך פון אַ יידיש קול, וואָס קומט פון קינד אַליין, נישט ווי אַן עכאָ פון לערערס כסדרדיקן אַריינרעדן אין קינדס מויל אַריין (יאָ, אין מויל אַריין, און גלייך צוריקגעזאָגט...). אמת, געווען א צייט, ווען מ'האָט געקענט רעדן צו קינדער און פירן זיי צו שטאַרקע איבערלעבונגען. דאָס איז געווען אין די יאָרן פון דער מלחמה, פון די

ערשטע ידיעות וועגן די קאַלך־אויוונס. ס׳רוב יידישע הימען זענען דעמאָלט געווען איינגעהילט אין צער און דער לערער פלעגט אַוודאַי קומען אין קלאַס אַריין אַ פאַרוויינטער. האָט מען כאָטש געקענט רעדן צו היגע יידישע קינדער און פילן, אַז זיי הערן... מער נישט... יאָ, ס׳ערשטע מאָל, אַז יידישע קינדער האָבן איצט זיך אַליין געריסן צו רעדן און פרעגן. האָט דער לערער מיט פרייד געהערט און געענטפערט, דערציילט און אויפגעקלערט. ס׳איז אויך געווען נאָך אַ מאָטיוו דערביי. אין דער צייט פון חורבן האָבן לערער אָפטמאָל געצווייפלט צי מ׳קען און מען מעג מיט קינדער רעדן וועגן דער אומבאַגרענעצטער רשעות פון מין מענטש, וואָס האָט זיך אַנטפלעקט אין דייטשלאַנד. מ׳האָט געפילט, אַז מ׳נעמט אויף זיך אַ גרויסע אחריות. איז דאָך דער איבּיקער צו־גאַנג אין קינדער דערציאונג געווען אַרויסצובּרענגען פאַר די אויגן פון קינד דאָס שיינע און מענטשלעכע, און וואו האָט דער יידישער לערער געזאָלט זוכן מענטשלעכקייט אין די ביטערע מלחמה יאָרן און אפילו שפּעטער.... און דאָך האָט מען זיך גע־קלאַמערט אָן געטאָ און חורבן מאָטיוון אַלץ צוליב דעם ביסל פאַרשטענדעניש דערפאַר פון דעם היגן קינד. איז קיין וואונדער נישט, וואָס דער לערער האָט אַזוי דורשטיק אויפגעכאַפּט דעם נייעם גרויסן אויפבּרויז פון אַ יידישן אומרו, פון אַן אייגענעם ציטער, פון אַ יידישער פרייד און זיכערקייטביים היגן קינד. אַוודאַי טאָר דער „יידישער אינטערעס” נישט בלייבן שטיין נאָר ביי ארץ־ישראל. אַוודאַי מוזן געזוכט ווערן וועגן פון אינטערעס פאַר אונדזער יידיש לעבן אין אַמעריקע. אָבער דערצו איז נייטיק אַ גרויסע רעוויזיע פון אונדזער גאַנצן צוגאַנג צום לעבן, פון אונדזער גאַנצער פירונג אין שטוב, אין גאַס און אין געזעלשאַפט־לעכן לעבן. די יוגנט וויל גרויסע, באַגייסטערטע צילן, גרויסע אויפטוען. ווען פאַר אונדז וועלן קלאָר ווערן די צילן און די וועגן וואָס פירן צו באַפעסטיקן אונדזער קיום דאָ, וועלן מיר זיכער קאָנען אויסנוצן די דערוואַכטע באַגייסטערונג פאַר חלוצישער אָנ־שטרענגונג אויך פאַרן היגן לעבן אונדזערן.

איצט, אַז עס האָט זיך שוין כמעט אָפּגעטאָן די השפעה פון אַ געוויסן מין אידעאָלאָגיע אויפן פּראָגראַם פון די לימודים, און דער אבן נגף פון ארץ־ישראל איז אויך שוין מער קיין גרויסער שטער נישט, מוזן קומען די ערשטע שריט פון קאָאָרדענירן און פאַראייניקן די כוחות אויפן געביט פון יידישן שול־וועזן. די יידישע

שול וועלכע צייכנט זיך אויס מיט איר געזעלשאַפטלעכן און מאָ־דערנעם טיפּ לערער, וועלכע נעמט אַריין אין איר פּראָגראַם דאָס בעסטע פון אונדזער אייביקן קולטור שאַפן ביזן לעצטן וואָרט פון אַ יידישן געטאָ־דיכטער, די דאָזיקע שול איז באַרעכטיקט צו ווערן די אמתע יידישע שול פאַרן פאָלק. וואָלטן מיר איצט געקו־מען פאַרייניקט, מיט אַ גרויסן פאַרנעם אויפן געביט פון בנינים און טעכנישער צוגרייטונג, און אַן פאַראורטיילן אויפן געביט פון טיף־איינגעוואָרצלטע יידישע דערציאונג טראַדיציעס, מיט אונדזער צוגאָב פון נייע יידישע קולטור שאַפונגען, וואָלטן מיר אַריינגע־הויכט אַ נייע נשמה אין אונדזער שול. מיר וואָלטן פאַרשפּאָרט זיך צוצוהערן צו די פרעמדלעכע עצות, וואָס ווערן אונדז לעצטנס געגעבן מכוח יידישער דערציאונג, עצות אין וועלכע עס רעדט זיך וועגן אמעריקאַנער בירגער לחוד און ייד לחוד, וועגן יידי־שער קולטור ווי א צוגאָב צו דער אַמעריקאַנישער, און לסוף — נישט־יידישער, אַלגעמיינער שול.

ב

ס׳איז שוין איצט קלאָר פאַר אַלעמען, אַז די יידישע שול אין אַמעריקע מאַכט דורך אַ גרויסן, אינערלעכן קריזיס. נישט גע־קוקט אויף איר לכתחילהדיקן פּאָלקסטימלעכן כאַראַקטער און שטרעבונג צו באַרייכערן און פאַרטיפן דאָס קולטור לעבן פון דעם יידישן מאַסן מענטש, שטייט די יידישע שול אין אַמעריקע כמעט אַן אַ זייט פון לעבן (אַן אויסנאַם שטעלן מיט זיך פאַר 3 — 4 טאָג־שולן אין קאַנאַדע און די יידישע שול אין נאָענטן מעקסיקע). וואָס האָט גורם געווען אַזאַ מצב? איז עס פאַרגליווערטקייט און קאָנ־סערוואַטיזם פון אירע טוער און לערער? זענען שולדיק אירע מעטאָדן און לערן־פּראָגראַמען? האָט זיך גרינטלעך געענדערט דאָס יידישע לעבן אין אַמעריקע, די יידישע היים, דאָס יידישע קינד? פאָדערט זיך אַ באַנייאונג אין דער אָרגאַניזאַציע פון דער יידי־שער שול?

ס׳איז נייטיק צו שטעלן אָט־אַזעלכע — און נאָך אַנדערע — פראַגעס, אָן מורא און פאָראורטייל, כדי צו דערגיין צום וואָרצל פון קריזיס. אויף אַ טייל פראַגעס קען מען שוין איצט קלאָר און זיכער ענטפערן. ס׳איז, למשל, קלאָר און באַשיימפערלעך, אַז די

ייִדיש־וועלטלעכע שול נייטיקט זיך אין פֿאַרייניקטע אָרגאַניזאַציאָנעלע כוחות. די ביז־איצטיקע באַזונדערע שול־אָרגאַניזאַציעס קענען זיך נישט פֿאַרמעסטן מיט די גרויסע פֿינאַנציעלע, געזעלשאַפֿטלעכע און פּעדאַגאָגישע נויטן פֿון דער ייִדישער שול אין אַמעריקע. וואָס שייך דעם כאַראַקטער פֿון ייִדישן לעבן אין אַמעריקע, פֿון דער היים פֿון וואַנען דאָס קינד קומט איצט אין אַ ייִדישער שול — איז אַוודאַי קלאָר, אַז דאָס איז נישט דאָס זעלביקע לעבן און נישט די זעלביקע היים, וואָס מיט 30 — 35 יאָר צוריק, ווען ייִדישע שולן האָבן זיך דאָ אָנגעהויבן באַווייזן. און מען מעג אויך זאָגן, כאָטש דאָס קאָן וועמען ווײַ טאָן, אַז גראָד די ראַדיקאַלע קרייזן, וואָס שטייען אַרום די ייִדיש־וועלטלעכע שולן, האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זיין גאַנץ קאָנסערוואַטיוו און אומבויגזאַם בנוגע אַלטע, אַמאָליקע איינשטעלונגען, וואָס האָבן אַ שייכות מיט פּראָגראַם און באַציאונג צו ייִדישע לעבנס פֿאָרמען און אידעאַלן. אויך דער לערער פֿון דער ייִדיש־וועלטלעכער שול, דער שפּעריסטער, רירעוודיקסטער און מאָדערנסטער פֿון אַלע ייִדישע לערער אין אַמעריקע, האָט אָנגעהויבן פֿאַרלירן זיין אַמאָליקע באַגייסטערונג, איניציאַטיוו און גרייטקייט צו זוכן, ענדערן און עקספּערימענטירן (די לעצטע פּרוּוון מצד די לערער צו פֿאַרטיפֿן דעם נאַציאָנאַלן אינהאַלט פֿון דער שול זענען אַן ענדערונג צום גוטן, כאָטש זיי ווערן דערווייל געמאַכט צו פּאַמעלעך און נישט זיכער). דאָס איז מסתמא א רעזולטאַט פֿון זיין אַנטוישונג און פֿון די אומצייליקע דורכפֿאַלן אינעם אַמעריקאַנער ייִדישן קולטור־לעבן בכלל.

דריי הויפּט־פּראָבלעמען שטייען איצט פֿאַר דער ייִדישער שול אין אַמעריקע: א) באַלדיקע קאָאָרדענירונג פֿון טעטיקייטן מיטן ציל צו פֿאַרייניקן די נאָענטע ייִדיש־וועלטלעכע שולן; ב) מיט פֿאַרייניקטע כוחות אָנהייבן בויען טאָג־שולן, און — ג) גרויסע ענדערונגען אין פּראָגראַם און אין די לערן־מעטאָדן.

ס'איז נייטיק זיך אָפּצושטעלן קודם־כל אויפֿן דריטן פּונקט — וועגן פּראָגראַם און לערן־מעטאָדן. וואָס שייך די ערשטע צוויי איז קלאָר, אַז אָן פֿאַרייניקטע כוחות וועט צו קיין גרויסן פֿאַרנעם צו בויען טאָג־שולן נישט קומען. דערווייל באַשטייט נאָך דער קערן פֿון דער ייִדישער שול אין אַמעריקע פֿון צוגאָב־שולן. וואָס־זשע לאָזט זיך שוין טאָן כדי צו פֿאַרבעסערן און צופּאַסן צו די נייע באַדינגונגען און פֿאָדערונגען? ווי שוין פֿריער אָנגעוויזן, האָט זיך

אין די קרייזן פֿון דער יידישער שול, פֿון זיך אַליין, אַנגעהויבן אַ פּראָצעס פֿון אויסברייטערן דעם פּראָגראַם פֿון לימודים. דער צו־גאָב פֿון העברעאיש, תנ״ך, מנהגים, יום־טוב־פֿייערונגען און ארץ־ישראל האָבן אָנגעהויבן פֿאַרטיפֿן דעם יידישן אינהאַלט פֿון דער שול. די דאָזיקע זאַכן זענען אָבער ביז איצט געטאָן געוואָרן אַביסל אײליק, אָן פּלאַנמעסיקייט און צופֿיל „אונטערן דרוק" פֿון פֿאָ־דערונגען. איצט מוז קומען רואיקע פּלאַנירונג און איינשטעלונג. עס מוזן אויסגעאַרבעט ווערן פּאַסיקע טעקסטן און פֿעסגעשטעלט ווערן פּראָגראַמען פֿאַר אָט־די לימודים. נאָר אַזוי אַרום וועט אַריינגעשטעלט ווערן דער נייער נוסח פֿון דער יידישער שול. עס וועלן זיך אָנהייבן באַווייזן די ערשטע רעזולטאַטן פֿון אַ ברייטערער יידישער דערציאונג, און ממילא — אַ גרעסערער צוטרוי מצד די עלטערן.

און דאָ קומען מיר צו אַן ענין, וואָס האָט צו טאָן נישט אַזוי מיט פּראָגראַם גופֿא, ווי מיט מעטאָד און צוגאַנג. ווי שטאַרק עס זאָל נישט אויסגעברייטערט ווערן דער היקף פֿון פּראָגראַם, וועט נאָך אַלץ די יידישע שול בלייבן אַ לערן שול, קאָנצענטרירט אויף אינפֿאָרמאַציע, אויפֿקלערונג, ליטעראַטור און טעקסט־בוך. לאָמיר געדענקען עטלעכע גרונט־זאַכן: א) די צייט פֿון לערנען אין אַ דורכשניטלעכער יידישער שול איז שרעקלעך באַגרענעצט, פֿיר־פֿינף שעה אַ וואָך; ב) נישט געקוקט אויף דער באַגרענעצטער צייט, האַלטן מיר אין איין אויסברייטערן די פּראָגראַמען און די פֿאָדערונגען פֿון דער שול; ג) צוליב מאַנגל פֿון דערפֿאַרענע לע־רער אַרבעטן איצט אין אַ סך שולן לערער וועמענס צוגרייטונג איז נישט קיין צו גרויסע; ד) מיר לערנען נאָך אַלץ אין נישט צוגע־פּאַסטע לאָקאַלן מיט די אָרעמסטע פּעדאַגאָגישע הילפֿס־מיטלען. צו דעם אַלעם דאַרף מען צוגעבן נאָך איין מאָמענט — דעם וויכ־טיקסטן — וואָס באַשווערט צום מייסטן דעם וועג פֿון דער יידישער שול — דאָס איז די אויסגעלײדיקטע היים פֿון היינטיקן יידישן קינד אין אַמעריקע.

זינט עס עקזיסטירט אַן אָרגאַניזירטע שול אויף דער וועלט איז נאָך מסתמא נישט געווען אַ פֿאַל, וואו די סתירה צווישן שול און היים זאָל זיין אַזוי גרויס ווי מיר טרעפֿן זי אין דער יידישער שול אין אַמעריקע. מיט וואָס קומט ביי אונדז אַ קינד אין אַ יידי־שער שול אַריין? קודם־כל — ווי הייסטו ייִנגעלע? טאַטע־מאַמע האָבן צוליב אַן אַ שיעור פֿאַרקרימטע סיבות אַזוי גרינטלעך פֿאַר־

גויעשט דעם נאָמען, אַז ס׳פאַרפלאָמט דעם לערערס פנים פאַר ווייטיק און חרפה. אָפטמאָל איז פאַרפרעמדט און פאַרגויעשט סיי דער ערשטער און סיי דער צווייטער נאָמען. דער לערער דאַרף פאַרשרייבן אַלס זיין תלמיד אַ סטענלי ווילסאָן, אָדער אַ דזשאָן מוירפי... ווען אַ יידיש וואָרט איז דאָך שוין אָפּגערעדט. דער דורכשניט קינדער קומט אין שול אָן דער מינדסטער געוואוינ־הייט, אָדער פעאיקייט אַרויסצורעדן אַ יידיש וואָרט, אָפטמאָל קען דאָס קינד אפילו נישט פאַרשטיין קיין וואָרט. נו, אויב דאָס קינד ווייסט שוין נישט פון קיין יידישן נאָמען און פון קיין יידיש וואָרט, איז אפשר האָט עס אין שטוב איינגעזאַפּט אַ צאָל טראַדיציעס יידישע, מנהגים פון אַן איינגעוואָרצלטן לעבנס־שטייגער? אפשר האָט דאָס קינד באַמערקט און דערשפּירט אין דער היים ידישקייט, למשל, פרייטיק פאַרנאַכט, ווען שבת האָט אָנגעהויבן אַרומנעמען די שטוב? אפשר האָט עס קינדיש איינגעזויגן יידישע געפילן און שטימונגען ביי יום־טובדיקע טישן, צערעמאָניעס און פייערונגען? האָט דאָס קינד באַמערקט אַ וואַרעמע באַציאונג צו אַ יידישן בוך, צו אַ ספר? האָט עס כאָטש געהערט „ליבע רייד״ וועגן יידן, יידישן כאַראַקטער און געוואוינהייטן ? . . . אין די מערסטע פאַלן איז דער ענטפער אויף אַט־די אַלע פראַגעס אַ באַשטימטער „ניין!״ פון אַ ליידיקער היים קומט דאָס קינד אין דער יידישער שול אַריין, אַן אַ יידיש וואָרט, אַן טראַדיציעס, אַן שבת און יום־טוב, אַן אהבת ישראל . . . אויף וואָס־זשע זאָל בויען דער יידישער לערער זיין דערציאונגס אַרבעט ! ס׳איז קלאָר, אַז מיטן „לערנען״, מיטן אַזוי־גערופענעם פאָרמעלן לערן פראָגראַם קאָן נישט אויסגעפילט ווערן דער חלל פון אַן אויסגעליידיקטער היים. אַפילו, ווען די יידישע שול זאָל האָבן אַ סך מער צייט אויף לערנען ווי זי האָט איצט. ס׳איז אויך קלאָר, אַז קיין אידעאַל׳ע „צווייטע היים״ קען אפילו די בעסטע שול נישט שאַפן. דאָך איז עס אַ לעבנס־פראַגע פאַר דער יידישער שול צו זוכן נייע וועגן ווי אַזוי כאָטש טיילוויז צו לינ־דערן אַט־די ספּעציפישע נויט.

ס׳איז שוין אויבן דערמאָנט געוואָרן דער ענין גאַנצע שולן, וואו דאָס קינד זאָל זיך געפינען אין אַ יידישער סביבה אַרום פינף שעה טעגלעך. אָבער סיי אין דער טאָג־שול, און אַ פשיטא שוין אין דער אָוונט־שול מוזן געשאַפן ווערן סיטואַציעס עמאָציאָנעלע, וואָס זאָלן כאָטש געבן אַ רמז אויף אַן אמתער היים־סביבה. מיט איין וואָרט — די יידישע שול, וועלכע האָט נישט די נאַטירלעכע

מיטהילף פון אַ היים־סביבה, מוז זיך אָנהייבן באַשעפטיקן מיט שאַפן במקום היים איבערלעבונגען, כדי אויף זיי צו קענען בויען דאָס לערנען. פון צוויי גלייכבאַרעכטיקטע טיילן מוז באַשטיין דער פּראָגראַם פון דער יידישער שול — פון אַן אומפאָרמעלן לערן־פּראָגראַם, וואָס זאָל צוגרייטן דעם באָדן פאַרן פאָרמעלן לערן־פּראָגראַם.

אָבער פון וואָס זאָל דער יידישער לערער אָנהייבן? ווי אַזוי זאָלן געשאַפן ווערן די דערמאָנטע עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען, וואָס זאָלן אַריינציען די קינדער און זיי משפיע זיין דערציעריש? עס זענען זיכער דאָ זייער אַ סך געלעגנהייטן וועגן וועלכע דער־פאַרענע לערער וויסן. ווען אַ קינד קומט אָן אין שול, ווען מ׳הייבט אָן אַ ניי בוך, אָדער ספר, ווען מ׳פאַרענדיקט אַ געוויסן קורס,ביים אָנהייב שול־יאָר, ביים שליסן דאָס שול־יאָר, ביי סיום און גראַ־דואירונג, ביים געבורטסטאָג פון אַ קינד און ביים דערוויסן זיך פון גרויסע געשעענישן אין לעבן פון פאָלק. פאַר אָט־די אַלע דער־שיינונגען דאַרף אויפגעגעבן ווערן אַ סך מי און אַרבעט, אַרום זיי דאַרף קאָנצענטרירט זיין דאָס לערנען, און צום סוף — וואו נאָר מעגלעך — דאַרפן זיי געפייערט ווערן אויף אַ צערעמאָניאַלן אופן. קיין שום מורא פאַר ביטול תורה טאָר נישט געדאַכט ווערן, ווייל דאָס איז ערשט דער וועג, וואָס פירט ביי אונדזערע באַדינ־גונגען צו לערנען יידישע תורה. אָבער עס איז נאָך דאָ אַ באַ־שטימטע, קלאָרע געלעגנהייט, וואָס די יידישע שול קאָן און מוז אויסנוצן — דאָס איז דער יידישער קאַלענדאַר מיט זיינע שבתים, יום־טובים און געדענק־טעג. צערעמאָניאַלע יום־טוב־פייערונגען, דורכגעפירט פון די קינדער, ביי געדעקטע טישן, וואו מעגלעך מיט סעודות (וויפיל שטימונג איז געשאַפן געוואָרן ביי חסידישע טישן און סעודות!), מיט עלטערן אַלס איינגעלאַדענע געסט, קענען ווערן דער אמתער קוואַל פון וואַנען די שול זאָל שעפן לעבעדיקן אינהאַלט פאַר דער קינדערשער נשמה, וואָס בענקט נאָך פייער־לעכקייט און יום־טוב. דאָס איז אויך אַ זעלטענע געלעגנהייט צו פאַרייניקן דעם אַזוי־גערופענעם פאָרמעלן מיטן אומפאָרמעלן טייל פון דער שול־אַרבעט. אַרום יידישע יום־טובים קען זיך קאָנצענט־רירן זייער אַ גרויסער טייל פון שפּראַך און ליטעראַטור אַרבעט, לימוד פון יידיש און העברעאיש, געשיכטע, תנ״ך און מנהגים, אידעאַלן פון אַרבעט און פרייהייט. די גרויסע יידישע יום־טוב לי־טעראַטור, דער היסטאָרישער כאַראַקטער פון די יידישע יום־

טובים, די אידעאַלן פון אַרבעט און קאַמף פאַר פרייהייט מיט וועלכע אַ סך יידישע יום־טובים זענען געקניפּט און געבונדן, דאָס אַלץ קאָן ווערן אַן אוצר פאַרן יידישן לערער אין זיין דערציאונגס־אַרבעט; און פון אַלע יום־טובים לאָמיר אויסטיילן, לויט דער גרוי־סער דערציערישער וויכטיקייט דעם שבת. אַפּטקייט און איבער־חזרונג שפּילן אַ גרויסע ראָל אין לערנען און אין איינפלאַנצן גע־וואוינהייטן, און שבת איז נישט קיין איינמאָליקער יום־טוב אין שול־יאָר, נאָר קומט ריטמיש 42 — 43 מאָל אין משך פון שול־יאָר. אַ שבת פייערונג, מיט אַ שטענדיקן צערעמאָניאַלן טייל, וואָס ענדערט זיך נישט פון שבת צו שבת און מיט צוגעגעבענע ליטע־ראַרישע און קינסטלערישע טיילן, אַלע וואָך אַנדערע, וואָס קינ־דער זאָגן, דערציילן דעקלאַמירן און דראַמאַטיזירן, אַזאַ פייערונג קאָן ווערן אַ מעכטיקער פאַקטאָר אין דער עמאָציאָנעלער אויס־בילדונג פון דעם קינדס נשמה און אויך אין זיין „באַגערן צו לער־נען״.

יאָ, ס׳איז דער יידישער שול אין אַמעריקע נישט געגעבן געוואָרן דאָס גליק צו קענען האָבן די מיטהילף פון אַ געזונטער קולטור־אַטמאָספערע אין דער היים פון קינד. מוז די שול נעמען אויף זיך די אויפגאַבע פון שאַפן קולטור־סיטואַציעס פון אַ געזונ־טער היים. די שול מוז זוכן געלעגנהייטן פון עמאָציאָנעלע השפעות אויף אירע תלמידים, און די גרעסטע געלעגנהייט גיבן די יידישע יום־טובים און דער שבת. דורך זיי קענען פאַרבונדן ווערן — אין אַ גרויסער מאָס — בײדע אויפגאַבעס פון דער שול: דאָס לער־נען און דערציען, וואָס זענען אין דער אמתן איין גאַנצקייט.

שבתי ראַפּאָפּאָרט מיט קינדערלעך פֿון זיין שול אין פּרושאני, פּוילן, 1924

די יידישע שול —
די קרוין פון אונדזער קולטור רענעסאַנס

וועןֹ מען באַטראַכט ערנסט די פאַרשידענע אָנשטרענגונגען, וואָס זענען אין די לעצטע 2־3 יאָרצענדליק געמאַכט געוואָרן אויפן געביט פֿון דערהאַלטן און ווידעראַנטוויקלען אונדזער נאַציאָנאַלע אינדיווידואַליטעט, צו פאַרענטפערן די ברענענדיקסטע פּאָלקס־נויטן, סיי מאַטעריעל־פיזישע, סיי גייסטיק־קולטורעלע — מוז מען קומען צום פעסטן באַשלוס, אַז די פּיינסטע רעזולטאַטן האָט די אָנשטרענגונג געבראַכט אויפן געביט פון דער יידישער שול־אַר־בעט. היינט־צו־טאָג שטייט די יידישע שול און דערציאונגס־אַר־בעט אין צענטער פֿון אַלע אונדזערע פּראָבלעמען, סיי ביי אונדז דאָ, אויפֿן אַמעריקאַנער קאָנטינענט, סיי אין די לענדער פֿון אַלטן יידישן ישוב. פאַר אונדזערע אויגן, אין אונדזער צייט, איז אויס־געוואַקסן די נייע יידישע שול, די שול, וואָס האָט געהאַט דעם מוט אַוועקצושטעלן אַ גרענעץ־סלופּ אויפֿן וועג פון דער פאַר־עלטערטער דערציאונג ביי יידן. עס האָט געהייסן: אונדזער לעבן איז נישט געבליבן שטיין אויף איין אָרט. איבער אַלע שבעה ימים לויפֿן די שיפן וואָס פֿירן אונדזערע ברידער צו נייע וואוינערטער, וואָס צערייסן און צעגלידערן אונדזער געזעלשאַפֿטלעכן קערפּער. עס ווערן צעשטערט און טיילמאָל אויך איבערגעבויט די עקאָנאָ־מישע יסודות פון גרויסע יידישע קיבוצים, עס ענדערן זיך, צו־זאַמען מיט דעם צייט־לויף, אונדזערע נאַציאָנאַלע און אַלגעמיין־מענטשלעכע באַדערפענישן. און קיין מענטשלעכע האַנט איז נישט בכוח אָפּצושטעלן די כסדרדיקע אַנטוויקלונג פון אונדזער לעבן. זאָל־זשע די יידישע שול נישט שטיין אויסגעדרייט מיטן רוקן צום לעבעדיקן יידישן לעבן, זאָל זי זיך שטעלן צו דינסט די נייע באַ־דינגונגען און געענדערטע יסודות פֿון אונדזער לעבן, זאָל די יידי־שע דערציאונג ווערן אַ ברכה, אַ פרייד פאַר די, וועמענס גורל ס'איז צו טרעטן אויף די חורבות פון אַ צעשטערטן עבר, זאָל זי באַלייכטן דעם וועג פֿון מאָרגן און אָנצינדן אין פאַרחלשטע הער־צער אַ פּייערל פון האָפענונג, זאָל זי העלפן בויען.

פֿון 15 ביז העכסטנס 19 יאר איז אַלט די יידיש־וועלטלעכע שול; נאָך ווייניק צייט פאַר גרויסע, ממשותדיקע אויפֿטוען, און פֿונדעסטוועגן איז בלויז פאַראַן נאָך איין־און־איינציקער געביט אין אונדזער קולטור־רענעסאַנס, וואָס קען זיך פאַרגלייכן, אין זין פון

גיכן אויפֿבלי, — מיט דער שול, דאָס איז די יידישע ליטעראַטור.

ערשט מיט אַן ערך 19 יאָר צוריק, אין מזרח־אייראָפּע מיט אַן ערך 15 יאָר צוריק, איז אונדזער גאַנצער באַגאַזש שולן באַשטאַנען פֿון אַ רייע אַסימילאַטאָרישע, פֿרעמד־שפּראַכיקע „סקולס" אָדער „שקאָלעס" און חדרים, פּשוטע, אָדער מאָדערנע, וואָס אַלע צוזאַמען האָבן געאַרבעט דערויף, כּדי צו מאַכן פֿאַרגעסן די צאָל גייסטיקע אינוואַלידן ביי יידן. און — גלייך ווי די צוועקמעסיקע דערציאונג פֿון יונגן דור וואָלט נישט זיין איינע פֿון די וויכטיקסטע גאַראַנטיעס פֿאַר אַ גליקלעכערער צוקונפֿט פֿון יעדן פֿאָלק — האָט מען ביי אונדז איבערגעלאָזן די דערציאונגס־אַרבעט פֿאַר אַלערליי שלימזלדיקע מלמדים, אָדער „טשינאָווניקעס" פֿון אַלטן זניט, מיט פֿאַרברעכערישע פּאָליטישע צילן. זיי האָבן עס באַ־אַרפּט אונדזערע קינדער צוגרייטן צום לעבן, מאַכן זיי פֿאַר מענטשן. האָט מען זיך טאַקע נישט גערעכנט מיט די אייגנאַרטיקייטן פֿון יידישן קינד, נישט געהאַט אין אויג דעם דערציערישן ווערט פֿון דער יידישער אינטימער סביבה, פֿון אייגענעם, נאָענטן לעבנס־שטייגער, האָט מען פֿאַרגעסן וועגן דער קאָלאָסאַלער ראָל, וואָס מוטער־שפּראַך און יידישע ליטעראַטור קענען שפּילן ביי דער דערציאונג פֿון אונדזערע קינדער. זענען טאַקע פֿון דעם אַרויסגעקומען גייסטיקע תּפֿיסות פֿאַר די קינדער, אומעטיקע און גרויע ווי אַלע תּפֿיסות, און פֿאַר אונדזערע דערוואַקסענע — אַ חרפּה און אַ ווייטיק אין האַרצן.

מיט דער אַנטשטייאונג פֿון דער מאָדערנער יידישער שול איז איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל געמאַכט געוואָרן די גרויסע, היסטאָרישע רעוואָלוציע אויפֿן געביט פֿון יידישער דערציאונג. עס זענען אויסגעלופֿטערט געוואָרן די שול־לאָקאַלן פֿון יענער פֿאַרפּעסטעטער אַטמאָספֿערע פֿון ביטול און שנאה צו די אַרבעטנדיקע יידישע מאַסן. די יידישע מאַסן, זייער לעבן און אידעאַלן, זייערע ליידן און מאַרטיראָלאָגיע, זייער שפּראַך און ליד האָבן פֿאַרנומען דעם אויבנאָן אין דער נייער יידישער שול. פֿאָלקסטימלעכקייט און אינטימקייט זענען געשטעלט געוואָרן צו דינסט דער דערציאונג פֿון יידישן קינד. לייכט טאַקע איצטער דער יידישער שול־בנין איבער אַלע ישובים פֿון דער גאַנצער וועלט. אין עסטלאַנד, לעטלאַנד און אין ליטע — אַ נעץ פֿון שולן. אין רוסלאַנד, דער עיקר, אין ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע — אַן אייגנאַרטיק שול־וועזן, אַנערקענט און אויסגעהאַלטן פֿון דער מלוכה. און דער גרויסער שול־בנין אין

פוילן, מיט זיין ריזיקן פאַרנעם ! אַפילו אין די קליינע יידישע „צענטערלעך", ווי לאָנדאָן און פּאַריז, פונקציאָנירן אויך איצט יידישע שולן אָדער קורסן.

און ביי אונדז אין אַמעריקע, אָנהייבנדיק פון אַרגענטינע מיט איר 150 טויזנטדיקן יידישן ישוב, וואו עס פונקציאָנירן יידיש־וועלטלעכע שולן סיי אין געוויסע קאָלאָניעס, סיי אין די גרעסערע צענטערן, ווי בוענאָס איירעס און אַנדערע ביז — צום צפונדיקן קאַנאַדע, וואו עס אַנטוויקלט זיך אַ געזונט יידיש קול־טור־לעבן, מיט יידישער פּרעסע, טעאַטער און אָנהויבן פון לי־טעראַטור. אומעטום שטייט די שול אין סאַמע אויבנאָן, ווי די צירונג, די קרוין פון אונדזער קולטור־אַרבעט. אמת, אַז מיר דאָ, אין אַמעריקע כאָטש אונדזערע שולן זענען די עלטסטע, זענען מיר הינטערשטעליק געבליבן לגבי די יידיש־וועלטלעכע שולן אין איי־ראָפּע. די יידישע שול אין אַמעריקע איז נאָך דער עיקר אַ צו־גאָב צו דער „פּאַבליק סקול", די מעגלעכקייט פון השפעה אויף די קינדער, די מיטלען אויף צו קענען אויסשמידן און אויספּאַר־מירן זייער כאַראַקטער זענען ביי אַזעלכע באַדינגונגען זייער און זייער באַגרענעצט. אָבער דאָס אַלץ לייגט אַרויף נאָך אַ גרעסערע אחריות אויף אונדז. באַזונדער דאַרף דאָ אונטערגעשטראָכן ווערן — קאַנאַדע. די באַדינגונגען פאַר אַ נאָרמאַלער יידישער שול זע־נען דאָ אָן ערך גינסטיקער ווי, למשל, אין די שטאַטן. אמת, מיר האָבן שוין אָנצוואווייזן אויף אַזעלכע אינסטיטוציעס ווי די פּרץ־שול אין וויניפּעג, מיט איר שטאָלצער 16 יאָריקער געשיכטע, די שולן אין מאָנטרעאָל און אַנדערע. די דערמאָנטע שולן געפינען זיך אויפן וועג צו אַ נאַציאָנאַלער יידישער שול, די ענגלישע טאָג־קלאָסן ,וואָס פונקציאָנירן אין טייל פון די שולן זענען שוין טייל־וויז אַ מזל־ברכה פאַר די קינדער אָבער דער וועג איז נאָך נישט פאַרענדיקט; די יידישע שול פאַרמעסט זיך אויף היסטאָרישע אויפ־טועך, וויל שאַפן אַ נייעם פּרצוף פון יונגן יידישן דור, עפענען נייע שאַפנדיקע קוואַלן פאַר אונדזער לעבן. ווערט דעריבער נאָך גרע־סער דאָס אחריות פאַר דעם וועלטלעכן טייל פון אונדזער היגער יידישער געזעלשאַפט, פון אונדזערע אַרטיקע שול־טוער ווייטער צו שמידן די גאָלדענע קייט פון יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן אין ווערן די גאַנצע שול, דער גאַנצער טאָג פאַר זיין קינדערשן גליק.

אַ פאַרייניקטער פראָנט
פאַר דער יידישער שול

ביים סאַמע וויגעלע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג איז שוין געשלאָסן געוואָרן דער שידוך צווישן קולטור־אַרבעט און פּאָליטישער טעטיקייט. די קליינע אַרבעטער גרופּעס, וואָס האָבן זיך צום ערשטן מאָל באַוויזן אויף דער יידישער גאַס, זענען טאַקע אַנטשטאַנען צוליב פּאָליטישע און עקאָנאָמישע סיבות, זייער אינהאַלט זייער טעטיקייט האָט אָבער אָפטמאָל געטראָגן אַ ריין דערציערישן, אַ בולט קולטורעלן כאַראַקטער. ס'איז פאַר די פּיאָנערן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג גלייך קלאָר געוואָרן, אַז מען מוז די אַרבעטער מאַסן קודם כל אויסלערנען „לייענען און שרייבן", געבן זיי „וויסן", וואָס איז דער ערשטער באַדינג פון „מאַכט".

מיטן אַנטשטיין פון דעם יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן איז די קולטור־טעטיקייט אָפיציעל אַריינגעשלאָסן געוואָרן אינעם פּראָגראַם אין דער וועלט־באַנעמונג און אין דער קאַמפּס־טעטיקייט פון יידישן פּראָלעטאַריאַט. איצט האָט זיך שוין נישט געהאַנדלט בלויז וועגן דער אויסבילדונג פונעם דערוואַקסענעם אַרבעטער דור. די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט שוין געהאַט הינטער זיך יאָרן פון דערפאַרונג, שטאַרקע און ווירקנדיקע אינסטיטוציעס. האָט מען געקראָגן מער מוט, מער גלויבן אין די אייגענע כוחות, האָט מען מיט אַ גרעסערער זיכערקייט געוואָרפן אַ בליק און אַ בריק צו דער צוקונפט. דאָס פּראָלעטאַרישע יידישע שול־וועזן איז געווען — און איז ביז היינט — דער דערפרייענדיקסטער אויסדרוק פון אונדזערע סאָציאַלע קאַמפּס־אידעאַלן. אין אונדזערע שולן גרייטן מיר דעם קומענדיקן דור קעמפער פאַר אַ נייער וועלט, פאַר אַ נייער סאָציאַלער אָרדענונג. נישט אומזיסט האָט בער באָראָכאָוו אַזוי פיל מי אַוועקגעגעבן דער פאָרשונג פון דער יידישער שפּראַך — ער האָט אין זינען געהאַט איר גרויסע דערציערישע באַדייטונג פאַר די אַרבעטער מאַסן, איר ווערט אינעם סאָציאַלן באַפרייאונג־קאַמף. פאַר באָראָכאָוון, ווי פאַר די שפּעטערדיקע יידיש־פּראָלעטאַרישע פירער, איז קלאָר געווען, אַז אַ קלאַס, וואָס האָט נישט קיין פאַרבינדונג מיט זיין אייגענע קולטור, וואָס שאַפט נישט גייסטיק, וואָס פאַרמאָגט נישט קיין אַכטונג צו זיך

אייגענער שפּראַך, קאָן אויך נישט דערפילן זיין רעוואָלוציאָנערע מיסיע, ווייל ער איז געשלאָגן מיט בלינדקייט.

פונקט ווי ביים אָנהייב פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג איז געשטאַנען די קולטור און דערציאונגס אַרבעט, אַזוי איז ביי דער גרינדונג פון די ערשטע יידישע שולן געשטאַנען די אָרגאַניזירטע און פּאָליטיש־באַוואוסטזיניקע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג. די יידיש־וועלטלעכע שולן אין ראַטנפאַרבאַנד, פּוילן, לעטלאַנד, ליטע, אַרגענטינע, קאַנאַדע און אין די שטאַטן — זיי זענען אַלע אַנטשטאַנען פון דער איניציאַטיוו, מי און אָנשטרענגונג פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט. אַנדערש זענען געווען די באַדינגונגען אין די פאַרשידענע לענדער, אַנדערש די פּאָליטישע לאַגע, אַנדערש דער כאַראַקטער פון יידישן מאַסן לעבן, דערפאַר אויך אַנדערש דאָס פּנים פון דער שול, אַנדערש דער פאַרנעם, דער דערפאָלג און דער איינפלוס אויפן לעבן. חוץ דער סאָוועטיש־יידישער שול, האָט זיך ווי אַ גרויסע קולטור־קראַפט אין לעבן, אַרויסגערוקט די יידישע שולן אין פּוילן, מיט איר צענטראַלער אָנפירערשאַפט — די ציש"אָ, ביי דער אומגעהייערער שווערער לאַגע פון די יידישע אַרבעטער מאַסן אין פּוילן, וואָלט די דאָרטיקע שול שוין לאַנג געווען אונטערגעגאַנגען, אָדער פאַרקריפּלט געוואָרן ווען נישט די זעלטענע איניקייט, דער שטילער אָבער פעסטער איינהייטלעכער פראָנט, וואָס האָט די שול געבויט, אויסגעברייטערט און אָפּגעהיטן. אונדזער אַמעריקאַנער יידיש־וועלטלעכע שול, וועלכע איז דאָך אַנטשטאַנען אונטער אַ סך גינסטיקערע באַדינגונגען — סיי פּאָליטיש, סיי עקאָנאָמיש — האָט אָפטמאָל מיט באַוואונדערונג און מיט יראת הכבוד אַרויפגעקוקט צו דער אַרבעט און שעפערישער טעטיקייט פון אונדזערע פּוילישע שוועסטער־שולן. מיר דאָ האָבן זיך געמאַטערט, און מאַטערן זיך ביז היינט, מיט אָן אַ שיעור אָרגאַנישע שוועריקייטן, מיט אַ גאַנצער ריי ספּעציפיש־פּעדאַגאָגישע, אָרגאַניזאַציאָנעלע און געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען. מיט אונדזער גאַנצן פאַרנעם, מיט אונדזער גאַנצער דערפאַרונג זענען מיר נאָך אַלץ ביים סאַמע אָנהייב אין זייער אַ סך הינזיכטן. שוין 25 יאָר, אַז די יידישע שול לעבט און אַרבעט אויפן אַמעריקאַנער באָדן, און מיר האָבן נאָך נישט געלייזט די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פון דער שול־באַוועגונג.

וואָס פעלט אונדזער שול? אַלץ! די צאָל קינדער איז קליין (דערמאָנט זיך די באַריכטן פון געוויסע שול־אָרגאַניזאַציעס, לויט

וועלכע די צאָל שולן איז גרעסער ווי די צאָל לערער — אין לערער אין צוויי שולן...). טויזנטער און טויזנטער אָרגאַניזירטע יוניאָן אַרבעטער שיקן זייערע קינדער אין תלמוד תורהס. מיר האָבן נישט קיין לערער סעמינאַר, וועלכער זאָל צוגרייטן אַ פּראָ־לעטאַרישן לערער רעזערוו, נישטאָ קיין איינהייטלעכקייט אין פּראָ־גראַם, נישטאָ קיין פּעדאַגאָגישע צענטראַלע, נישטאָ קיין מעטאָ־דישע באַראַטונגס־שטעלע פאַר לערער, נישטאָ קיין אויטאָריטעטע שול־וויזיטאַציעס, וואָס זאָל העלפן דעם לערער אין זיינע פּראָב־לעמען, נישטאָ קיין לעבעדיקער פאַרלאַג־וועזן, וואָס זאָל אַרויס־געבן נייע לערנביכער. אַלץ באַוועגט זיך קוים — זעלטן, ווען אַ ניי וואָרט, זעלטן־זעלטן אַ דערציערישער איינפאַל — שאַבלאָן.

איז דער ארבעטער רינג דערציאונגס דעפּאַרטמענט איינער פון די לעבעדיקסטע און אַקטיווסטע טיילן פון אַמעריקאַנער יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן. דאָרט דערשיינט אַמאָל אַ ניי בוך, דאָרט האָלט מען אָפט קאָנפערענצן, מען גיט אַרויס אַ זשורנאַל (אגב מער פון געזעלשאַפטלעך־אידעאָלאָגישן אינהאַלט ווי פון פּעדאַ־גאָגיש־מעטאָדישן), אָבער ווי די לאַגע איז איצט ווערט דאָס אַלץ געטאָן פאַר דער „איגענער” שול, אָן קאָנטאַקט, און ממילא אָן דערפאַרונג, מיטהילף און איינפלוס פון די אַנדערע שולן אין לאַנד. אַ נעץ פון איבער 300 יידישע שולן איבער אַמעריקע און קאַנאַדע, און דאָך פאַררוקט אין אַ ווינקל פון לעבן, באַגרענעצט אויף שמאָלע קרייזן פון איינפלוס און דערציאונג. די אַרבעטער רינג שולן, די שלום עליכם שולן, די באַראָכאָוו שולן, די שולן פון א. א. א. און אפשר אויך אַ טייל פון די שולן פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַר־באַנד — סאַראַ קאָלאָסאַלע מעגלעכקייטן, און סאַראַ סעקטאַנטישע אָפּגעגרענעצטקייט און פּרוכטלאָזיקייט.

וואו איז דער אויסוועג? נישטאָ קיין אַנדערער ווי אַ פּאַריי־ניקטער פּראָלעטאַרישער פאָלקס פראָנט אויף דעם געביט פון שול און דערציאונג. די יידישע קולטור־געזעלשאַפט האָט שוין איינגנטלעך די פראַגע עטלעכע מאָל אויפגעהויבן, זי האָט אָבער דערביי געטאָן אין קלייניקייט (איבעריקנס, ווי ביי אלע אַנדערע קולטור־פראַגן, וואָס זי באַרירט) — זי האָט זיך נישט געווענדט אויפן ריכטיקן אַדרעס. ס'איז שוין איצט נישט נייטיק מער קיין וואָרט וועגן דעם צו פאַרלירן, אַז די איינציקע טרעגער פון דער יידישער קולטור, די איינציקע בויער פון יידישע שולן, די איינ־

ציקע פּאַראינטערעסירטע אין אַ לעבעדיקן, רייכן יידישן קולטור לעבן, זענען, אָדער קאָנען זיין, נאָר די יידישע אַרבעטער מאַסן. די אומעטומיקע דערפאַרונג פון יידישן לעבן האָט עס באַוויזן; די געשיכטע פון דער יידישער שול אויף גאָר דער וועלט האָט עס אונדז ווידעראַמאָל געלערנט. דער כאַראַקטער פון דער יידישער בירגערלעכער און יידישער פּראָלעטאַרישער פּרעסע און פאַרלאַג־וועזן, דער פּרצוף פון ביזנעס־טעאַטער און די פּראָלעטאַרישע בינע פּרוואוון האָבן עס צום טויזנטסטן מאָל באַשטעטיקט. וואו עס איז דאָ ערלעכע איניציאַטיוו פון אָרגאַנירטע יידישע פּראָלעטאַריער, דאָרט איז דאָ געשמאַק און חוש פאַר קולטור ריינקייט. דאָרט, וואו צו דער יידישער שול זענען צוגעשטאַנען פּראָלעטאַרישע מאַסן, נישט פאַרסמטע פון שאָוויניזם, אָדער אַסימילאַציע, דאָרט איז די שול געוואקסן, דאָרט האָט זיך געזאַמלט אַ יוגנט אַרום איר, דאָרט איז געבוירן געוואָרן מסירת־נפשדיקער אידעאַליזם אין קאַמף פאַר דער נייער שול. וואָלט אונדזער אַמעריקאַנער שול זיך געשטיצט אויף אַ פאַרייניקטן כוח פון גרויסע פּראָלעטאַרישע מאַסן און פאָלקס־סימפּאַטיקער, וואָלט אונדזער שול איצט געקענט זיין פעסט איינגעוואָרצלט אין לעבן, אונדזער אַרבעטער יוגנט וואָלט אַן אַנ־דער פּנים געהאַט, אונדזער לערער — אַן אַנדער אויסזען. אַ פאַריי־ניקט יידיש־וועלטלעך שול־וועזן אין אַמעריקע וואָלט געקאָנט ווערן דער לייכט־טורעם, דער וועגווייזער, דער אָנרעגער צו אַ נייער פּאָ־ליטישער קאַמפּס־לוסטיקייט אין דער יידישער גאַס. אַזאַ שול־וועזן וואָלט אויך געהאַט שאַנסן צו ווערן אַ מוסטער און דערמו־טיקונג פאַר די יידישע שולן אין די לענדער, וואו זיי ווערן פון דער מאַכט געדריקט און געשטיקט.

מיטן פּנים צו דער יידישער אַרבעטערשאַפט, מיטן פּנים צו דער גרויסער יידישער יוניאָן מיטגלידערשאַפט, צו די פּאָליטישע פּאַרטייען און פּראָטעסנאַלע אָרגאַניזאַציעס — אָט דאָס איז דער וועג, וואָס קאָן און וועט ברענגען דעם זיג פון דער יידישער שול. אַ זיג, וואָס וועט אויך אויפריכטן און אָפּפרישן יעדער קולטור־אַרבעט אויף דער יידישער גאַס, אַ קולטור־רעוואָלוציע אין אונד־זער לעבן. די יידישע שול מוז קודם כל געווינען אויטאָריטעט אין די אויגן פון יידישע אַרבעטער, זי מוז אינערלעך אנערקענט ווערן. נישקשה, זאָל מען נישט זאָגן, אַז ס'וועט נישט העלפן, ס'וועט זיך נישט לאָזן, מ'האָט נאָך ערנסט נישט געפּראוווט און — דער עיקר — מ'האָט נאָך נישט געפּראוווט מיטן כוח פון אַ פאַרייניקטן

פּראַנט. רעדנדיק וועגן דער ווירקונג פֿון אַ פּאַרייניקטן פראָנט אויף די ברייטע מאַסן, זאָגט געאָרגי דימיטראָוו אויפֿן זיבעטן קאָנגרעס פון קאָמינטערן: „די בשותּפֿותדיקע האַנדלונגען פֿון די פּאַרטייען איןביידע אינטערנאַציאָנאַלן וואָלטן אָבער געהאַט אַ ווירקונג נישט בלויז אויף זייערע איצטיקע אָנהענגער, זיי וואָלטן געהאַט אַ מעכטיקע ווירקונג אויף די רייען פֿון די קאַטוילישע, אַנאַרכיסטישע און נישט־אָרגאַניזירטע אַרבעטער, אַפֿילו אויף יענע, וואָס זענען צייטווייליק געוואָרן קרבנות פון דער פאַשיסטישער דעמאַגאָגיע". איבערגעזעצט אויף דער שפּראַך פון אונדזערע באַדינגונגען, מיינט דאָס — אַ פֿאַרייניקטער כוח אַרום דעם שולוועזן וואָלט זיכער אַרויסגערופן דרך ארץ און צוטרוי ביי די גרויסע אָפּגעשטאַנענע און גלייכגילטיקע ייִדישע אַרבעטער און פֿאָלקס מענטשן. דאָס איז דאָס קאַרדינאַלסטע פּראָבלעם פון אונדזערע שולן אין אַמעריקע, און דאָס פּראָבלעם וואַרט אויף דער אַמעריקאַנער צישאָ, אויף דער אויטאָריטעט, אויפֿן כוח און איינפלוס פון אַזאַ פֿאַרייניקטן קולטור־פּראָנט. האָבנדיק הינטער זיך דעם צוטרוי פון די מאַסן, וועט די אַמעריקאַנער צישאָ צוטרעטן צו פֿאַרענטפֿערן אַלע אַנדערע שול־פּראָבלעמען. עס וועט דעמאָלט מוזן אויפגענומען ווערן די פּראַגע פֿון קלאַסן פֿאַר ייִדיש אין די „סקולס", רעכט פאַר דעם ייִדישן לערער אַריינצוקומען אין די שטאַטן און קאַנאַדע, מוניציפּאַלע און פעדעראַלע סובסידיעס פֿאַר אונדזערע שולן א. א. וו. און קודם כל די אינערלעכע אָרגאַניזירונג און קאָנסאָלידאַציע פון די שולן, איבערלאָזנדיק פֿאַר די באַזונדערע געזעלשאַפֿטלעכע גרופּירונגען דאָס רעכט צו אַקצענטירן אין זייערע שולן יענע אידייאישע מאָמענטן, וועלכע זענען זיי צום באַטנסטן און וואָס זיי האַלטן פֿאַר די וויכטיקסטע.

יאָ, וועט מען זאָגן, ס'איז אַלץ אמת ווי גאָלד, אָבער צי איז עס מעגלעך? צי קאָן געשאַפֿן ווערן אַזאַ פֿאַרייניקטער פראָנט? דער איינציקער ענטפער אויף אַזעלכע ספקות מוז זיין: באַלדיקע אַקציע! ס'איז מעגלעך, ס'ווערט מעגלעך וואָס אַ טאָג אַלץ מער, ס'איז די צייט, ווען פאַר דער אַרבעטערשאַפֿט ווערט קלאָר, אַז מען מוז זיך גרייטן צום קאַמף מיט אַ שטאַרקן שונא, וועלכן מ'קאָן באַגעגענען נאָר מיט אַ פאַרייניקטן כוח, ס'איז די ביטערע לעקציע פֿון די פֿאַשיסטישע זיגן...

רעדנדיק וועגן די מאָטיוון, וואָס האָבן געפֿירט צו דער גרינדונג פון דער צישאָ אין פוילן, זאָגט ב. בוקסבוים: „דער הויפּט־

וואָרצל פֿון דער גרינדונג פֿון דער שול־אָרגאַניזאַציע ליגט אינעם באַוואוסטזיניקן דראַנג פֿון יענע ייִדישע אַרבעטער פּאַרטייען, וועלכע האָבן געשאַפֿן און געבויט ייִדיש־וועלטלעכע שולן, כּדי דעררייכן אַ קאַמף־איינהייט אויף אַ וויכטיקן אָפּשניט פֿונעם סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן באַפֿרייאונגס־פּראָנט פֿון די אַרבעטנדיקע ייִדישע מאַסן. די ייִדישע אַרבעטער מאַסן האָבן שוין דעמאָלט פֿאַרשטאַנען די וויכטיקייט און דרינגלעכקייט פֿונעם איינהייטלעכן קאַמף פֿאַר אַ ריי לעבנס־וויכטיקע נויטן און פֿאָדערונגען. די גרינדונגס צייט פֿון דער שול־אָרגאַניזאַציע איז אויסגעפֿאַלן אין אַ מאָמענט, ווען ס'איז אויך, למשל, אויפֿן געביט פֿון פּראָפֿעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע (יוניאָן באַוועגונג) שטאַרק און בולט געוואָרן דער דראַנג צו איינהייט. די גרינדונג פֿון דער שול־אָרגאַניזאַציע איז אַזוי אַרום געוואָרן אַן ערנסטער עטאַפּ אינעם קאַמף פֿאַר צונויפֿזאַמלען די ייִדישע אַרבעטער מאַסן, און די נאָענטסטע שיכטן, אַרום פֿאָדערונגען, וועלכע זענען געווען געמיינזאַם פֿאַר פֿאַרשידענע ריכטונגען אויף דער ייִדישער גאַס" (שול־וועגן, סעפּטעמבער, 1935).

אַ פֿאַראייניקטער פּראָנט פֿון אַקציע וועט שטאַרקן דעם אינטערנאַציאָנאַלן און ייִדישן פּראָלעטאַריאַט אין זיין קאַמף קעגן פֿאַשיזם, רעאַקציע און מלחמה. אַ פֿאַראייניקטער פּראָנט פֿון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט אויפֿן געביט פֿון שול וועט געבן די ייִדישע אַרבעטער אַ מעכטיק געווער אין האַנט — קולטור, וויסן! וועט אויפֿריכטן און שטאַרקן די הונדערטער צעשפּליטערטע אינסטיטוציעס, וועט שאַפֿן קולטור־פּרעסטיזש פֿאַר דעם קלאַס, וואָס וועט מיטן זיג פֿון רעוואָלוציע ווערן דער יורש און טרעגער פֿונעם גאַנצן פֿאָלקס־לעבן — ממילא אויך פֿון דער פֿאָלקס־קולטור.

איבער
די
וואַלקנס

אונדזער עראָפּלאַן טראָגט זיך זיכער און מאַיעסטעטיש איבער די וואַלקנס. ס׳איז אַ זילבערנע לבנה־נאַכט; די פּאַסאַזשירן זיצן פאַרטראַכט ווי פאַרטאָן אין עפּעס ווייטע חלומות. פון צייט צו צייט הייבט זיך ווער אויף פון באַקוועמען שטול, נייגט צו דאָס פּנים צום פענצטערל און בלייבט אַזוי צוגעקלעפּט, פאַרכישופט.

— זיבעצן טויזנט פוס הויך וועלן מיר איצט פליען, האָט עלעגאַנט און מיט אַ זיכערן טאָן דערקלערט דער קאַפּיטאַן, ווען מיר האָבן זיך אויפגעהויבן אין ניו־פאַונדלאַנד, כדי אַריבערצושפּאַנען דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן. — עס איז איצט שטורעמדיק איבערן אַטלאַנטיק, מוזן מיר זיך אויפהייבן אַביסל העכער ווי געוועגלעך. אָבער איר דאַרפט זיך נישט באַאומרואיקן, עס וועט אונדז נעמען בלויז זיבן שעה און מיר וועלן זיין אין אירלאַנד. ס׳איז נישט מיין אויפגאַבע צו מאַכן פּראָפּאַגאַנדע פאַר עראָפּלאַנען, אָבער איך מוז אייך בעטן זיך צו פאַרטראַכטן ווי לייכט, באַקוועם און שנעל מען מאַכט דורך דעם גרויסן ים־וועג. ס׳איז פּאַרט דער בעסטער אופן ווי אַזוי „אַריבערצושפּרינגען״ אַט־דעם ברייטן טייך...

אין עראָפּלאַן זענען שוין באַלד אַלע לאָמפּן פאַרלאָשן, בלויז אין צווײ ווינקלעך זעט מען דינע ליכט־שטראַלעכלעך, וואָס שטעכן דורך שפּיציק, ווי אַ נאָדל די אַרומיקע פינצטערניש און שניידן אויס אַ קיילעכדיק ליכט־רעדעלע אויף אַ בוך אין האַנט פון אַ פּאַסאַזשיר. דאָס לייענט מסתמא אַ דערפאַרענער „פליער״. ער ווערט שוין נישט נתפעל פון שטילע, מיסטעריעזע נאַכט־רייזעס צווישן הימל און וואַסער, ער האָט נישט וואָס צו קוקן דורכן פענצטער, ער ווייסט סײ־ווי, אַז מ׳זעט גאָרנישט... דערווייל שוועבט רויִק און זיכער אונדזער עראָפּלאַן. אַט גליטשט ער זיך איבער פעלדער פּוכיקע, אויסגעבעטע מיט שניי־ווייסע וואָלקנס, אַט קומט אים אַנטקעגן אַ שוואַרץ־געדיכטער וואַלד פון אָנגעבייזערטע כמאַרעס. דאַכט זיך פאַרשטעלט דעם וועג, ווי וועט ער זיך דורכרייסן? אומדערשראָקן שניידן זיך די פיר שטאָלענע אָדלער־אויגן גלייך פאַראויס אין דער שוואַרצער וואַנט אַריין. דער זילבערנער לבנה־

שימער, וואָס האָט פריער דין געציטערט אויף די פנימער פון פאַרחלומטע פּאַסאַזשירן, איז געבליבן הענגען הינטער אונדז ער־גען אויפן הימל, ביים אַריינגאַנג אין וואַלקן־לאַנד. די פלינקע באַדינערין דערפילט שנעל אַלעמענס געשפאַנטקייט, אָט צינדט זיך אַ לעמפל און אָט נאָך איינס. עלעגאַנט און היימיש בייגט זי זיך אַריבער איבער איך און פאַרוועבט אַ קליינעם שמועס. — שטיל און באַקוועם, נישט אמת? זעט, אפשר איז אייך אַ ביסל קיל, איך וועל אייך העלפן אַרומוויקלען די פיס, אָט אַזוי, אָט אַזוי . . . וואָלט אייך געשמעקט אַ פרישע, הייסע קאַווע? אפשר אַ קליין גלעזל ליקער . . . זי באַוועגט זיך שנעל הין און צוריק, פאַר יעדערן עפּעס אַ וואָרט, צו איטלעכן אַ וואַרעמען שמייכל. און אָט גיט ווידער אַ ציטער דער ליכטיקער דרויסן, עס הייבט זיך אָן צינדן דער הימל אין מזרח, מיר זענען אַרויס פון וואַלד . . .

איצט איז מען אויפגעלייזט, ס'איז עפּעס ווי אַ שטיין אַראָפּ פון האַרץ. עס ווילט זיך געמיטלעך אַ שמועס טאָן מיטן נאָענטן שכן. זעט, אָט צינדט זיך שוין אָן די היימיש־געוואָרענע שורה איבער דער פאָדערשטער טיר — צורעכט מאַכן די פּאַסן, נישט רייכערן. וויזט אויס, אַז מיר זענען שוין אַריבער דעם אַטלאַנטיק, אַז מיר לאָזן זיך שוין אַראָפּ. אַלע זענען איצט ביי די פענצטער־לעך; ס'אויג נעמט אַרום ברייט און ווייט דעם ים אונטן, און פון דער וויטנס די הויכע, פעלזיקע ברעגעס פון די בריטישע אינדזלען און דאָס גרינע, וואַלדיקע אירלאַנד. דאָס וואָס האָט פריער אויסגעזען ווי עפּעס א בולטע מאַפּע, געצייכנט פון אַ מייסטער־האַנט, ווערט אַלע מאָל נענטער און ערדישער. עס דאַכט זיך, אַז נישט אונדזער עראָפּלאַן לאָזט זיך אַראָפּ, נאָר דאָס דערנענטערן זיך צו אונדז די לאַנקעס און וועלדער, די וועגן און שפּיץ־דאַכן, די בריק איבערן טייכל און אפילו דער הויכער, דאַרפישער וואָגן, וואָס פאָרט צווישן די פעלדער.

דער עראָפּלאַן האָט זיך אַ לייכטן וויג געטאָן, זיינע פליגלען, ווי צוויי אָרעמס, גלייך אויסגעצויגן, און געצומען שפּילן זיך אין אַ ברוגז טאַנץ מיט דער ערד. אָט הייבט ער לייכט אויף דעם רעכטן אָרעם און דער לינקער גיט זיך אַ בייג ווי ער וואָלט וועלן אַ גלעט טאָן די ערד איבער איר גרינעם שטערן. און אָט גלייכט ער זיך אויס, גיט אַ לייכטן ריר אָן דעם וועג און ווידער א שוועב אין דער לופטן. ער דרייט זיך נאָך שטיפעריש אַרום אין אַ קרייז, קומט צו גאָר נאָענט צום אויסגעפּלאַסטערטן וועג, קוים קוים צו

באַרירן, ביז ער גיט זיך אַ שאַר און בלייבט שטיין אויף זיינע גומענע פּיס.

עס ענדיקט זיך די טיר און עס קומט אַריין אַ שלאַנקע, אידישע מיידל, אַנגעטאָן אין נאַציאָנאַלן מיליטערישן אוניפאָרם, זי באַגריסט זיך פריינטלעך מיט די פּאַסאַזשירן און לאַדט אַלעמען איין אויף אַ גלעזל טיי אין דעם רעסטאָראַן, וואָס געפינט זיך אויפן לופט־פעלד. מיר נעמען אָן מיט פריד די דאָזיקע איינלאַדונג. יעדער איינער וויל ווידער אַ טרעט טאָן אויף זיכערער ערד. ביים טיש פאַרבינדט זיך גלייך אַ לעבעדיקער שמועס. דעם אַטלאַנטיק שוין אַריבער, הייבט מען זיך אָן פילן נענטער צום ציל, ס׳קומט אַרויף די טעמע ארץ־ישראל. — מאָרגן אין דער פרי וועלן מיר פּונקט אַזוי לייכט ווי איצט זיך אַראָפּלאָזן אין לוד, ווער ווייסט ווי עס וועט אויסזען דאָרט, רופט זיך אָפּ אַ יונגערמאַן, וואָס איז די גאַנצע צייט געווען פאַרטראַכט. יאָ, מישט זיך אַריין אַ צווייטער, איר האָט באַמערקט ווי פּינקטלעך אַלץ אַרבעט דאָ, און ווי פריינטלעך מען באַגעגנט דאָ אָן עראָפּלאַן, וואָס פירט דורכויס ידישע פּאַסאַזשירן קיין ארץ־ישראל, אַ „ידישן עראָפּלאַן״? הלוואַי זאָלן מיר האָבן כאָטש אַ קליין ביסעלע פון אָט־דער פּינקטלעכקייט און פריינטלעכקייט אין ארץ־ישראל . . . און עס הייבן זיך אָן מעשיות וועגן ידישע גרענעץ־באַאַמטע, וואָס באַנעמען זיך נישט העפלעך, וואָס טשעפּען זיך צו יעדער קלייניקייט. איינער דערציילט, אַז זיין ווייב האָט אים געוואָלט מיטגעבן קליינע מתנות פאַר פריינט, אָבער ער האָט באַשלאָסן גאָרנישט צו נעמען. ער וועט זיך דאָך נישט לאָזן באַליידיקן, און צעקריגן זיך מיט אַ יונגן ידישן באַאַמטן וויל ער אויך נישט, איז אויס מתנות און פּטור... אַ מיטל־יאָריקער ניו־יאָרקער ייד, וואָס איז שוין פריער צוויי מאָל געווען אין ארץ־ישראל, בייגט זיך אַריבער איבערן טיש און ווייזט אָן אין צווייטן ווינקל פון זאַל, וואו עס זיצט אבא אבן, אַ מיטרייזנדער אין אונדזער עראָפּלאַן. — איר מעגט אַביסל זיין צוריקגעהאַלטן מיט אייער קריטיק, איר שטעלט אים אין אַ פאַרלעגנהייט. און — צוריקגערעדט — איר פאַרט דאָך איצט אַהין, איז אפשר אַ יושר צוצוואַרטן און אַליין זען מיט אייגענע אויגן... דורכן מיקראָפאָן דערהערט זיך אַ רוף צוריקצוגיין צום עראָפּלאַן.

אין פּאַריז און צוריך, וואו דער עראָפּלאַן האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט אויף אַ קורצן איבעררייס, האָט זיך איבערגעחזרט די זעלביקע העפלעכע אויפנאַמע. אומעטום זענען עס געווען יונגע

פּרויען־באַאַמטע, וואָס האָבן אונדז באַגריסט פריינטלעך און אין אַ פּליסיקן ענגליש. בלויז אין רוים האָט זיך אַלץ געביטן. דאָרט האָט זיך אויפגעפּראַלט די טיר און ס'האָט זיך אַריינגעריסן אַ צע־טומלטער פּאָליציסט און עפּעס שנעל אָנגעהויבן רעדן אין איטאַ־ליעניש. דער עולם איז געוואָרן איבערראַשט פון דער דאָזיקער באַ־געגעניש. מ'האָט פון אַלע האַסטיקע רייד בלויז פאַרשטאַנען איין וואָרט — פּאַספּאָרטאָ... אָן חשק האָט מען זיך גענומען אַרויסקריגן די פּאַספּאָרטן, וועלכע דער פּאָליציסט האָט צוגענומען און שנעל אַרויס פון עראָפּלאַן. וואָס פאַרא געשעפטן האָט ער מיט אונד־זערע פּאַספּאָרטן? מיר זענען דען געקומען אַהער זיך דאָ צו באַ־זעצן? דער קאַפּיטאַן, וואָס האָט זיך פון דערווייטנס צוגעקוקט צו דער סצענע, פּרוּוט איינשטילן דעם עולם. — דאָס זענען זיי אַלע אַזוי, די איטאַליענישע באַאַמטע, שטענדיק צעטומלט און נישט העפלעך. נישקשה, ער מיינט נישט קיין שלעכטס, איך קען זיי גוט, איך באַגעגן זיך שטענדיק דאָ מיט אַזעלכע סצענעס.

פאַרן אָפּפליען פון רוים האָבן מיר אַלע צוריקבאַקומען די פּאַספּאָרטן. דער עולם האָט גערן פאַרלאָזט דאָס אומפריינטלעכע רוימישע לופט־פעלד אויף וועלכן עס זענען נאָך אַלץ אַרומגעלאָפן פּאָליציסטן און גענישטערט און נאָכגעקוקט מיט חשד יעדן איינעם פון די פּאַסאַזשירן.

אונדזער עראָפּלאַן טראָגט זיך איצט ווידער הויך אין די הימלען. פון דערווייטנס שפּיגלען זיך שוין די כוואַליעס פון מיטל־לענדישן ים. מיר פליען דירעקט קיין לוד. דער עולם, וואָס האָט זיך שוין געהאַט צוגעוואוינט צום פליען, ווערט ווידער אומרו־איק. מ'קוקט אין די פענצטערלעך, מ'זוכט אַ סימן פון ארץ־ישראל־דיקן ברעג... לאַנג פאַרן אָנקומען קיין ארץ־ישראל זענען שוין אַלע געווען איינגעפּאַקט און גרייט צום אַראָפּגיין. פּלוצלונג — אַ גערודער, אָט איז עס, מיר פליען אַריבער דעם לעצטן שפּאַן וואַ־סער און מיר זענען איבערן לאַנד. אָט איז דער שפּיץ פון כרמל און דער רונדיקער ברעג, וואָס ענדיקט זיך ביי עכו, פון ביידע זייטן עראָפּלאַנען ישובים מיט כאַראַקטעריסטישע ליכט און וואַסער טורעמס.

ביים אָנקומען קיין לוד האָבן מיר באַמערקט אַ גרופּע יידישע באַאַמטע, וואָס איז געשטאַנען אויסגעשטעלט אין אַ גלייכער שורה, גלייך ווי זיי וואָלטן געווען אַן ערן־קאָמיטעט, וואָס איז אונדז גע־קומען מקבל־פּנים זיין. אין עראָפּלאַן איז אַריין אַ חנעוודיק יידיש

מײדל, אַנגעטאָן אין אוניפאָרם פון לופט־פליער. פריער זאָגט זי עטלעכע װערטער אין ענגליש און גלייך גייט זי איבער אויף העברעאיש. זי באַגריסט אונדז און גיט אָנװייזונגען װי אַזוי זיך אויפצופירן מיטן באַגאַזש און דאָקומענטן. אַלע שײנען פון גליק, ארץ־ישראל באַגעגנט אונדז מיט אַ ליכטיקן פנים. די באַאַמטע, װאָס האָבן אונדז אָפּגעװאַרט, װײַזן דעם װעג װאוהין צו גײן און די אַרבעטער פון לופט־פעלד נעמען זיך אַריבערפירן אונדזער באַגאַזש אין די צימערן פון צאָל־אַמט. פון דערװייטנס שטײען פריינט און קרובים, װאָס פאָכן מיט די הענט און שיקן צו אונדז לופט־קושן. מיר קענען זיך נאָך אָבער צו זיי נישט דערנענטערן, מיר מוזן פריער דורכגײן די גרענעץ־קאָנטראָל.

◆

תל־אביבער

טיפּן און סצענעס

תל־אביב גיט נאָך נישט קיין בילד פון ארץ־ישראל, אַ סך ווינציקער ווי ניו־יאָרק למשל רעפּרעזענטירט גאַנץ אַמעריקע. פונ־דעסטוועגן האָט אויך תל־אביב אייגנשאַפטן, וואָס זענען שותפיש פאַרן גאַנצן לאַנד. דאָס לאַנד איז רייך אין די פאַרשידנסטע טיפּן יידן פון דער גאַנצער וועלט, און תל־אביב איז אַ קליינע מיניאַטור פון אָט דער יידישער „ראַסן און טיפּן" צונויפזאַמלונג.

אַ ייד אין אַמעריקע, אפילו פון אימיגראַנטן דור, האָט שוין באַלד אַנגעהויבן פאַרגעסן דאָס כאַראַקטעריסטישע פּרצוף פונעם אַלטן שטעטל, די פּנימער, הלבשה און טיפּן וואָס פלעגן געבן באַזונדערן קאָליר דעם יידישן ישוב פון מזרח־אייראָפּע. איצט, ווען ס'יידישע שטעטל אין אייראָפּע איז אָפּגעווישט, איז ארץ־ישראל דאָס איינציקע לאַנד, וואו מען טרעפט נאָך די סימנים און איבערבלייבעכצן פון יענע ישובים. און ווייל ארץ ישראל איז נאָך דערצו אַ קיבוץ גליות מיט עדות און טיפּן פון אַלע יידישע תפו־צות, איז דאָס בילד זייער רייך און פאַרכאַפּנדיק.

ס'איז אַ מיטן וואָכעדיקער טאָג אין תל־אביב. פון אַרום פינף אַזייגער נאָכמיטאָג אָן ווערט אלענבי גאַס אָנגעפּראָפּט מיט מענטשן. מ'איילט זיך אַהיים פון דער אַרבעט. לאַנגע רייען שטייען אין תור אַריינצוגיין אין אויטאָבוס, מ'לויפט עפּעס איינקויפן פאַר דער היים. עס יאָגן זיך פוסגייער, מ'פאָרט אויף בייסיקלעך, ס'לויפן אוי־טאָמאָבילן, וואָס דרייען זיך קונציק צו געפינען אַ וועג דורכצופאָרן. אין מיטן טומל רייסט זיך אַ קליין אייזעלע דורך דער גרויס־שטאָטישער געדיכטעניש. אַ יידישער פּעדלער האָט עס איינ־געשפּאַנט דאָס אייזעלע, ער פירט אַרום נאָפט צו פאַרקויפן. און וועלכע באַלעבאָסטע אין ארץ ישראל קען עס אויסקומען אָן אַ קווערטל נאָפט? דאָס איז דאָך די „ענערגיע" מיט וועלכער עס ווערט געטריבן די קיך־ווירטשאַפט אין כמעט יעדער וואוינונג. דאָס איז דער ברען־שטאָף פון אַלט־באַקאַנטן פּרימוס אויף וועלכן עס ווערן צוגעגרייט די מאָלצייטן פאַר די שווער־האָרעוונדיקע ארץ־ישראלדיקע אַרבעט־מענטשן. נאָפט, אָדער „נעפט", ווי מ'רופט עס דאָרט, איז אויך די דיזענפעקציע פאַר כל המינים אינזעקטן

און פֿליגעלעך וואָס לויפֿן זיך צונויף הונגעריקע ווי אַ הײשעריק אַזוי גיך, ווי מען דערשמעקט נאָר עפּעס אַ ברעקעלע, אַ זיס פּאַ־פּירעלע פֿון אַ שאָקאָלאַד אַ קרישקעלע ברויט. חמרים גאַנצע לויפֿן זיי זיך אָן, דו ווייסט נישט פֿון וואַנען זיי האָבן זיך גענומען. זע־נען דאָך די דילן פֿון בעטאָן, די ווענט אַזוי ליכטיק און די צימערן מיט אַזוי ווינציק מעבל. דאָך האָבן זיי זיך פֿון ערגעץ פֿאַרקליבן און ס׳איז געוואָרן לעבעדיק ווי אין אַ מוראַשקע נעסט. דערזען אַזאַ חתונה, פֿאַרלירט זיך נישט די באַלעבאָסטע, זי גייט רואיק צו צום ווינקעלע, וואו עס שטייען פֿלעשער און פֿלעשלעך מיט נאַפֿט, בענזין און אַנדערע אַזעלכע „אומשעדלעכע" ברען־זאַכן, נעמט אַ פֿלעשל און גיט אַ כליאַפּ אַרויף אויף די אומגעבעטענע געסט. באַלד ווערן זיי ווי פֿאַרשיכורט, פֿויל און וואַקלדיק, אַזוי אַז מ׳קאָן זיי אויסקערן און אַרויסוואַרפֿן. נעפּט, נעפּט — רופֿט דער יידישער פּעדלער, און פּלוצלונג צעשרייט זיך דאָס קליינ־טשיקע איזעלע מיט אַזאַ מוראדיקן מדבר געיאָמער, אַז דו וואונ־דערסט זיך פֿונוואַנען עס נעמט זיך אַזאַ ביזע גבורה צו אָט־דעם נעבעכדיקן באַשעפֿעניש.

אין מיטן גרויסן טומל דערגייט צום אויער אַ נאָגנדיקער, פֿאַרבענקטער ניגון. טוסט אַ קוק — דאָס זינגט אַ גאַסן־בעטלער און באַגלייט זיך אַליין אויף אַ פֿידעלע. פֿאַרלייגט די פֿיס אונטער זיך, אויפֿן אַריענטאַלן שטייגער, זיצט ער, דער בלינדער תימנער, אויף דער טומלדיקער אַלענבי גאַס, נישט ווייט פֿון רחוב ביאַליק. לעבן אים עפּעס אַן אַלטע בלעך, מסתמא אויך פֿון נאַפֿט, מיט אַ לייקע אין דער הייך דורך וועלכער אַריינצווואַרפֿן נדבות. און נישט ער זינגט, נאָר ער איז מתפלל מיט ברען און התלהבות. און ס׳ציקלט זיך דאָס קול מיט תחנונים און בענקשאַפֿט: ירושלים — עיר הקדושה, ירושלים — עיר העתיקה... זיין אקצענט איז שאַרף, ער ברענגט אַרויס איטלעכס וואָרט מיט פֿרומער פּולקייט, זיין קול קלאָר און מוזיקאַליש זיס. דאַכט זיך, אַז ער זינגט דאָס צו זיך אַליין, אַז ער פֿאַרגייט זיך אין אייגענער, נשמהדיקער פֿאַר־חלומטקייט. און אָט האָט דאָס פֿידעלע זיך אַריבערגעכאַפּט איבער זיין קול, דרייט ער אויס דעם קאָפּ, נייגט צו טיף דאָס אויער און הערט זיך איין צום „ענטפֿער" פֿון זיין אייגענער פֿידל. מענטשן רייסן זיך אַרויס פֿון טומלדיקן געלאָף, צוגעצויגן פֿון דעם מאָד־נעם גאַסן־בעטלער. אָט שטעלט זיך אָפּ אַ יינגעלע פֿון שול־על־טער, שטעלט זיך פּונקט קעגן אים און קוקט אים נאָענט אַריין אין

פנים און אין די בלינדע אויגן. וועט ער „אויפוועקן" דעם התלה־בותדיקן גאָטן־זינגער? וועט ער כאַטש אַ פינטל טאָן מיט אַן אויג... פון צייט צו צייט הערט זך אַ טעמפּער קלאַפּ אין דער לייקע, דאָס האָט אַ פאַרבייגייער אַריינגעוואָרפן אַ פּרוטה, אַ פּיאַסטער. פון דערוויטנס שטעכן דיך דורך קנאה און רחמנות בליקן פון אַנדערע בעטלער. יענע זענען שטילע, קענען בלויז אויסשטרעקן אַ שטומע האַנט. ווער וועט זיך אויף זיי אומקוקן? ווער וועט זיך צו־ליב זיי אָפּשטעלן אין אייליקן געלויף...

האָסט זיך נאָך נישט באַוויזן צו דערווייטערן פון אַ גרופּע אָריענטאַליש־יידישע בעטלער, ווי ס'קומט דיר אַנטקעגן אַ שלאַנ־קער, הויכער פאַרשוין, עפּעס אַ פּרעמיער מיניסטער מיט אַ צי־לינדער און מיט אַ צוגעקלעפּטער, אַריסטאָקראַטישער באָרד. אָט גייט ער — דאַכט זיך — איינלאַדן אַ דאַמע צום טאַנץ, פאַר־נייגט זיך שטאָלץ און זיכער, עלאַסטיש און עלעגאַנט. קעמעלדיך פאַרקויפּט ער, און בענדלעך אַזעלכע קאָלירטע. ווי קענסטו זיך נישט אָפּשטעלן, ער האָט דאָך ספּעציעל צוליב דיר פאַרלאָזן זיין פּאַלאַץ, אויפגעגעבן אַלע זיינע מלוכהשע געשעפטן — ווי קענסטו זיך נישט אָפּשטעלן...

און אָט שטופּט זיך צווישן עולם אַ נידעריקער ייד פול באַלאָדן מיט אַלטע, געניצטע בגדים. די היץ ברענט, מ'קאָן קוים טראָגן אויף זיך דאָס דינע העמדל מיט די קורצע הייזלעך. ער איז באַלאָדן פון קאָפּ ביז די פיס מיט כלערליי העמדער און רעקלעך, הויזן און רעגן מאַנטלען. עס שטעלן זיך אָפּ עפּעס צוויי יונגע „שפּאַניער", אמתע „שקצים", קיין סימן נישט פון קיין יידישער צורה, אָבער רעדן העברעאיש מיט פּתחן ווי אַ וואַסער. שוין מעסט מען אָן רעקלעך אין מיטן גאַס, מ'הייבט זיך אָן דינגען אויפן קול, מ'ווערט כלומרשט בייז, מען מאַכט עטלעכע טריט אויף אַוועקצו־גיין און גלייך בעט מען זיך איבער און ס'ווערט געשלאָסן אַ מסחר.

נישט ווייט פון דאָרט שטייען יידן און לייענען אַרויסגעהאַנ־גענע צייטונגען מיט פאַרשידענע נעמען און קעפּלעך. מ'לייענט מיט אַזאַ ערנסט און נייגעריקייט גלייך עס וואָלט ערשט נאָר וואָס דערקלערט געוואָרן די דריטע וועלט־מלחמה. איבער די קעפּ שרפהט די נאַקעטע תל־אביבער זון, אָבער קיינעם, ווייזט אויס, גייט עס נישט אָן. גוט איז בלויז דעם פרומען יונגעמאַן, וואָס טראָגט דאָ פראַנק און פריי זיין יאַרמלקע (אַ קאַפּעלוש איז צו הייס).

ער קאָן זיך שטײן און לײענען אומזיסט אַלע צײטונגען, דאַרף זיך נישט כאַפּן אַלע װײַלע פֿאַרן אָנגעהיצטן קאָפּ, אַזױ װי עס טוען די פֿרײַע, די אַפּיקורסים. עס שטעלט זיך אָפּ אַ טעקסי פֿון „שרות", אַז עס שטײען אַזױפֿיל ייִדן, װײַל דאָך עמיצער מסתמא ערגעץ צופֿאָרן. כמה װיפֿל קאָסט עס? װאָס? דרײַסיק פּיאַסטער? איך האָב פֿאַרגעסן, אַז מ'טאָר נישט באַרײַסן! נישקשה, ס'איז ברוך השם דאָ אַ צנע מיט פּרײַזן... ר' ייִד, צנע־שמענא, ס'קאָסט דרײַסיק פּיאַסטער און שלום, נישטאָ זיך מיט װעמען צו קריגן, אױס „שרות", נישטאָ די טעקסי, אַװעקגעפֿלױגן.

— װאו גײט מען דאָ צום פּאַרלאַמענט? איר מײנט צום אמתן פּאַרלאַמענט, אָדער צו דער כנסת? װאָס הײסט, ס'איז דען דאָ נאָך אַ פּאַרלאַמענט חוץ דער כנסת? אַװדאַי און טאַקע אַן אמתער. װי לאַנג זענט איר אין לאַנד? מסתמא נאָר־װאָס געקומען. אָט גײט זיך אָקאָרשט דורך אָט־דאָ גלײַך אַראָפּ, ביז שדרות רוטשילד און איר װעט אים שױן געפֿינען. זײַנע זיצונגען קומען פֿאָר רעגלמעסיק יעדן אָװנט, און װערן באַזוכט פֿון אַלע קלאַסן פֿון דער באַפֿעלקערונג. דאָרט, װאו שדרות רוטשילד שנײַדט דורך אלענבי, אינעם סאַמע טומל פֿון תל־אביבער „דאון טאון", שטײען גרופּעס מענטשן און היצן זיך אױפֿן קול. עס רעדן אָנהענגער פֿון דער רעגירונג און קעגנער. — בן־גוריון װיל אָנטאָן אַ יאַרמלקע דעם גאַנצן ישוב, ער האָט זיך פֿאַרבונדן מיט מזרחי און באַלד װעט מען אונדז אַלע איבערקוקן די ציצית — טענהט אײנער. אָט דאַכט זיך אַן אומשולדיקע זאַך, דערמאָנט זיך װי מ'האָט דורכגעפֿירט די פֿאָלקס־צײלונג. דאָרט איז געװען אַ פֿראַגע צו װעלכער רעליגיע מען באַלאַנגט. געהערט אַ מעשה? גלײַך עס װאָלטן געװען ייִדישע טערקן... ס'האָט נישט געהאָלפֿן — טענהט דער הױפּט־רעדנער — װאָס די מפּ"ם האָט פֿאַרלאַנגט מ'זאָל אינגאַנצן אַרױסנעמען די דאָזיקע פֿראַגע. דער מחותן פֿון מפּא"י, מזרחי, האָט געהאַט אַ גוטן חשבון. װעלכער ייִד װעט עס זיך אַװעקשטעלן אין מיטן גאַס שרײַען: „כ'בין אַ טערק!" װעט מען דערנאָך קענען זאָגן — אַהאַ, האָבן מיר אײַך דען נישט געזאָגט, אַז אַלע ייִדן זענען ברוך השם פֿרומע ייִדן! דערפֿאַר דאַרף מען באַשטימען גרעסערע סובסידיעס פֿאַר די מזרחישע אינסטיטוציעס... אַן אָנהענגער פֿון מפּא"י פּרואװט נעמען אַ װאָרט צו פֿאַרטײדיקן די רעגירונג. — װער האָט דען געשטערט אײַך, מפּ"מניקעס, אַרײַנצוגײן אין דער רעגירונג, דאָרט האָבן אַ דעה און טאַקע טראָגן אחריות, איצט

זענט איר גאַנצע חכמים. ווער האָט געשטערט? רייסט זיך אַריין אַ בייזע שטימע פון אַ נייעם עולה, פרעגט איער בן־גוריונען, ער דאַרף זיין באַקאַנט מיט דעם ענין... אַ קאָמוניסט, וואָס איז ביז איצט געשטאַנען און געוואַרט אויף אַ פּאַסיקן מאָמענט, רייסט זיך דורך אין צענטער און הייבט אָן מיט אַ רואיקן טאָן און אין אַ פּליסיקן העברעאיש — אַז ווער זענען זיי דען אַלע אין דער רעגירונג, אַז סך־הכל זענען דאָך די מערסטע פון זיי געווען קעגן אַ ידישער מלוכה אויפן לעצטן ציוניסטישן קאָנגרעס. ווען נישט דער סאָוועטן פאַרבאַנד, וואָלטן זיי דען געהאַט מיט וועמען צו גיין צום טיש...

דער עולם ווערט וואָס אַמאָל גרעסער און גרעסער, אַ ידישער פּאָליסמאַן, אַ שוטר, שטעלט זיך אַפּ אויף אַ ווילע, קוקט זיך אַרום צי אַלץ איז אין אָרדענונג און גייט ווייטער זיין וועג. דער „אמתער" פּאַרלאַמענט האַלט אַפּ אַ געווינלעכע זיצונג...

ליכט און שאָטן

דאָס יידישע פּנים פון אַמעריקע — איז שוין קלאָר אויסגע־פורעמט מיט אַלע שטריכן און אייגנשאַפטן? דער כאַראַקטער פון יידישן לעבן אין אַמעריקע — איז ער שוין פאַרענדיקט און פעסט־געשטעלט? און מיר האָבן דאָך שוין אַ יידישע געשיכטע דאָ, מיר פייערן דאָך שוין יובלען פון איינגעפונדעוועטע אינסטיטוציעס און באַוועגונגען. נאָך אַלץ צו יונג דער יידישער ישוב אין אַמעריקע כדי צו קענען מיט זיכערקייט רעדן וועגן אַ נאַציאָנאַלן פּרצוף און כאַראַקטער. מכל־שכן נאָך ארץ־ישראל, וואָס איז ערשט דאָ נעכטן־אייערנעכטן געוואָרן אַ לאַנד פון אַ יידישער מאַסן־אימי־גראַציע. דאָ זעט מען נאָך די סימנים פון דער „אַלטער היים" אויף שריט און טריט. דאָ האָבן גרויסע מאַסן נאָך נישט אָפּגעווישט דעם „היימישן" שטויב פון זייערע שיך (און אַמאָל אויך פון די נשמות), דאָ ראַנגלען זיך די שאַרפסטע און בולטסטע נטיות פון „עבדות" מיט מעכטיקע כוחות, וואָס רייסן זיך צו "חרות". זינט ס׳האָט זיך אויף אונדזער צונג ס׳ערשטע מאָל באַוויזן דער אויס־דרוק „גלות ייד" איז ער נאָך נישט אַזוי שאַרף דעמאַנסטרירט געוואָרן און אַזוי גראָטעסק אויסגעטיילט געוואָרן ווי דווקא אין לעבן און אויף די גאַסן פון ישראל. און קיין וואונדער נישט — פון אין זייט יידישע אויפטוען פון וועלכע דורות האָבן קוים גע־קענט חלומען, ס׳האָבן זיך אויפגעריסן קוואַלן פון נאַציאָנאַלער ענערגיע און וויזיע, און פון דער צווייטער זייט — אַזויפיל ירו־שות פון „נעכטן", אַזויפיל געוואוינהייטן פון אמתן גלות.

מילא די דייטשישע יידן, זיי זענען שוין געוואָרן די קלאַ־סישע רעפּרעזענטאַנטן פון די, וואָס קלאַמערן זיך נאָך אַלץ אָן דער פרעמדער שפּראַך און האָבן נישט קיין חשק און קיין פעאיקייט זיך צו פאַרקניפּן מיטן גייסטיקן לעבן פון יידישן ישוב. איז וועגן זיי ווייסט מען כאָטש, אַז זיי זענען געווען לכתחילה „גרינטלעך" אַסימילירט און אָפּגעריסן פון שעפערישן יידישן פאָלקס שאַפן און פאָלקס־לעבן. אַ שווערן איינדרוק מאַכן אָבער די גרויסע צאָלן יידן, וואָס טראָגן מיט זיך דעם סווישטשענדיקן קלאַנג פון פויליש און פּילן אָן די לופט פון יידישע גאַסן מיט דער שפּראַך פון פוי־לישן אומקום־לאַנד. און נישט וועגן נאַר־וואָס געקומענע רעדט זיך דאָ, חלילה. עס געפינען זיך אין לאַנד קרייזן, וואָס זענען שוין פון לאַנג תושבים, וואָס באַנוצן זיך פריי מיט העבעראיש — און

אַוודאַי מיט יידיש — ווען די „נויט" פאָדערט עס, אָבער אין פרייען פאַרקער און אין געזעלשאַפטלעכע באַגעגענישן יחוסט מען זיך נאָך אַלץ מיט דער שפּראַך פון „העכערער" קולטור און הערשנ־דיקער מאַכט...

אַט גייען מיר אַ גרופּע פריינט צום הר־הרצל. ס׳איז אַ שבת נאָכמיטאָג אין ירושלים. הונדערטער זענען אַרויס הינטערן שטאָט און שפּאַצירן נחתדיק אויף אַלע וועגן. איז דאָך דאָס אַליין אַ יידישע אַנטפּלעקונג, אַ קליינינקייט, אַזאַ האַרציקער יידישער מנהג, דער שבתדיקער שפּאַציר מיט משפחה, מיט קינדער, מיט פריינט. פון אַלע זייטן די כאַראַקטעריסטישע ירושלימער פּאַנאָראַמע מיט אירע בערג און טאָלן, געשלענגלטע וועגן און קאַפּריזנע דורכגענג. און עס צערעדט זיך מיט געזונטן שטאָלץ איינער פון אונדזער גרופּע, אַן איינגעזעסענער שוין פון יאָרן: אַ הייליק לאַנד איז אונד־זער לאַנד, און הייליק איז ירושלים פון דור־דורות. יעדער דור פאַר־פלאַנצט דאָ זיין הייליקן בוים, יעדער דור שטעלט דאָ אויף זיין מזבח. צו די אַלטע הייליקייטן, וואָס זענען דערגאַנגען צו אונדז, דורך פּסוקים פון נביאים, דורך זכרונות פון ליידן און גבורה קומען צו נייע. אויך אונדזער מענטש, דער יידישער אַרבעטער און חלוץ, האָט שוין דאָ צוגעגעבן זיין חלק קדושה, שוין געבויט זיינע בתי־מקדש. מיר האָבן צוגעשריבן צו דער אַלטער יחוס־מגילה די קאַ־פּיטלען פון בילו און צווייטער עליה. מיר האָבן געפּלאַסטערט דעם וועג פאַר נייע עולי רגל קיין דגניה. און אויב אַמאָליגע דורות פלעגן זיך פאַרגיין אין טרערן און אין בענקשאַפט ביים דערמאָנען ירו־שלים, וועלן די הערצער פון אונדזערע קינדער אויפציטערן ביים הערן די מעשיות וועגן די מעשים פון מעפּילים, וועגן דער פאַר־טיידיקונג פון נגבה און וועגן דער גבורה, וואָס האָט אויפגעבליט אין אונדזערע טעג אויף די וועגן פון ירושלים. און דער נייער קבר, דער הרצל־קבר דאָרט אויפן באַרג וועט אַוודאַי ווערן אַ היי־ליקייט צו וועלכער ס׳וועלן זיך ציען יונג און אַלט, בלייבן שטיין דאָרט פאַרטראַכט און מיטוועבן דעם גרויסן הרצל־חלום פון נעכטן און פון מאָרגן...

אַזוי רעדט איינער פון אונדזער גרופּע אויף וועמען ס׳האָט פלוצים אַ שייך געטאָן די שכינה פון דעם אויפגייענדיקן נייעם יידישן לעבן אין ישראל. מיר האָבן אַלע געשוויגן, מיטגעטריסן מיט די פליגל פון זיינע רייד. און פלוצים האָט אַ מיטגייערין, אַ מיטל־יאָריקע פרוי, זיך אָפּגערופן אין אַ פּריצישן פויליש מיט אַלע

קליפּערלעך: „שוויאנטיניא נאוואַ פּאַוסאַיעַ דליאַ נאַשעי מלאָד־זשעזשי, שוויאנטיניא סנאַוואָוו אַי זאַדומאַניאַ"... מיר זענען געבליבן פאַרגליווערט פון דעם שניט און איבעררייס פון חלום... און נישט קיין ניי־געקומענע האָט זיך דאָ אַזוי „גימנאַזיסטיש", פּויליש־מיצ־קעוויטשיש צערעדט. מיין פריינט דערקלערט מיר, אַז די וואָס רעדט אַזוי פּויליש אויף די בערג פון ירושלים איז שוין אין לאַנד 18 יאָר. דאָס רעדט נאָך אַלץ יענע קליינשטעטלדיקע אינטעליגענטקע, וואָס האַלט זיך נאָך פעסט ביי די פאַלעס פון פּויליש־יחוס אפילו, ווען זי גייט אין שאָטן פון יידישער אייביקייט, פון גרויסן יידישן חלום און ווירקלעכקייט.

אין חיפה און אין תל־אביב, אין די גאַסן און אין די אויטאָבוסן, אין די רעסטאָראַנען און אין די רייען ביים קויפן בילעטן צום טעאַטער, אומעטום שניידט דורך די לופט דער קלאַנג פון פרעמדע שפּראַכן, באַרימעריש און אַרויסרופנדיק. און צווישן זיי טיילן זיך אויס מיט אַ באַזונדערן „חן" פון עקשנות — דייטש און פּויליש... און עס באַפאַלן דיך אומעטיקע מחשבות וועגן יענער אומגליקלעכער באַצייכענונג: „גלות־ייד". ווייזט אויס, אַז נאָך לאַנג און ווייט איבער די גרענעצן פון גלות גייט מיט יענע השפעה, וואָס מאַכט אַזוי לעכערלעך און נאַריש און חוזקט אויס אונדזער איינ־רעדעניש, אַז מ'קען אַזוי איינס און צוויי פטור ווערן פון געוויסע ירושות... עס הייבט מיר אָן קלאָר ווערן, אַז אַ סך דערשיינונגען וואָס כ'האָב פריער געמיינט, אַז זיי ווייזן אויף אַ ברייטן, אינ־טערנאַציאָנאַלן קולטור־אינטערעס, קענען אפשר אויך עפּעס האָבן צו טאָן מיט אָט־דעם „גלות" חן־גריבעלע, וואָס מערקט זיך דאָ אויף אַ סך פנימער און אין אַ סך געזעלשאַפטלעכע פירונגען. די פייערונגען פון געטע, פושקין און מיצקעוויטש, וואָס זענען גראָד דעמאָלט דורכגעפירט געוואָרן מיט זייער אַ גרויסן באַזוך, האָבן מסתמא טיילוויז אַ געוויסע שייכות מיט אָט־די זאַכן פון ליכט און שאָטן אין נייעם ישראל.

און אָט איז נאָך אַ שפּיל פון ליכט און שאָטן. ס'איז אַ גרויסע דערפרישונג זיך צוצוקוקן צו די קינדער פון לאַנד, אין שטאָט און אין דאָרף. אָבער לאָמיר אַ מינוט זיך אָפּשטעלן ווידער אין ירושלים, דאָ וואוינען די ברידערלעך און שוועסטערלעך פון די באַרימטע שאַרפע קעפּלעך. אויך זיי זענען קלוג, אויך זיי ענטפערן שאַרף און ערנסט. דאָרט באַרג אַראָפּ, פאַרביי דער שכונה פון שערי שמים, דורך די שמאָלע געסלעך אַרום רחוב ירושלים, ציען זיך

שבת נאָך מיטאָג גאַנצע חברותאס פֿון קינדער צו דעם לײדיקן פּלאַץ צופֿוסנס פֿון בערג. מ׳לויפֿט, מ׳רעדט הויך אין אַ פּערלדיקן, נאַטירלעכן און קינדערשן העברעאיש. אָט קריגט מען זיך און אָט בעט מען זיך איבער, אָבער דער עיקר — מען שפּילט זיך לעבעדיק און באַװעגלעך. און די היציקע שפּילן זײערע זענען שטאַרק באַהויכט מיט די נאָענטע מלחמה־זכרונות. אָט לויפֿט אַ חברהמאַן, אײנגאַנצן אַרום נײַן יאָר אַלט, ער האָט צוגעבונדן אַן „עראָפּלאַן־פֿליגל״ צו אַ לאַנגן שטריקל. אָט פֿליט שוין דער „שונא״ איבער די קעפּ, מען מוז אים אַרונטערשיסן. חברה שטעלן זיך אויס, יעדער באַוואָפֿנט מיט דרײַ שטײנדלעך. דרײַ מאָל מעג ער שיסן און אויב ער טרעפֿט נישט קײן אײן מאָל פֿון די דרײַ מוז ער אַרויס פֿון שפּיל. װי לעבעדיק זײ שפּילן, װי פֿלינק זײ באַװעגן זיך און װי קינדעריש ערנסט זײ פֿאַרגעסן, אַז ס׳איז בלויז אַ שפּיל און װערן צעהיצט פֿון דער מלחמה פֿאַר ירושלים... אַ נחת װידער צו זען אונדזער קלײנװאַרג פֿאַרברענגען דעם שבת נאָך מיטאָג אַזוי װי זײערע אַמאָליקע ברידערלעך אין די שטעט און שטעטלעך פֿון מענדעלע, שלום עליכם און פּרץ. אמת, יענע האָבן מורא געהאַט פֿאַר אַ הינטל און די זענען „דערפֿאַרענע״ קעמפֿערס, אָבער ס׳איז פּאַרט דער המשך פֿון יענעם שבת נאָך מיטאָג. איך טרעף זיך אָפֿט מיט אָט־די קינדער, טײל זענען שוין געװאָרן מײַנע „פֿרײַנט״ און האָבן זיך געלאָזן פֿאָטאָגראַפֿירן, מיך גערופֿן הדוד מאמריקה און מיר דערצײלט װעגן זײערע שולן און זײערע לערערס.

כ׳האָב אָפּטמאָל באַמערקט, אַז כאָטש דאָס זענען קינדער װי אַלע קינדער, ליגט דאָך עפּעס באַהאַלטן טיף אין זײערע נשמות אַן איבערגעטריבענע ערנסטקײט, װאָס שפּרינגט פּלוצים אַרויס פֿון די קינדערשע אויגן, גלײַך זײער פֿריערדיקע גאַאיװיטעט װאָלט בלויז געװען אַן אָנשטעל. װען איך פֿרעג זײ פֿאַר מײַן אָװעקפֿאָרן צי זײ װאָלטן געװאָלט מיט מיר מיטפֿאָרן זען אַמעריקע, ענטפֿערן אַלע אין קינדערשער התפּעלות — כן, אנחנו רוצים לנסוע לאמריקה, אנחנו רוצים. װען איך קלער זײ אָבער אויף, אַז זײ װעלן דאָך נישט קענען אַלײן צוריקפֿאָרן אַזאַ לאַנגן װעג און איבער אַזאַ טיפֿן ים, בלײַבן אַלע שטײן טיף פֿאַרטראַכט, לאָזן אַראָפּ די קעפּלעך און — נאָך אַ קורצן שװײַגן — רופֿט זיך אָפּ אײנער, אַן אַכט־גײן יאָריגער בזו הלשון: לראות את אמריקה — כן, אבל לעזוב את המולדת — לא... און דו בלײַבסט צעטומלט פֿון אָט־דעם

ענטפֿער פֿון דעם יידישן ייִנגעלע פון ירושלים. פֿון וואַנען נעמט זיך עס אַזאַ „אַלט״ לשון אין דעם מויל פֿון אַ קינד? ווער האָט עס ביי אים צוגענומען זיין קינדערשן חן, וועלכע ביטערע דערפֿאַרונגען און השפעות האָבן אים פֿאַר דער צייט פֿאַרעלטערט און פֿאַרשאָטנט זיין שיינע ליכטיקייט? ווען איך האָב שפעטער וועגן דעם איבערגערעדט מיט אַן אַלטן לערער, האָט ער מיך אויסגעהערט מיט אַן אומעטיקן שמייכל אויפֿן פנים. — איר רעדט וועגן קינדערשער פרייד סתם אין דער וועלט אַריין, האָט ער מיט צוריקגעהאַלטענעם פֿאַרוואורף צו מיר געזאָגט. אויך אונדזערע קינדער האָבן זייער פרייד. און אויב עס רייסן זיך דורך אַזעלכע טענער, האָבן מיר דאָס באַוואוסטזיניק אין זיי איינגעפלאַנצט. מיר קענען זיך נישט פֿאַרגינען דעם לוקסוס פון סתם שפילן זיך. מיר דאַרפֿן די קינדער אין אונדזער קאַמף מיט רויער נאַטור און אַמאָל אויך אינעם פשוטן קאַמף פֿאַר לעבן און היטן די פּאָזיציעס פון אונדזער פֿאָלק... מיר דאַרפֿן ערנסטע קינדער און נישט קיין שאָטנס זענען דאָס, נאָר בלויז ליכטיקייט. אַזוי האָט גערעדט מיין פריינט, דער אַלטער לערער פון יידישע קינדער אין ארץ ישראל.

צוריק אַן עם הספר

„נאָך מער, ווי דאָס פֿאָלק האָט אָפּגעהיטן דעם שבת, האָט דער שבת אָפּגעהיטן דאָס פֿאָלק״. — אַ קלאַסישע טיפּזיניקע באַמערקונג פֿון ידישן דענקער און פֿיליזאָפֿישן פֿאָרשער, פֿון אחד העם. דאָ, אין ישראל, האָט דער שבת ווידער אויפֿגעלויכטן אין זיין גאַנצער פּראַכט און זאַפטיקן אינהאַלט. דער רוב פֿון ישוב, דער עיקר אין זיין פּיאָנערישער טייל, באַשטייט דאָך פֿון מענטשן, וואָס האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט וויסן און אידעאַלן, חלומות און קולטור־געוואוינהייטן. וואָלטן מסתמא די אַלע שיינע זאַכן אויסגעוועפּט געוואָרן אין געראַנגל פֿאַרן לעבן, אין אומגעדולד פֿון איינוואָרצלען זיך אין אַ נייעם שטיינערנעם באָדן. אַזעלכע זאַכן זענען דאָך קיין נייעס נישט אפֿילו אין לענדער מיט לייכטערע צופּאַסונג־באַדינגונגען. אַזעלכע דערשיינונגען האָבן זיך דאָך אַזוי בולט אַרויסגעוויזן אין דעם גאַנג פֿון אימיגראַנטישן ידישן דור פֿון אַמעריקע. דאָ, אין ארץ־ישראל, איז אָבער געקומען דער שבת און האָט זיך אָוועקגעשטעלט ווי דער שומר פֿון דעם גרעסטן אוצר פֿון עם־הספֿר, פֿון זיין גייסטיקער ירושה.

זעלטן־ווען טרעפֿט מען אַ ידיש הויז אין ארץ־ישראל אָן אַ ספֿר; און נישט נאָר ביי לומדים און אינטעליגענטן. ביי דעם אָנגעשטעלטן פֿון תנובה, ביים חבר פֿון „אגד״, וואָס זיצט אַ גאַנצע וואָך לעבן רעדל פֿון אויטאָבוס, ביים סוחר פֿון ירושלים, ביים רעגירונגס באַאַמטן — באַגעגנט מען זיך מיטן אַלטן ספֿרים־שענקל פֿון באַגייטן עם־הספֿר. ביים חבר פֿון כנסת, דעם סאָציאַליסטישן פֿאָרשטייער פֿון ידישן אַרבעטער אין קיבוץ, פֿאַרנעמען דעם אָנגעזעענסטן אָרט פֿון זיין מעבל, אין דער באַשיידענער דירה, די ביכער־פּאָליצעס. דאָס נייעסטע בוך פֿון העברעאישן שרייבער שטייט דאָרט צוזאַמען מיטן קלאַסישן רוסישן ווערק צו וועלכן עס ציט נאָך אָן אַלטע געוואוינהייט. קאַרל מאַרקס „קאַפּיטאַל״ אין אַ העברעאישער איבערזעצונג שטייט דאָרט לעבן „מורה נבוכים״, און אפֿילו „יד חזקה״ פֿון רמב״ם; און אַוודאי פֿעלט נישט דאָס כאַראַקטעריסטישע בוך אין אַ סך אַרבעטער־היימען — דער תנ״ך פֿון י. ל. גאָרדאָן. און אַז דאָס לעבן איז שווער און פֿאַריאָגט אַ גאַנצע וואָך קומט אָן דער טאָג פֿון שבת און רופֿט און וועקט ממש צו עבודת הבורא — דאָס ספֿר באַקומט זיין תיקון.

פֿאַרמאַכט אַלע קראָמען, געשלאָסן אַלע אַרבעטס פּלעצער און

רעגירונגס־אַמטן, טראָגן זיך קלאַנגען פון תפילות און חזנישע ני־גונים פון די הונדערטער שטיבלעך און שולן אין תל־אביב. גייט דער פֿרומער מקבל שבת זיין אין בית מדרש און דאָס הויז פון פרייען ווערט אָנגעפילט מיט האַרציקע טענער און פסוקים, וואָס די יידישע ראַדיאָ ברענגט אַריין אין דער משפחה־סביבה. שוין אַרום פינף אַזייגער, פרייטיק־פאַרנאַכט, טוט אָן די ראַדיאָ איר שבתדיקן לבוש. דאָ האָט מען, ווייזט אויס, אין זינען געהאַט די פֿרומע היים דעם אָרטאָדאָקסישן ייד, וואָס וועט נישט עפענען די ראַדיאָ נאָך ליכט־בענטשן. קבלת שבת אויפן ראַדיאָ, אגדות פֿון שבת דערציילט מיט טעם פֿון דער וואָך, געלייענט מיטן טראַ־דיציאָנעלן נוסח, על פי רוב פון אפֿרים גאָלדשטיין (די־זהב), די הפֿטרה אין איר אייגנאַרטיקן סטיל, מיט אירע טיפע, מוזיקאַלישע טענער. דאָס אַלץ איז נישט געקומען אַליין פון זיך; אומעטום האָט זיך געפֿאָדערט וויזיע און פּיאָנערישקייט. דאָ איז דער לערער פון ליטעראַטור אין דער העברעאישער שפּראַך, פֿריער אין סע־מינאַר, שפּעטער אין אוניווערזיטעט, עפּשטיין, געווען סיי פּיאָ־נער סיי פּאַרלייענער. זיין פּאַרלייענען האָט זיך אויסגעצייכנט מיט דער קלאָרער ספֿרדישער באַטאָנונג און אָריענטאַלישן אופֿן פֿון אויסשפּראַך. אָן אַנדער באַליבטער פּאַרלייענער איז ווידער אפֿרים ניסן מלמד, גרויסער קענער אין אָריענטאַלישער מוזיק. ער באַ־טייליקט זיך שוין אין דעם צווייטן טייל פון קבלת שבת, וואָס ווערט געגעבן אַרום זעקס־זיבן אין אָוונט פֿאַר יענע יידן און היימען, וואָס ווילן דווקא די יידישע ראַדיאָ איינלאַדן צו זייער שבתדיקן טיש און מסיבה. דאָ קומט שוין אויך צו דאָס נייע העב־רעאישע בוך, דאָס ליד און די דערציילונג. דער בעסטער פֿאַר־לייענער פֿון יידישן טעאַטער ווערט דאָ אויסגענוצט אַריינצוברענ־גען דעם קלאַנג פֿון נייער יידישער שאַפֿונג. אַמאָל איז עס יהושע באַרטאָנאָוו פֿון דער „הבימה", און אַמאָל עמיצער פונעם אַרבע־טער־טעאַטער „אהל".

דער שבת אינדערפרי איז ממשיך דעם אינהאַלט און די שטימונג, וואָס ווערט קאָלעקטיוו געשאַפֿן פרייטיק־פאַרנאַכט, ביים שוועל פון שבת. עס הייבט זיך אָן מיט אדון עולם, יגדל, אָדער לויטן ירושלימער נוסח — מיט דער פרשה פֿון שמע. דערנאָך קומען חזנישע שאַפונגען און לייכטערע יידישע מעלאָדיעס. עס מערקט זיך אגב דערביי אַ שרעקלעכע אָרעמקייט אין אויסוואַל; חזנות איז מערסטנס באַגרענעצט צו הערשמאַן און יאָסעלע ראָזנ־

בלאָט. און אז אָן ארץ־ישראלדיקער באַמערקט דיין אַנטוישונג, כאַפּט ער זיך גלייך פאַרענטפערן זיין לאַנד, זיינע אינסטיטוציעס, אַז איבער פערציק טויזנט פלאַטן האָבן ביי אונדז די אַראַבער צו־געראַבעוועט, עס מאַכט זיך נישט אַזוי גיך ביז מען זאַמלט ווידער אָן אַזאַ אוצר... אין דער צייט פון דער באַפרייאונגס־מלחמה, ווען ירושלים איז געווען אָפּגעשניטן פון לאַנד, האָט מען דאָרט איינגע־שטעלט אַן אייגענע קליינע ראַדיאָ־סטאַנציע, דאָס „קול ירושלים", וועלכע האָט באַזאָרגט די יידישע באַפעלקערונג מיט אייגענע פּראָג־ראַמען. מען פלעגט אין מיטן די גרעסטע סכנות אָפּהיטן דעם כאַ־ראַקטער און נוסח פון ארץ־ישראלדיקן ראַדיאָ. דאָרטן פלעגט מען אויך געבן איטלעכן שבת אינדערפרי ליטעראַרישע פאָרלעזונגען אין וועלכע עס האָט זיך אָפּט באַטייליקט בעלאַ נחמני־ראַפּאַפּאָרט.

און מען לאָזט אויך נישט דורך דעם שבת־צו־נאַכט, די מלווה מלכה. דער טייל ווידער האָט זיך זיין באַזונדערן פאַרזאָרגער און פאַראַנטוואָרטלעכן עסקן — גרשון קום. המבדיל אין חזנישן נוסח צעקלינגט זיך אין אַלע היימען. און אין תל־אביב זענען די היימען ס'רוב אָפענע, מיט אויפגעפּראַלטע באַלקאָנען אויף וועלכע עס ווערן אויפגענומען געסט. בלייבט נישט דער המבדיל צווישן די פיר ווענט, נאָר רייסט זיך אַרויס אין דרויסן און גייט דיך נאָך ווי אַ באַגלייטער גאַס־איין און גאַס־אויס. די קינדער וואַרטן מיט אַ באַזונדערער נייגעריקייט אויף זייער באַליבטן אליהו הנביא ליד. וועט מען נישט גיין שלאָפן ביז דער גוטער אליהו הנביא וועט אָפּזינגען זיין „נומער" פון מלווה־מלכה־פּראָגראַם. עס איז אַפילו דערגאַנגען דערצו, אַז עלטערן פון די קיבוצים האָבן זיך געווענדעט צו דער ראַדיאָ־פאַרוואַלטונג און געבעטן צו געבן דעם מלווה־מלכה־פּראָגראַם אַביסל פריער, כדי די קינדער זאָלן גיין שלאָפן אין צייט און קאָנען אויפשטיין זונטיק אינדערפרי, ווען עס הייבן זיך אָן די וואָכעדיקע טעג פון לערנען און אַרבעט.

די שבתדיקע פּראָגראַמען, וועלכע טרעפן די משפחה אויס־גערוט און צוזאַמען, שאַפן די געוואוינהייט און אַנטוויקלען דעם געשמאַק. דאָס איז אַזאַ גייסטיקע הכשרה פאַרן בעסטן וואָרט, פאַרן בוך און ספר, פאַרן פאַרטיפטן נוסח אין ליד. דער שבת־דיקער טאָג איז אויך אויסגעפילט מיט פאַרשידענע עפנטלעכע ליטעראַרישע אונטערנעמונגען און לעקציעס. אָט רופן אייך מודעות צו קומען הערן אַ לעקציע וועגן „באַרדוי — דער מענטש און שרייבער"; „בערל — דער לערער פון אונדזער דור"; „קיבוץ

גליות און די אויפֿגאַבעס פֿון דער מדינה״. און אָט איז גאָר אַ
ווענדונג צו פרויען פֿון „ארגון אמהות עובדות״; זיי פֿירן אָן
אייגענע תנ״ך־קורסן פֿאַר פרויען, צום מערסטן שבת אינדערפֿרי.
אַז דער באָדן איז שוין גרייט, קאָן מען אויך אַריינפֿלעכטן אַן
ערנסטע האַלבע שעה אין אַ געוויינלעכן וואָכעדיקן אָוונט. הערט
מען זיך אָפּ צו צום שיעור אין גמרא, אָנגעפֿירט יעדן מיטוואָך
אָוונט פֿון פּראָפֿעסאָר און רעקטאָר פֿון אוניווערזיטעט הרב שמחה
אסף, אָדער פֿון דר. נריה, אָדער צו די קינסטלערישע תנ״ך־פֿאָר־
לעזונגען פֿון שלמה באַרטאנאָוו. ארום צען אָוונט ווערט די ראַ־
דיאָ יידיש־היימלעך. דוב־בער מאַלקין רעדט אויף מאַמע־לשון וועגן
אַ יידישן שרייבער, אַ בוך, אָדער געשעעניש אין דער ליטעראַ־
רישער וועלט. אויך ווערט איבערגעגעבן די נייעס און די געשעע־
נישן פֿון טאָג. איך האָב געטראָפֿן אַלטע תושבים, אַמאָליקע פֿאַר־
ברענטע קעמפֿער פֿאַרן אויסשליסלעכן העברעאיש אין ארץ־ישראל,
זיצנדיק פֿאַרטראַכט און דורכגענומען ביי אָט־די פּראָגראַמען. עס
איז שוין נישטאָ קיין פֿאַרביטערונג, ס׳איז געבליבן אַ נאָגנדיקע
בענקשאַפֿט נאָך עפּעס וואָס איז אזוי היימיש נאָענט און ציט צו
זכרונות פֿון אַ סענטימענטאַלן נעכטן. אַ שאָד נאָר וואָס די פּראָג־
ראַמען זענען נישט רייכער אין אינהאַלט, וואָס עס פֿעלט דאָ דאָס
קינסטלערישע וואָרט — דאָס יידישע ליד.

רו און קולטור

נישט ווען אַ נאָמען סתם גייט עס דאָ, נישט אַ „פּאַרק פּאַר רו און קולטור" פּאַר אויסדערוויילטע אַרבעטער־אַריסטאָקראַטן, אין אַ באַשטימטן פּלאַץ נאָר, אין אַ געוויסער שטאָט. עס האַנדלט זיך וועגן אַ גאַנצן טאָג פון רו און קולטור, וואָך־איין, וואָך־אויס, פּאַר אַלע, וואָס אַרבעטן און שאַפן, נאָך מער — וועגן אַ גאַנצן מעת־לעת מיט עטלעכע צוגעגעבענע שעהן דערצו, וועגן שבת אין ישראל.

שווער איז דער וואָכנטאָג אין לאַנד, דער ארץ־ישראלדיקער מענטש אַרבעט אינטענסיווער און לענגערע שעהן ווי אין וועלכן נישט איז אַנדערן לאַנד פון יידישע ישובים. עס איז נאָך אַלץ נישט אַריבער די צייט פון איינוואָרצלען זיך אין אַ נייעם לאַנד; יאָגט מען נאָך אַלץ, וואָס מער צו באַווייזן, וואָס מער צו דערגרייכן. דער קיבוצניק אַרבעט אין זיין אייגענער היים; יעדער נייע דערגריי־כונג איז אַ טריט פאָרויס לייכטער צו מאַכן דאָס לעבן, אריינצו־ברענגען מער סדר, אָדער נאָך אַן עלעמענטאַרע איינריכטונג. אַר־בעט מען פון זון־אויפגאַנג ביזן אָוונט אין שוויס פון פּנים. דער שטאָטישער אַרבעטער ווידער יאָגט זיך וואָס פריער צו פאַרלאָזן זיין היים, כדי אין צייט אָנצוקומען צום אַרבעט־פּלאַץ. נישטאָ די זי־כערקייט פון פּינקטלעכער קאָמוניקאַציע, דאָס לאַנד האָט זיך שנעל אַנטוויקלט, די באַפעלקערונג גוואַלדיק פארגרעסערט, און קיין נייער אויטאָבוס קומט נישט צו, די אַלטע ווערן אָפּגענוצט און צע־בראָכן. שטייען לאַנגע רייען פאַר די אויטאָבוס־סטאַנציעס, שעהן ווערן אומזיסט פאַרשווענדט און געדולד ווערט אויסגענוצט און גע־שפּאַנט.

זייער פּרי הייבט זיך אָן דער אַרבעט און מי טאָג אין ישראל. אוודאי וויל מען אויך אַריינכאַפּן די עטלעכע פּרימאָרגן שעהן איי־דער די זון הייבט אָן באַקן און מידקייט צעגיסט זיך איבער אַלע אברים. שווער אַרבעט די ארץ־ישראלדיקע פּרוי, די באַלעבאָסטע אַ גאַנצע וואָך. נאָך שווערער איצט, ווען די שפּורן פון דער נאָר וואָס איינגעשטילטער באַפרייאונג־מלחמה זענען נאָך אַזוי קענטיק אין אַלע ווינקעלעך פון לעבן. נישטאָ דער טעלעפאָן אין שטוב אָפּצורופן דעם שפּייז־קרעמער און באַשטעלן די נויטיקע פּראָדוקטן. נאָך מער, אפילו ווען מ׳גייט שוין אַליין צו אין דער שפּייז־קראָם מוז מען אָפּט זיך שטעלן אין דער ריי (דער איבעריקער תּור אין

ישראל, וואָס פּייניקט און מאַטערט און נעמט צו אַזוי פיל טייערע צייט אין לאַנד), איידער מען קאָן גאָר עפּעס קריגן. און שיטער זע־נען די פּאַליצעס, קליין דער אויסוואַל פון פּראָדוקטן. און וואָס מען קריגט, איז מיט חשבון, מיט קאַרטן, אַזויפיל און אַזויפיל פאַר קאָפּ, אַזויפיל און אַזויפיל פאַר משפחה. גייט אָפּטמאָל אַהיים די באַלעבאָסטע מיט אַ קיישל גרינס און אַ פול האַרץ מיט זאָרג, די אַזוי צוצוגרייטן דאָס נאָענטסטע מאָלצייט. זיי פאַרקלאָגן זיך ניט, די ארץ־ישראלדיקע מענטשן, פאַרקערט — מיט פרייד באַ־געגנען זיי יעדער קליינע דערלייכטערונג, יעדער נוצלעכע אויס־געסערונג. זיי ווייסן, אַז דאָס, וואָס זיי האָבן איצט איז אויך זיי פּרוכט פון שוויס, און דערגרייכט האָבן זיי עס מיטן בלוט פון זייערע טייערסטע, פון זייערע זין און טעכטער. ערשט דאָ נישט לאַנג איז דאָך יעדער טריט געווען מיט סכנה; זעט מען דאָך נאָך די סימנים פון קוילן, דורכגעלעכערטע ווענט, אָפּגעריסענע בעזימסן, אומעטום איבערן לאַנד, אין שטאָט און אין דאָרף. זיי פאַרקלאָגן זיך נישט די מענטשן פון אַרבעט און מי אין דעם נייעם ישראל.

אָבער אָט קומט אָן דער ערב שבת; עס דערנענטערט זיך דער אָפּשלוס פון אַ שווערער וואָך קאַמף פאַר לעבן. ווי אַ קינדער־שפּיל און שוואַכע נאָכמאַכונג איז געווען דער ערב שבת אין אַמאָליקן שטעטל. דאָרט איז דאָס לעבן אַ גאַנצע וואָך אויך געווען פאַמעלעך און פויל. די ציג אין מיטן שטעטלשן מאַרק האָט זיך גאַנץ בכבודיק אַרומגעדרייט יעדן טאָג פון דער וואָך און פאַר־נומען דעם אויבנאָן פון אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. בלויז איין טאָג אין דער וואָך, אין טאָג פון שטעטלשן יאַריד, איז דאָס לעבן געווען קאָכעדיק און פאַריאָגט. דאָ, אין ישראל, קומט דער שבת אָפּצושטעלן אַ רוישיקע, לויפנדיקע מאַסע פון שפּעפערישע מענטשן, וואָס אַרבעטן אין שוויס פון זייער פּנים און זענען מקיים אויך דעם ערשטן טייל פון שבת־געבאָט: ששת ימים תעבוד ועשית כל מלאכתך . . .

ביסט אין תל־אביבער פּאָרט. עס קאָכט און רוישט אַ גאַנצע וואָך פון שווערער אַרבעט. עס וויגן זיך שיפן מיט סחורות גע־בראַכט פון דער גאַנצער וועלט. קאַסטנס ריזיקע און זעק, רערן און מאַשינען, פּעסער און טראַקטאָרן. שוין פריטיק באַלד פרי באַמערקט מען אַ נערוועזע אײלעניש אין אַלעמענס אַרבעט. היינט איז ערב שבת און די אַרבעט וועט זיך אומעטום אָפּשטעלן מיט

שעהן פריער, ווי יעדן טאָג. שוין 1־12 אַזייגער הייבן אָן אוועקגיין די ערשטע באַאַמטע און אויך אַרבעטער. שבת בשלום! הערט מען דאָ און דאָרט. דאַכט זיך אַזוי ווייט נאָך צו שבת, און דאָס איז דאָך נישט עפּעס אַ חסיד מיט אַ באָרד און פּאות, וואָס גייט אין מקווה. אַרבעטער פּשוטע, מיט זון־פאַרברענטע, אָפּגע־דעקטע אָרעמס, מיט שפּייז־פּעקלעך אונטער די הענט. שבת שלום, אַ גוטן שבת — הייסט עס, און ס'איז אַזוי פּשוט און נאַטירלעך. פאָרסט מיטן אויטאָבוס, ס'איז אָנהויב נאָכמיטאָג און פון צייט צו צייט גייט אַראָפּ אַ פּאַסאַזשיר. שבת שלום, און ס'איז פאַר אַלעמען פאַרשטענדלעך צום מערסטן הערט מען עס דווקא פון אַרבעטער, וואָס קערן זיך אום אַהיים, כדי זיך אויף גיך אָרומצוואַשן און מכין זיין זיך צום טאָג פון רו און קולטור, צום שבת, דעם גרעסטן סאָציאַלן געווינס פון דעם יידישן אַרבעטער קלאַס אין נייעם ישראל.

צום יידישן אַרבעטער אין לאַנד איז דער שבתדיקער ציטער מסתמא געקומען פון דער קבוצה. דאָרט האָבן די חלוצים און טרוימער פון אַ פול און באַנייט יידיש לעבן, געבויט אויף אַר־בעט, גלייכהייט און קולטור, די ערשטע אָנגעפילט דעם שבת מיט יום־טובדיקן אינהאַלט און פאָרם. די ערשטע זענען געווען די קינדער מיט זייערע דערציער און לערער. מען האָט זיך גע־וואַשן און געצוואָגן, אָנגעטאָן נייע, ריינע בגדים און ווייסע בלוז־זעס. די טישן אין חדר־אכל האָט מען אָנגעהויבן דעקן מיט ווייסע טישטעכער, און ס'איז צוגעקומען אַ נייע באַצירונג צום אַלטן שבת — בלומען. ווי די שבת־ליכט אין היימישן שטעטל, אַזוי האָבן נישט אויסגעפעלט אויפן חלוצישן טיש די בלומען פון שבת. און פון קיבוץ איז דער מנהג גיך אַריבער אין שטאָט. איצט זעט מען אויף שריט און טריט ווי באַלעבאָסטעס איילן זיך אַהיים פרייטיק נאָכ־מיטאָג מיט בוקעטן בלומען אין האַנט. נישט זעלטן איילט זיך דער אַרבעטער, וואָס האָט נאָך דעם שווייס פון פנים נישט אָפּ־געווישט, און אין אַ פאַרשמירטער האַנט טראָגט ער, איינגעהילט אין ווייסן, דינעם פּאַפּיר, זיין מתנה, זיין צושטייער צום שבתדיקן טיש — בלומען אויף שבת. אויף די גאַסן פון תל־אביב זעט מען פרייטיק פאַרנאַכטלעך די לעצטע בלומען פאַרקויפערס. אויף ני־דעריקע וועגעלעך, נאָענט ביי די טראָטואַרן, שטעלן זיי אָפּ דעם איילנדיקן עולם. מען טראָגט דיר אונטער גלייך אין פנים אַריין דעם בוקעט בלומען, פאַר שפּאָט ביליק. דאָס איז די לעצטע סחורה,

וואָס מען מוז „אָפּשטופּן", ס'קאָן נישט בלייבן אויף איבער דער וואָך.

אַ באַזונדער פּנים מיט אַ טיפן אויסגעשפּראָכענעם כאַראַק־טער האָט דער שבת אין ירושלים. די אויטאָבוסן, וואָס לויפן צווישן תל־אביב און ירושלים, איילן זיך כדי נישט אַריינצוקומען אין שטאָט, ווען עס באַווייזן זיך שוין די ערשטע שבת־ליכט אין די פענצטער. אין ערגעץ אין לאַנד איז די יידישע באַפעלקערונג נישט אַזוי פאַרשידנאַרטיק ווי דאָ אין ירושלים. מזרח און מערב, סאָ־ציאַליסטישע יידישע אַרבעטער מישן זיך אין גאַס און אין לעבן מיט יידן, וואָס טראָגן בערד און פּאות. גאַליציאַנער חסידים גייען דאָ אַרום אין פּולן טראַכט פון אַלטן חסידישן הילוך. שטריימלעך מיט דרייצן שפּיצן און שוואַרצע פּליושענע קאַפּעלושן מישן זיך מיט טורבאַנען און כאַלאַטן פון אָריענטאַלישע יידן. און ווען דער שבת קומט אָן לייגט זיך אַרויף אַ טיפע שלווה אויף דער גאַנצער שטאָט מיט אַלע אירע טיילן, קלאַסן און עדות. יידישע קינדער מיט שבתדיקע בגדימלעמך, מיידעלעך מיט אויסגעצוואָגענע קעפּלעך פּילן אָן די גאַסן און געסלעך מיט יום־טובדיקן גערודער. עס גייען געמיטלעך פון אַלע זייטן די אָריענטאַלישע יידן, אויסגעפּוצטע אין זייער טראַכט. אָט גייט אַ ייד פאַרלייגט די הינט הינטער זיך און אַ שנירל קרעלן באַמבלען זיך אים צווישן די פינגער. ער גליטש אַזוי געמיטלעך אַריבער יעדער קרעל פון איין זייט שנירל אויף דער צווייטער, און אַז די לעצטע קרעל איז שוין אַריבער, הייבן די פינגער אָן פּאַוואָליע און אין נחת צו פירן די קרעלן צוריק... הין און צוריק, הין און צוריק, אָן איילעניש, אָן זאָרג, מחמת נחת פון יום שכולו שבת. אין די שמאָלע געסלעך, באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ, פּילן זיי אָן זייערע שולן און בתי תפילה. דאָרט ווערט דער איראַקער יידישער האַרעפּאַשניק, וואָס האָט אַלע טעג פון דער וואָך געאַרבעט שווער און ביטער ביים כביש, אָדער מיט דינאַמיט געריסן פעלדזן אונטער ירושלימער גאַסן ביי דער שטאָטישער קאָלאָניזאַציע אַרבעט, דאָרט ווערט ער צוריק אַ פרייער מענטש, אַ פּרינץ. דער תימנער יידישער טרעגער, וואָס שלעפּט אויף זיינע פּלייצעס גאַנצע בלאָקס מיט ריזיקע קאַסטנס, שטייט אויסגעפּוצט אין זיין בית תפילה. זיי דאַווענען, די אָריענטאַלישע יידן, בקול רם, מ'זינגט עפּעס אַזעלכע אומבאַקאַנטע תפילות מיט נישט געהערטע ניגונים און מער פון אַלעמען זינגען און טומלען חברה קליינוואַרג, וועלכע באַטייליקן זיך אין די תפילות גלייך מיט

די דערוואַקסענע. דער אשכנזישער ייד ווידער האָט זיך ישורין שול, וואָס שמעקט שוין אביסל מיט אָדעסער באַלעבאַטישקייט און רעפאָרם שטילקייט. אין גאַס באַווייזן זיך פאָרלעך. עס שפּאַצירן יידישע בחורים און מיידלעך פון אַלע „ראַסישע" טיפּן און „קאַ־לירן", יידישע יוגנט פון אַלע עקן וועלט, בלאָנדע און טונקל־הויטיקע, סאַברעס און סאָלדאַטן. און די זעלביקע געמיטלעכקייט פון טאָג פון רו און קולטור, פון יידישן שבת אין ארץ־ישראל.

כּאַראַקטער

די ענגלישע האָבן אויף דעם אַ טייער ווערטל — „סעלף מעיד מען". מענדל פעדערמאַן איז דאָס אָט־אַזאַ טיפּ אויף דער יידישער גאַס אין טאָראָנטע. פעדערמאַן איז איינער פון די פּאָפּולערסטע געזעלשאַפטלעכע מענטשן אין שטאָט. — ווי אַזוי איז ער דאָס געוואָרן? וועלכע „שאַנסן" האָט ער געהאַט? ווער האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט און אַריינגעפירט אין דער סביבה פון טוער און פירער? „סעלף מעיד מען" — איז דער ענטפער. אַליין זיך דורכגעבראָכן דעם וועג. כּאַראַקטער און אָנטשלאָסנקייט האָבן עס באַוויזן.

געקומען אַהער כמעט נאָך אַ יינגל, אָנגעהויבן אַרבעטן אין שאָפּ. אָבער זיין היימישע כמיעלניק האָט אים קיין פאָך נישט צוגעגרייט, האָט אים נישט אויסגעלערנט האַלטן קיין בעל־מלאכהשן מכשיר אין האַנט, אַפילו נישט קיין שער־און־אייזן. איז זיין ערשטער אינסטרומענט געווען דער בעזים — אַ „פלאָר"־יינגל מיטן בעזים אין האַנט (שפּעטער איז עס ביי אים געוואָרן אַן אייזערנער בעזים, וועלכן ער האָט גענוצט מיט אַ שטאָלענעם כּאַראַקטער אויסצוקערן און אויסצורייניקן זיין יוניאָן)... דאָ האָט זיך אָנגעהויבן זיין אַרבעט־קאַריערע. אַ פלינקער איבערצונעמען אַן אַרבעט (אַמאָל נישקשה געלערנט די קליינע אותיותלעך), איז ער גיך געוואָרן איינער פון די בעסטע אין זיין פאָך. אָבער פּעדערמאַן האָט אויך ליב געהאַט צו זען און צו הערן. פון אַ קליין שטעטל אין פוילן איז ער פּלוצלונג אַריינגעפאַלן אין אַ רוישיקער יידישער אַרבעטער־סביבה. מענטשן וואָלטן געקאָנט לעבן, לעבן שיין און שאַפן, אָבער מען לאָזט דאָך נישט. און פעדערמאַן איז נישט פון די טיפן, וואָס שטייען פון דערווייטנס און קוקן זיך צו. דער שאָפּ ווערט זיין אַרענער, וואָס וויקלט אויף פאַר אים אַרבעטער־פּראָבלעמען — די יוניאָן ווערט זיין טריבונע, זיין פּראָלעטאַרישע שול אין וועלכער ער מאַכט דורך דעם הויכן קורס פון מאַקסים גאָרקיס אוניווערזיטעטן...

די סטודענטן פון גאָרקיס אוניווערזיטעטן זענען נישט קיין אויסגעבכאַליעטע יונגעלייטלעך, מיט דער מאַמעס מילך אויף די ליפּן, וואָס מען שטופּט זיי און שטאָפּט זיי ביז זיי מוזן, נעבעך, ווערן דאָקטוירים. גאָרקיס סטודענטן מוזן האָבן כּאַראַקטער און ווילן, איינפאַל און מוט צו קענען גיין דורכן לעבן אומגעשטערט. מענדל פּעדערמאַן הייבט זיך אָן מישן אין לעבן פון זיין יוניאָן, הייבט אָן נעמען אַ וואָרט פון דער טריבונע. אים אַרט נישט, ווי

אַזוי ער זאָגט עס, ער פּוצט נישט זיין וואָרט, אים האָט מען נישט געלערנט קיין רעטאָריק, ער פאַרמאָגט נישט קיין דיפּלאָמאַטישע בלומען־שפּראַך. גייט ער אַרויף אויף דער סצענע, ווערט אַ ביסעלע בלייך אין אָנהייב (נישט פאַר שרעק, חלילה, ניין, ער איז בלויז אויפגערעגט), און הייבט באַלד אָן אויפן הויכן קול. פּעדערמאַן שרייט אויס זיין וואָרט, רייסט אַרונטער די עוולה, און רופט די אַרבעטער נישט צו זיין קיין גולמס. און אַז עס קומען זיך צוזאַמען ענגלישע אַרבעטער־טוער, מעגן עס זיין וויליאַם גרינס און מע־טיו וואָלס, איז מענדל פּעדערמאַן דאָ צווישן די וואָרט־פירער. איז וואָס, אַז זיין ענגליש וואָרט איז נישט איינגעוויקלט, ווי אַן אתרוג אין וויכע וואַטקעלעך, אַז זיין סטיל איז נישט פון מילטאָנס „פאַר־לוירענעם גן־עדן" און זיין אַקצענט קאָן נישט קאָנקורירן מיט אַ רעפאָרם ראַבאַי. מענדל פּעדערמאַן, דער פירער פון ידישע אַר־בעטער, האָט עפּעס וואָס צו זאָגן ,און צי זיי ווילן, צי זיי הילן נישט, — ועלן זיי שוין הערן (ער דאַרף קיינמאָל נישט קיין מיקראָ־פאָן — ער וועט זיך דאָך נישט אָוועקשטעלן, ווי אַ קאַלטער לונג־און־לעבער איינרוימען אַ סוד דעם מיקראָפאָן אין אויער; ער האָט פיינט פאַרמיטלערס, ער קאָן אַליין).

לעבט דורך דער יידישער ישוב אין ארץ־ישראל אַ קריזיס, באַווייזן זיך שוואַרצע וואָלקנס אויף אונדזערע פּאָליטישע הימלען, פעלט נישט מענדל פּעדערמאַן קיין מוט אַרויסצוקומען פאַר די פאַרשטייערס פון מיליאָנען אָרגאַניזירטע אַרבעטער אין אַמעריקע מיט זיינע פאָדערונגען און רעזאָלוציעס פאַרן חלוץ אין ארץ־ישראל, וואָס שטייט מיטן דלאָט און אַקער־אייזן ביים שטיינער־דיקן באָדן פון אַ פאַרוואָרלאָזט לאַנד. ערלעך איז פּעדערמאַנס אומ־געשליפן וואָרט, און עס קומט דירעקט פון דער טיפעניש פון גע־פיל און איבערצייגונג — ווערט עס אויפגענומען מיט דרך־ארץ, און עס קלינגט שפּעטער אָפּ אין וואָגיקע רעזאָלוציעס פון גרויסן פּאָליטישן ווערט.

יאָ, מענדל פּעדערמאַן איז נישט בלויז אַ יוניאָניסט, ער איז אויך אַ טיף איבערצייגטער און אַקטיווער פּאַרטיי־מענטש (לינקע פּועלי ציון). ביי אים איז דאָס נישט קיין סתירה חלילה: עס איז איין וועג, וואָס פירט דעם יידישן אַרבעטער צו זיין פולער באַפריי־אונג, צו זיין גאַנצן אויסלעבן זיך, ווי אַן אַרבעטער און אַ ייד. און וואָלט פּעדערמאַן געוואוינט געוווען צו גיין אויף אויסגעטראָטענע וועגן, וואָלט נישט געווען כאַראַקטער אין אַלץ, וואָס ער טוט,

וואָלט ער זיך מיט אַזעלכע „נאַרישקייטן" נישט פאַרנומען. עס איז נישט אין סטיל פון ווייס־קאַלנערישן טרייד־יוניאָניסט, וואָס „זיצט אין אָפיס" זיך צו שפּילן אין פּאָליטישע אַרבעטער־פּאַרטייען, ווער שמועסט נאָך ידישע...

אַן איינזערנער כאַראַקטער, אַן אומדערמידלעכער אויסדויער, און דאָך נישט קיין ליטוואַק... איר וועט אים אָפּט זען איבערגע־שפּאַנט מיט סענטימענטן און ווייכקייט. ער איז פּאַריאָגט, אָבער אַ טעות מאַכן די וואָס מיינען, אַז פעדערמאַן האַלט אין איין עסן שטרייקן און „אַגרימענטס". ווער עס קען אים נענטער, ווייסט, אַז צווישן זעקס און אַכט אין אָוונט וועט איר אים שטענדיק טרעפן אין דער היים (פּונקט ווי צווישן זעקס און אַכט אין דער פרי — אויפן אַרבעטער־„מאַרקעט"). ער לייענט דעמאָלט זיין צייטונג, זיין „נייוועלט", זיין „צוקונפט", זיין „פּראָלעטאַרישן געדאַנק". און האָט ער עפּעס געפונען אַ ניי וואָרט, אַ געדאַנק, בלייבט ער זיצן פאַרטראַכט, אָדער ער וועט זוכן עמיצן צו דערציילן, איבערצו־רעדן. „אַ וואונדערבאַר וואָרט האָב איך היינט געפונען לייענענדיק די רעדע פון א. מענעס, ביים „צוקונפט"־סימפּאָזיום" — דערציילט ער זיין חבר — „ווער איז דער אמתער רייכער מענטש? דער וואָס פאַרמאָגט צייט"... צייט צו לעבן, ווי אַ מענטש און נישט בלויז צו מאַכן אַ לעבן... און אַז זיין חבר דערקלערט אים, אַז דער דאָזיקער געדאַנק (פון קעלמער מגיד, אַנטקעגן די וואָס האַלטן אין איין שרייען „נישטאָ קיין צייט") איז טאַקע שיין, אָבער דאָס איז בלויז אַן אויסטייטשונג פון דעם אַלטן „איזהו עשיר השמח בחלקו", שמייכלט ער מיט נחת, טאַקע ריכטיק און דאָך שיין.

יאָ, ער האָט אויך צייט, צייט אָנצושרייבן אַן אַרטיקל (ער היט דעם קאַלענדאַר פון אַרבעטער יום־טובים), צייט מבקר חולה צו זיין אַ חבר, אָפּצוהיטן אַ יאָרצייט נאָכן טאַטן, און — איבער אַלץ — צייט הויך צו לאַכן פון נחת נאָך אַ פאַרענדיקטער אַרבעט. און אַז פעדערמאַן לאַכט, הערן זיך אַלע צו (אַ ברירה האָט מען), עס קלינגט אָפּ אין אַלע ווינקעלעך. ווען ער איז געשטאַנען אין קאַמף מיט בעז גאָלדן, און עס זענען געפלויגן קלעפּ אויף אים פון אַלע זייטן, האָבן זיינע נאָענטע געוואוסט, אַז ער איז זייער קראַנק. מ'האָט אים געבעטן גיין אין שפּיטאָל זיך לאָזן אָפּערירן, אָבער קיין זאַך האָט נישט געהאָלפן. פלעגט ער אָפּטמאָל אַוועק־פאַלן, זיך קאַרטשען אין ווייען — און ווידער אויפשטיין צום קאַמף. ווען דער שאַרף פון אַנגריף איז אַריבער, און ער האָט דער־

פילט, אַז זײַנע קעגנער האָבן פאַרלוירן, איז די ערשטע זאַך גע־
ווען די אָפּעראַציע. איך האָב אים געזען אין שפּיטאָל, ווען ער
איז שוין אַביסל געקומען צו די כוחות. אויף מײַן פֿראַגע, וואָס ער
מאַכט און ווי ער פֿילט זיך, האָט ער זיך ברייט צעשמייכלט...
לאַכן מיט „ריטם און קלאַנג" האָט ער נאָך נישט געקענט, אָבער
געמיינט האָט עס סיי־ווי: פֿאַרענדיקט דעם ערשטן „ראונד", האָב
איך מיר גענומען אביסעלע וואַקאַציע...

יאָ, כאַראַקטער און ווילן האָבן מענדל פֿעדערמאַן דערהויבן
צו אַ מדרגה פֿון אַן אָנגעזעענעם און באַליבטן ייִדישן טוער.

דאָס איז זײַן גאַנץ עשירות, וואָס ער האָט זיך דערוואָרבן אין
די 25 יאָר אַרבעטער קאַמף. ער באַקלאָגט זיך נישט, ווײַל ער
ווייסט דעם סוד: ווער איז אַן עושר, דער וואָס האָט צײַט צו זײַן
אַ מענטש.

שבתי ראַפּאָפּאָרט
זאַמלונג

אַרויסגעגעבן פון:

•

חברים קאָמיטעט

•

מיט דער מיטהילף פון:

•

פייגל, רבקה און יהודית ראַפּאָפּאָרט

•

קאַנאַדער יידישער קאָנגרעס

•

בילדונג קאָמיטעט
אַרבעטער רינג, ניו־יאָרק

•

אחדות העבודה — פועלי ציון
טאָראָנטע

•

אינדעפּענדענט אַרבעטער רינג
טאָראָנטע

•

י. ל. פּרץ שול, וויניפּעג

•

י. ל. פּרץ שול, קאַלגאַרי

•

לערער פּאַריק, טאָראָנטע

•

פּרוזשאַנער פּאַריק,
בועבאָס איירעס, אַרגענטינע

•

שבתי ראַפּאָפּאָרט פרויען קלוב
טאָראָנטע

SHABSA RAPOPORT

ZAMLUNG

ESSAYS

1955

Printed in Canada by The
Pomer Publishing & Printing Company

206 SPADINA AVE., TORONTO 2B, ONTARIO, CANADA.